STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05670

# ESEYEN UN KRITIK VEGN LITERATUR UN KUNST

Isaac Isaacson

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Herbert & Bette Schein*
*in memory of*
*Jennie & Harry Weinberg. They loved Yiddish & Yiddishkeit*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמיועל פיפס

איצכאָק איסאַקסאָן

# עסייען און קריטיק
## וועגן
# ליטעראַטור און קונסט

פאַרלאַג „וויסן“
בוענאָס-איירעס.
1 9 3 3

*Printed in Argentina*

Copyright by
ISAAC ISAACSON

# Ensayos sobre Literatura y Arte

Buenos Aires — 1933

TALLERES GRÁFICOS
KRASILOVSKY y PERTZOVSKY
V. GOMEZ 2719

ג ע ו ו י ד מ ע ט פ ר י י נ ט

שמואל מארטשעווסקי

וועלכער האָט דערמעגליכט דאָס

דערשיינען פון דעם דאָזיקן בוך.

# ווי אַזוי דאָס בוך איז געוואָרן.

## אָנשטאָט אַ פֿאָרוואָרט

יעדעס מאָל ווען אַ לאַנג פֿאַרגאַנגענער קינסטלער אָדער דיכטער פֿאַראינטערעסירט מיך, אָדער ווען אַ פֿריש צאַפּלדיק אַקטועל בוך פֿון אַ היינט־צייטיקן מעכאַבער פֿאַלט אַריין צו מיר אין די הענט אַריין, פֿאַרצייכן איך די געדאַנקען און געפֿילן וואָס אַזאַ קינסטלער, דיכטער אָדער בוך רופֿן בײַ מיר אַרויס. דאָס פֿאַרצייכנטע ווערט יעדעס מאָל פֿאַרעפֿנטליכט אין „די פּרעסע“.

דעם עמעס געזאָגט בין איך קיינמאָל ניט צופֿרידן מיט מיינע אַרבעטן. דער גרויסער פֿראַנצויזישער מאָלער מייסאָניע האָט נאָך אַמאָל זיך אויסגעדרוקט, אַז אָפּטמאָל רייבט ער אָפּ אַן אַרבעט פֿון אַסאַך טעג און מאָלט איר איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל קעדיי איר צו מאַכן בעסער, און ער שרייט אויס: „אוי, דער בעסער, דער בעסער, ער פֿירט אונדז שיר ניט אַראָפּ פֿון זינען!“

אַמאָל האָט מען געהאַט געדולד און צייט, האָט דאָך דער ערשטער און גרעסטער עסייאיסט — מישעל דע מאָנטען — פֿאַרברויכט נ י י ן יאָר אַף זיינע ערשטע צוויי בענד עסייען. היינט איז די צייט אַן אַנדערע, אַ שטורמישע און שווערע, שטייט מען אין קאַמף פֿאַר אַ מער ליכטיקער ווירקליכקייט און מען לאָזט זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען, מען שאַפֿט אַלעמאָל נייע און שטענדיק מיינט מען אַז דאָס לעצט געשאַפֿענע איז דאָס בעסטע, נאָכדעם אַנטוישט מען זיך און מ'איז זיך אַליין מאַוטיאַך לעהאַבע צו שאַפֿן נאָך אַ בעסערע זאַך... און אַזוי קעסיידער. און אַזוי איז עס, ווייל שווער זיינען די ליידן פֿון אויסדרוק און די גרעסטע קונסטווערק זיינען בלויז אַ שוואַך ווידערקאָל פֿונעם שעפֿערישן און ברויזנדן פּראָצעס, וואָס קומט פֿאָר אין דער נעשאָמע פֿונעם קינסטלער.

דער טאָן פֿון מיינע פּרוּוון און אָנשטרענגונגען (און אַזאַ איז אייגנטלעך די באַדייטונג פֿונעם וואָרט עסיי) איז, האָף איך, אַן אויפֿריכטיקער, און אויב ס'זאָל זיין עמעס אַז „וויסן און געשמאַק איז ניט גענוג פֿאַר פּערפֿעקטער קריטיק אָן דעם צומיש פֿון אַ מער זעלטענער אייגנשאַפֿט — סימפּאַטיע“, פֿעלט ניט קיין סימפּאַטיע צו די קריטיקירטע אין דעם בוך, כאָטש איך בין, כאָלילע, ניט אויסן דערמיט צו פּרעטענדירן אַף פּערפֿעקטער קריטיק...

עס איז איבעריק צו באַמערקן אַז פֿון יעדן עסיי און אָפּשאַצונג זעט מען קלאָר צו וועלכן לאַגער איך געהער און אויב די „טענדענץ“ איז ליפּגאָם פֿון מיין בוך — בין איך שטאָלץ דערויף, ווייל דאָס קומט פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון מיין מענטשלעכן און שרייבערישן איך.

כאָטש די עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען בילדן ניט קיין אייןהייטלעכע סיסטעם און זיינען „צופֿעליק“, אַזוי צו זאָגן, גלויב איך, פֿילט מען אין אַלע איין באַשטימטן סאָציאַלן צוגאַנג צו וועלט און מענטש.

מיט דעם געזאָגטן לאָז איך איבער פֿאַר די לייענער אורצוטיילן די ווערט פֿון מיין ערשטן בוך.

**דער מעכאַבער.**

ב. איירעס, דעם 12־טן אַפּריל 1933.

# סעמיועל פיפס.

אַ פֿרעמדער נאָמען, אָבער אַ נאָענטער איניען פֿאַר אַלע לייענער פֿון אַלע פֿעלקער. ניט ווייל ס'איז וויכטיק צו וויסן אַז אין זיבעצטן יאָר־הונדערט (געב. אין 1633, געש. אין 1703) האָט געלעבט אַ לאָנדאָנער שניידערס אַ זון, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס באַשיידענער אדמיראַליטעט־באַאַמטער און האָט זיך שפּעטער אַרויפֿגעאַרבעט צו ווערן אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט און פּרעזידענט פֿון דער ענגלישער קייזערלעכער געזעלשאַפֿט; אויך ניט צו דערציילן אַז פּיפּס האָט, ווי מ'דריקט זיך אויס, אָפּגעלעבט זיינע זיבעציק יאָר אין אוישער און קאַ־וועד זיינען געציילט די שורעס.

סעמיועל פּיפּס האָט ניט בלויז אַ שייכעס צו ליטעראַטור, ער איז אַ ליטעראַרישער גאָען, דערצו איז ער אַ סואי כענעריס, אַ מעיוכאָד בעמינוי — אָריגינעל און איינציק. אין וואָס באַשטייט זיין אָריגינאַלי־טעט, פֿאַרוואָס לוינט זיך אָפּ אים אָפּצושטעלן, די אוניווערסאַלקייט, אַזוי צו זאָגן, פֿון זיין נאַטור — אָט דאָס איז מיין אויפֿגאַבע אויפֿצו־קלערן אַצינד.

אונדזערע אַלטע האָבן געזאָגט: „אין אדם זוכה לשני שולחנות”, אַ מענטש, הייסט עס, קען ניט זוכע זיין צו צוויי טישן — צו דער וועלט און צו יענער וועלט. און גאַנץ ריכטיק: — זוכסטו צו מאַכן אַ קאַריע־רע, מאַטעריעלע גיטער, לוקסוס א. ד. ג., ווערט דער מאָגן דיין באַלע־באָס און דיין גאַנצער סייכל, דיין „גייסט” ווערט דעם מאָגנס געטרייער דינער. און, פֿאַרקערט, ווערסטו פֿאַרצערט און ליידנשאַפֿטלעך באַגייס־טערט פֿון אידעאַלען, „הימל זאַכן” מוזטו זיך, ווי ווייט מעגלעך, אָפּ־זאָגן פֿונעם כוימער; אוילעם האַזע איז ניט פֿאַר דיר; נאָכן טויט וועט מען דיך עפּשער געדענקען...

און לאָמיר זיך דערמאָנען: אין די גאָר אַלטע צייטן, אין די צייטן פֿון די נעוויאים צ. ב., ירמיהו אָדער ישעיהו — סאָציאַלע קעמפֿער זיי־נען זיי געווען וואָס האָבן געשמידט אינעם פֿייער פֿון זייערע נעשאָמעס אידעאַלן לעדוירעס, קיין ברעקל אוילעם האַזע האָבן זיי ניט גענאָסן. מ'האָט זיי געשפּיגן אין פּאָנים, געוואָרפֿן אין טפֿיסע, געהאַלטן פֿאַר מע־שוגאָים. אין בוך ישעיהו אָדער ירמיהו וועט איר קיין רעמעז ניט גע־פֿינען פֿון ליבע צו נאַטור, פֿון לעבן אָף דער נאַטור — דאָס סאָציאַלע, דער כויוו צו דער געזעלשאַפֿט, צו דער גאַנצער מענטשהייט פֿאַר־שלינגט זיי אינגאַנצן און אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג שרייט אויס דער נאָווי ירמיהו: „וויי איז מיר, מאַמע, פֿאַרוואָס האָסטו מיך געבוירן? איך קריג זיך און לאָד זיך מיט דער גאַנצער וועלט”, אָדער: „איך האָב באָ קיינעם קיין געלט ניט געמאָנט און קיינער האָט באָ מיר ניט גע־מאָנט און דאָך שעלטן מיך אַלע!”...

און ניט בלויז די נעוויאים, נאָר אין פאַרלויף פון אַלע יאָר טוויזנ־טער ביז היינט פאַסירט דאָס זעלבע מיט אַלע זייערע נאָכפאָלגער די רעוואָלוציאָנערן. רעוואָלוציאָניזם, דער קאַמף און דראַנג פאַר אַ מער גערעכטער געזעלשאַפט, פאָדערט זייערע לעבנס אַלס געצאָלט און זאָגט זיי צו אָנשטאָט דעם אוילעם האַבע...

אָבער נעוויאים און רעוואָלוציאָנערן זיינען אין דער מינדערהייט. אינעם ראָוו זיינען פאַראַן אַנדערע, שרייבער וואָס זיינען פון אַנדער טייג געקנאָטן איידער די נעוויאים און רעוואָלוציאָנערן. די שרייבער זיינען באַשאָנקען מיט אויגן צו זען, מיט אויערן צו הערן, נאָכמער, צווישן זיי זיינען אַפילו פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן ריזיקע מויכעס צו באַנעמען דאָס לעכערלעכע, די שוואַכקייטן פון זייערע מיטמענטשן. אין זייער באַגרייפן די וועלט און אירע דערשיינונגען שטייען זיי עפּ־שער אַף דער זעלבער מאַדרייגע וואָס נעוויאים, זיי פעלט אָבער נעוויי־אישע דרייסטקייט, זיי האָבן ניט דעם ווילן זיך צו לאָזן אין פייער אַריין, ווי קעמפער...

די דאָזיקע שרייבער באַציען זיך מיט ביטל צו פּאָליטישן קאַמף, זיי זיינען עם די „פרייע קינסטלער", די כאַכאָמים וואָס ווילן אנשטאט זיך צוקלאַפּן דעם קאָפּ אין וואַנט פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און פּרואוון איר דורכברעכן, גייען מיטן שטראָם און אָננעמען דעם סיידער האָאוילעם אַזוי ווי ער איז. געציילטע פון זיי פילן, אַז זיי זיינען מעא־נעם דעם אייגענעם מאָהוס, זייער לעבן איז דעריבער נעבעכדיק, צע־פיצלט און צעריסן, ווייל אַלס פּערזענלעכקייטן זיינען זיי אומבאַדייטנד. און אַ סאַך פאַרפלייצן די וועלט מיט „קונסט־שאַפונגען", וואָס שפּיגלען אָפּ אַלץ אין דער וועלט נאָר ניט זיך... דער עמעסער עצעם זייערער בלייבט דער וועלט אומבאַקאַנט, זייער שאַפן אין אין מעשעך פון זייער גאַנץ לעבן געווען אַזוי „אָביעקטיוו" אַז זייער „סוביעקט", דער טאַמ־צים און זין פון זייער זיין איז דורך די וועלט אומבאַמערקט.

בלויז נאָכדעם ווי נעוויאים און רעוואָלוציאָנערן וועלן מיט זייערע לעבנס אויסקעמפן אַ מער גערעכטיקע וועלט וועלן די קינסטלער קענען שאַפן פריי און זיך אויסלעבען אַזוי ווי די נאַטור האָט זיי געשאַפן.

איינער אַזאַ — אַן אָפענער מויעך וואָס ווייסט און פאַרשטייט און וועלכער האָט אָבער קיין מוט ניט געהאַט זיך צו קריגן מיט דער וועלט — איז געווען סעמיועל פּיפּס.

זיין אָריגינאַליטעט און גרויסקייט באַשטייט אָבער אין דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זוכן ליטעראַרישן רום און אָנערקענונג. ער האָט פאַרשטאַנען די מענטשן פון זיין צייט און סוויווע, ער האָט גע־פילט דעם ריטם פון דער נאַטור, דאָס זינגען פון פייגל, דאָס בליען פון ביימער און בלומען, דאָס מורמלען פון טייך און שושקען פון וואַלד. ער איז פול געווען מיט מיעסע און שיינע סטירעס, ער האָט זייער ליב גע־האַט ביכער (ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזט 3000 עק־

זעמפלארן — אַ גרויסע צאָל פאַר אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק פון יענער צייט), שיינע ווייבער (כאָטש זיינער האָט ער שטרענג פאַרבאָטן עמיצן אַנדערש צו ליבן...), שפּילן פידל (אין מוזיק איז ער געווען אַ גרויסער מומכע — ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף ניט קיין קלענערן מוזיקער ווי דזשאָן דריידן) און... דעם טרונק.

פּיפּס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס באַשיידענער פּלאַט באַאַמטער אין דער צייט פון טשאַרלז דער צווייטן און מיט דער הילף פונעם לאָרד אָוו סאַנדוויטש (מאַנטאַגו) האָט ער געשטיגן אַלץ העכער ביז ער האָט דערגרייכט דעם פּאָסטן פון פּרעזידענט פון דער קייזערלעכער געזעלשאַפט (1684) אין דער צייט פון דזשעמס דעם צווייטן. ער האָט דעם ענגלישן פלאָט געבראַכט געוויסע נוצן און האָט אַפילו אָנגעשריבן אינטערעסאַנטע זיכרוינעס וועגן פלאָט.

אָבער ניט זיין פּאָליטישע קאַריערע, און אויך ניט די „זיכרוינעס" רופן דער וועלטס אויפמערקזאַמקייט צו אים.

סעמיועל פּיפּס האָט אין מעשעך פון ניין יאָר (פון 1660 ביז 1669) פאַרצייכנט טאָג איין טאָג אוים אַלץ וואָס ער האָט געזען, געטראַכט, געפילט און געטאָן. ער האָט געפילט אַ נויטיקייט אַרויסצוברענגען אַף פּאַפּיר די טיפסטע טיפענישן פון זיין נעשאָמע, ער האָט זיך געוואָלט אָנשפּיגלען אַזוי ווי ער איז; מיט אַלע זיינע מיילעס און כיסרוינעס.

און קעדיי די מיעסע נייגער־בליקן זאָלן ניט אַריינדרינגען אין זיין קאָדשע־קאָדאָשים און ער זאָל דעריבער ניט דאַרפן ריזיקירן צו פאַרלירן זיין געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע... האָט ער געשריבן אין אַ מין שיפרירטער סטענאָגראַפיע, און ערשט אין הונדערט צוויי אונצוואַנציק יאָר אַרום נאָך זיין טויט (נעמלעך, אין יאָר 1825) איז דאָס געשריבענע פאַרעפנטלעכט געוואָרן א. נ. „סעמיועל פּיפּס טאָג־בוך".

אַ דאַנק דעם טאָג־בוך איז ער געבליבן אומשטערבלעך. די בלעטער פונעם טאָג־בוך זיינען אַן אויצער פון אַ טקופע, אירע זיטן, מינהאָגים, די לעבנס שילדערונגען פון דזשעמס דעם צווייטנס הויף און די פּראָמינענטע מענער פון יענער צייט. אַף וויפל די שילדערונגען אין טאָג בוך זיינען ווערטפול און ריכטיק קענען מיר זען דערפון וואָס אייניקע באַהויפּטן, אַז ווען ניט פּיפּס וואָלטן מיר קיין געשיכטע פון יענעם הויף־לעבן און פון דזשעמס דעם צווייטנס צייט גאָרנישט געווען געהאַט.

אויך די פּערזענלעכע לעבנס דערפאַרונגען, דאָס ליכט און שאָטן פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן יאָכיד, זיינען דאָרט קלאָר אַרויסגעבראַכט. מיר זעען אים אַלס סענסועלן גענוס־זוכער, אַלס אַ קלוגן אוילעם־האַזעניק וואָס האָט פון אַלץ האַנאָע. איין שטעל, צ. ב., לייענט זיך אַזוי: „אַפן שפּאַציר מיט מיין פרוי האָב איך געטרונקען וואַסער — זי ניט. דאָס וואַסער איז געווען גוט — אַ מעכאַיע!"

פאַר דעם טיינעג צו לייענען אַ גוט בוך, צו שפּאַצירן אין וועלדער, איבער פעלדער, הערן פייגל זינגען, שפּילן אַפן פידל, עסן אַ גוטן מיטיק

און טוען אַ גוטן טרונק וועט ער ניט פאַרבייטן קיין אידעאַל „לעטוי־וועס דער מענטשהייט”...

ער וואָלט אַוודע געוואָלט די וועלט זאָל וויסן וואָס פאַר אַ שיל־דערער פון זיטן און מינאַגים ער איז, מ'זאָל וויסן ווי ער האָט אַלץ פאַר־שטאַנען און ווער ער איז געווען, אָבער שפּעטער, שפּעטער... דאַן וועט מ'וועט שוין מעגן קומען אַ מאַבל.

קוריאָז איז די פאָלגנדיקע שטעל אינעם טאָג־בוך: „אינדרויסן איז געווען שרעקלעך קאַלט. איך בין אַהיים געקומען אַ מידער און גלייך זיך געלעגט אין בעט. כ'האָב געוואָרט דאָס ווייב זאָל אויך קומען, זי איז אָבער געזעסן ברוגעז, איר האָט זיך געדאַכט אַז איך בין נעכטן איר ניט געווען טריי. איך האָב איר געוואָלט באַרואיקן און זי האָט אַרויס־געכאַפּט פונעם פייער די אָנגעגליטע קוילן־צווייגע און האָט מיך מיט איר געוואָלט קנייפּן”.

צו באַקומען געלט פלעגט ער זיך דערנידעריקן און נאָכדעם האָט ער עס לייכטזיניק פאַרשווענדעט, און נאָך פיל ענלעכע פעלערן קענען מיר אויסלייענען אין זיין טאָג־בוך. ניט מוירע האָבנדיק „אַנטדעקט” צו ווערן האָט ער אַלץ, ביז צו די קלענסטע קלייניקייטן פאַרצייכנט.

פאַרדאַמען אים מעגן בלויז העלדן און רעוואָלוציאָנערן. די מאַסן איז ער נאָענט. ווער פונעם ראָוו פירט ניט מער ווייניקער אַזאַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע (און ווען ער פאַרצייכנט עס אפילע ניט אין קיין טאָג־בוך...) ווער פון אונדז איז ריין פון פעלערן; וויפל פאַרמאָגן דעם מוט זיך כאַרעוו צו מאַכן אָבי צו ווייזן דעם אייגענעם עמעס און צו שליי־דערן דער וועלט דעם עמעס אין פּאַנים?..

וואָס פאַראַ פ א ר ש י ד ע נ ע ווערק פון די וואָס מיר זיינען גע־וואוינט צו לייענען וואָלטן דערשינען ווען די שרייבער און פּובליציסטן זאָלן האָבן דעם מוט אנשטאָט צו שרייבן וועגן אַבסטראַקטע און ווייטע איניאָנעם, אויפצודעקן זייער אייגענעם מאָהוס, ליידער, האָבן עס ניט באַ־וויזן אַפילע אַזעלכע ווי רוסאָ און טאָלסטאָי, ווען זיי האָבן געשריבן זייערע ווידעס, ווייל, שרייבנדיק האָבן זיי אין זינען געהאַט דעם לייע־נער, און דעריבער האָבן זיי ניט געוואַגט אויפצודעקן אומבעראַכמאָ־נעסדיק דעם עמעסן טאַמצים פון זייער איך.

סעמיועל פּיפּס האָט ניט געהאַט בעדייע געלייענט צו ווערן באַם לעבן, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זוכן ליטעראַרישע אַנערקענונג און רום און האָט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו וואַרפן אַ שיין אַף אַלע פינסטערע ווינקלען פון זיין אינערלעכער וועלט, איז ער דערי־בער געוואָרן אַן אויסנאַם און האָט זויכע געווען צוביידע וועלטן: — באַם לעבן האָט ער געשעפט גענוס מיט פולע הויפנס און אויך אַלס שרייבער איז ער געבליבן אומשטערבלעך.

# לאָרד מאַקאָליי, דער עסייאיסט

אויפֿן צוויי־און־פֿערציקסטן יאָר פֿון זיין לעבן, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט דעם אַפּאָגיי פֿון רום און רייכקייט, האָט טאָמאַס בעבינגטאָן מאַקאָליי, דער דאָזיקער מערקווירדיקער שטאַטסמאַן, גרויסער היסטאָריקער, ליטעראַטור־קריטיקער און דיכטער פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, געשריבן צו זיין קליינער פּלימעניצע:

„...קיין זאַך פֿרייט מיך ניט אַזוי ווי דאָס וואָס דו האָסט ליב ביכער, ווייל ווען וועסט זיין אין מיינע יאָרן, וועסטו זיך איבערצייגן אַז זיי זיינען בעסער פֿון אַלע טאָרטן, קיכלעך, שפּילעכלעך, שפּילן און בילדער אין דער וועלט. ווען עמיץ וואָלט מיך געוואָלט מאַכן פֿאַרן גרעסטן קעניג וואָס האָט ווען געלעבט, מיט פּאַלאַצן, מיט גערטענער, פֿיינע מיטיקן, ווײַנען, קאַרעטן, פּרעכטיקע מאַלבושים און הונדערטער מעשאָרתים מיט באַדינג איך זאָל ניט לייענען קיין ביכער, וואָלט איך ניט געוואָלט זיין קיין קעניג. כ'וואָלט גיכער געוואָלט זיין אַן אָרימאַן אין אַ בוידעם שטיבל איידער אַ קעניג וואָס האָט ניט ליב צו לייענען“.

און ער האָט געלייענט באַטאָג און באַנאַכט, אין שטוב און אינדרויסן: ער האָט געלייענט גריכיש און לאַטייניש, אַראַביש, דייטש און פֿראַנצויזיש, ער פֿלעגט גיין איבער רוישיקע גאַסן לייענענדיק. זיינער אַ פֿריינט האָט אים אָנגערופֿן „אַ בוך אין הויזן“..

און שטענדיק ווען כ'קלער צו דעמדאָזיקן ריז קומען מיר, ניט ווילנדיק, אויפֿן זינען די וואָרנונגען פֿון געוויסע פֿילאָזאָפֿן (שאָפּענהויער אַריינגערעכנט) ניט צו לייענען קיין סאַך. דאָס שטענדיקע איינזאַפּן פֿרעמדע געדאַנקען, זאָגן זיי, שוואַכט אָפּ די אייגענע פֿעאיקייט צו דיינקען, פֿאַרטעמפּט די שאַרפֿקייט פֿון דער אייגענער דיינקונגס קראַפֿט און דערלאָזט ניט זיך פֿאַרטיפֿן און אַרויסברייגען דעם אייגענעם מאָהוס א. א. וו. א. א. וו.

די גוואַלדיקע אויפֿטוען פֿון מאַקאָלייען אַף די געביטן פֿון געשיכטע, ליטעראַטור קריטיק און דיכטונג מאַכן צונישט יענע באַהויפּטונג און דערווייזן פּונקט דעם הייפּעך דערפֿון. ווייל ער האָט זיך באַקענט מיט די בעסטע שאַפֿונגען פֿון אַלע דורעס און אַף פֿיל שפּראַכן, איז זיין שפּראַך געוואָרן עקזאַקט און דורכזיכטיק; ווייל ער איז געקומען אין באַרירונג מיט די בעסטע מויכעס פֿון אַלע צייטן האָט ער אויפֿן יאָכיד — און מעג דער דאָזיקער יאָכיד זיין פּלאַטאָן, בעקאָן אָדער לאָרד בייראָן, ניט געקוקט ווי אַף עפּעס אַ גאָט, נאָר ווי אַף אַ פּראָדוקט פֿון די פּאָליטיש געזעלשאַפֿטלעכע און עקאָנאָמישע אומשטענדן; ווייל ער האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ גרויסן קולטור אוצער האָט ער רעסטאַווירט אין זיינע לידער די אַלטע רוים מיט קויעך פֿון אַ קינסטלער פֿון יענער צייט, אָדער ווען ער שילדערט די עפּאָכע פֿון בעקאָן און מילטאָן, קומט אויס די סווי-

ווע מיט די העלדן פאַרבנרייך, לעבעדיק און מיר אַטעמען מיט יענער לופט. אַ לאָרד האָט אַמאָל וועגן אים זיך אויסגעדריקט אין לאָרדן הויז: „איך וואָלט געוואָלט אַזוי זיכער זיין אין עפּעס, ווי מאַקאָליי איז זיכער אין אַלץ". און זיכער איז ער געווען, ווייל זיין ערודיציע (בקיעס) האָט אים געגעבן מוט זיך צו לאָזן פירן שטאָלץ פון זיינע איבערצייגונגען און עמעסן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון זיינער אַ רייזע קיין אינדיע, וואוהין ער איז געשיקט געוואָרן אַלס יורידישער ראַט-געבער אין העכסטן אינדישן ראַט, האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע צוויי ברילּיאַנ-טענע עסייען „לאָרד קלייוו" און „וואָרן-האַסטינגס", אַלס פּרוכטן פון זיין שטודיום פון דער אינדישער געשיכטע און אין וועלכער ער האָט אויפגעדעקט אַלע געמיינהייטן וואָס די ענגלענדער האָבן דאָרט אָפּגע-טאָן. נאָך צוריק מיט הונדערט יאָר פאַר דער בלוט באַד, וואָס ס'קומט היינט פאָר אין אינדיען אונטער דער הערשאַפט פון די לאַבאָריסטן, האָט ער געקעמפט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון יענעם לאַנד און זיך געוואַגט אויסצודריקן, אַז „דאָס רייכטום פון אינדיע געפינט זיך באַ די ברעגן פון דער טעמזע".

גערעכט זיינען געווען יענע אַרבעטער וואָס האָבן אים געשיקט אַ דאַנק-בריוו פאַר זיין געשיכטע פון ענגלאַנד. ס'איז, האָבן זיי געשריבן, דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ געשיכטע איז אָנגעשריבן געוואָרן אַזוי אַז אויך זיי, די האָרעפּאַשניקעס, זאָלן איר קענען לייענען און ניט בלויז דערפאַר, גלויב איך, נאָר ווייל זיי, די אַמאָליקע, די אַרבעטער פון דער צייט פון די אוטאָפּיסטן וואָס האָבן דאַן ערשט אָנגעהויבן אויפצוואַכן, האָבן דערפילט אין אים אַ פּאָזיטיוון נוצלעכן קויעך. זיין פאָטער זכאַריע איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער קעמפער. ער האָט פיל יאָרן פאַר-בראַכט אין יאַמאַיקאַ, געזען ווי שקלאַפן ווערן געפּייניקט און ער איז קיין לאָנדאָן געקומען אַ קעמפער פאַר זייער באַפרייאונג. דער פאָטער האָט, פאַרשטייט זיך, געלאָזט אַ האַשפּאָע אַף זיין גרויסן זון — זיין גאַנץ שאַפן ווירקט ווי דאָס קאָל פון אַ קעמפער.

ווען ער קריטיקירט אַ שריפטשטעלער אָדער דיכטער נעמט ער ניט גלייך אָנווייזן די מיילעס און כעסרוינעס פון די ביכער און לידער פון דעם מעכאַבער. פאַר אַלעמען שטעלט ער אויף די טקופע אין וועלכער דער שריפטשטעלער אָדער דיכטער האָט געלעבט, די אומשטענדן וועלכע האָבן גוירעס געווען אַז די ווערק זאָלן אַזוי געשאַפן ווערן און ניט אַנ-דערש. דער היסטאָריקער העלפט אין דעם פאַל דעם ליטעראַטור-קרי-טיקער און דאָס איז דער סאָד וואָס זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען וועלכע זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין **1830** לייענען זיך מיט דער גע-שפּאַנטקייט פון אַקטועלע ערשט קלאַסיקע עסייען אָנגעשריבענע אין **1930**. לעמאָשל זיין עסיי וועגן בייראָנען, דערדאָזיקער גענ־אַלער דיכטער וואָס איז געקומען אַף דער וועלט כמעט אין איין צייט מיט דער פראַנ-צויזישער רעוואָלוציע, (געב. **1788**, געשטאָרבן **1824**), וועמען געאָרג

מאַקאָלי

בראַנדעס שילדערט אַלס אַ וואולקאַן וואָס פון זיין לאַווע האָבן זיך ווי פון זיך זעלבסט אויסגעפורעמט מייסטער ווערק — קומט אויס, פאַר אַלעמען, בײַ מאַקאָלייען צו זיין אַ גרויס אומגליקלעכער מענטש, און דער גאַנצער צער און פאַרביטערקייט פון זיין ניט געלונגענעם לעבען ליגן אויסגעגאָסן אַף זיינע ווערק און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ קלאָלע.

מאַקאָליי, דער אוטיליטאַריסטישער קריטיקער, וואָס זוכט אין יע־דער דערשיינונג די נוצן, דעם פויעל-יוציע פאַרן ראָוו, דערציילט אייך מייסטעריש אַז דאָס אומגליקלעכע קינד בייראָן מיטן שרעקלעך צע־מומטן פיסל האָט מוירעדיק געליטן קינדווייז פון אַ האַלב מעשוגענער היסטערישער מאַמע, וואָס האָט אים אומזיסט געפייניקט און אומגע־ריכט געצערטלט, און ווי דאָס האָט געווירקט אַף אַזאַ עמפּפינדלעכן גייסט, און ווי אַזוי אין אַלגעמיין האָבן זיך גליק און אומגליק געמישט אין זיין לעבן מיט אַ בליציקער שנעלקייט. צו ניינצן יאָר האָט ער פאַרע־פענטלעכט אַ באַנד לידער, איז ער שטאַרק געלויבט געוואָרן פאַר זיי, נאָר אָט, אָבער, האָט מען אָנגעהויבן בוידעק זיין זיין מאָראַלישע קאַשרעס (ווי שפּעטער מיט יאָרן האָט פּאַסירט ענלעכעס מיט אָסקאַר אואיילדן) און דער אוילאָם האָט שוין געשפּיגן אַף אים און אים געטאַדלט. מיט וואָס פאַר אַ בעריעשאַפט מאַקאָליי שילדערט די געפאַר פון זיין שווייגן פאַר דער וועלט אין וועלכער ס'האָט זיך פאַרוואַנדלט אַדאַנק אָט דער ניט יױשערדיקער באַהאַנדלונג פון דער געזעלשאַפט צום דיכטער. דער צע־ווילדעוועטער, סענסואַלער בייראָן שיקט פון זיין ווענעציאַנער האַרעם איין באַנד לידער נאָכן אַנדערן. ער טרוימט צו ווערן דער פירער פון אַ גרופּע דיכטער און אינטעלעקטואַלן, ווי צ. ב. וואָלטער, אָבער אין דער עמעסן זיינען זיינע ווערק מיט זייער גאַנצער גרויס צעפּרעסן פון פּעסי־מיסטישן עגאָיזם. אַלץ הויבט זיך אָן פון אים און ענדיקט זיך מיט אים. בעאיים בײַ שעקספּירן, זאָגט מאַקאָליי, איז יעדער העלד אַ באַזונדערע וועלט. אַ דיאַלאָג קומט בײַ אים פאַר צווישן צוויי מענטשן, צוויי איכן, צוויי וועלטן, — שאַפט זיך דער איינדרוק, בײַ בייראָנען, אַז אַלע העלדן זיינען טיילן פון זיין איך און ער פרעגט און ענטפערט, רעדט צו זיך אַליין, דערציילט זיך און בלויז זיך אַליין. און פאָלגלעך, זאָגט דער קרי־טיקער, האָבן זיינע לידער און פּאָעמען געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן, ווייל פיל האָבן געלערנט פון זיי בלויז צוויי מיצוועס: צו האָסן דעם כאַ־ווער און ליב צו האָבן זיין ווייב...

אין דער צייט וואָס אייראָפּע האָט נאָך געהאַט פריש די וואונדן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, האָט דער אומגליקלעכער בייראָן אינדיווידואַליסטיש געהוליעט און צעווע־רימט מיט זיין לעבן און שאַפן מיליאָנען פון דער דעמאָלטיקער יוגנט. זעקס און דרייסיק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אַ געפאַנגענער פון זיינע ליידנשאַפטן און ווי זוכנדיק אַ פאַרגעבונג פאַר זיין ניט געלונגענעם לעבן, איז ער אַריין אין דער גריכישער אַרמיי וואו ער איז אומגעקומען

ניט מיט דער שווערד אין האַנט, ווי ער האָט זיך געוואונטשן, נאָר... פון אַ פאַרקילונג.

אָדער אָט לעמאַשל דער עסיי וועגן פרענסים בעקאָן וואָס איז אָנגע־שריבן געוואָרן אין יאָר 1837 לעקאָוועד דעם דערשיינען פון זעכצן בענד בעקאַנס שריפטן, אונטער מאַנטאַגום רעדאַקציע.

דערדאַזיקער וואונדער־מענטש פון דער צווייטער העלפט פון זעכ־צנטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט, ווי וואָלטער ווייזט אָן, צוריק מיט הונדערט יאָר פאַר ניוטאָנען אָנגעטאַפּט דאָס גראַוויטאַציע געזעץ, דער עפּאָכע מאַכנדיקער פילאָזאָף, פיזיקער, געזעץ־געבער און... מוירעדיקער אויסוואורף, — ווי לעבעדיק, פאַרשטענדלעך און אַפילו ליב ווערט ער אייך נאָכדעם ווי איר לערנט פון מאַקאָליי ווי ער איז געוואַקסן, גע־לעבט, געליטן, זיין סוויווע און וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

אין אַ לייענגערער אָפּהאַנדלונג מאָלט ער אייך אויס לעבעדיק דאָס הויף פון עליזאַבעטע, דער קייזערן, וואו ער האָט זיך קימאַט ווי אויפגע־האָדעוועט אָלס זון פונם לאָרד פון גרויסן זיגל. ס'איז דאַן געווען די צייט פון שעקספּירן, בען דזשאָנסאָנען און ביכלאַל די גאָלדענע עפּאָכע פון דער ענגלישער ליטעראַטור. די שטרויכלונגען וואָס זיינע קרוווים האָבן גע־לייגט אָף זיין וועג צו רייכטום און קאָוועד, און אים האָט זיך דאַווקע געוואָלט זיין רייך און דער ערשטער אין דער מעלוכע, ער האָט געפילט אַז אים קומט... און איכ'ל וואָגן מעשאַר צו זיין, אַז פּילייכט דער פאַקט וואָס ער איז געוואַקסן צווישן די מעלאָכים, פּרינצן און רעגירער, דידאָ־זיקע פון אייביק באַצאָלטע פאַרברעכער, האָט אין אים אַנטוויקלט באַנ־דיטישע נעטיעס און ער איז געוואָרן דער אומדאַנקבאַרער, פאַרקויפ־טער, פאַלשער, אַכזאָריעסדיקער אויסוואורף. פאַר אַ כויוו פון דרייהונ־דערט פונט שטערלינג לאָזט אים אַרעסטירן אַ גאָלדשמיט אינמיטן גאַס. דער פּרינץ פון עסעקס. וועלכער האָט מאַריש אוילאָמעס געווען אַז בעקאָן זאָל ווערן אויבער־פּראָקוראָר און איז דורכגעפאַלן, האָט אים גע־שיינקט אַ פאַרמעגן מיט אַ האַכנאָסע פון אַ פאַר טויזנט פונט שטערלינג יערלעך (צוריק מיט קנאַפּע 400 יאָר!) אַכוץ פיל אַנדערע טויוועס. אָלס אַ דאַנק פאַר דעם אָלעמען טרעט אַרויס בעקאָן אָלס זיין באַשולדיקער ווען דער פּרינץ האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר דער מעלוכע און איז גוירעס מ'זאָל אים הינריכטן... עפּעס האָט מען אויסגעטראַכט אַ בילבל אָף אַ גאַלעך, אַז ער האָט געזידלט — אין זיינער אַ דראָשע אין קלויסטער — דעם קעניג. פיל ריכטער זאָגן זיך אָפּ צו מישפּעטן. עס זיינען ניטאָ קיין באַוויזן און דער אַלטיטשקער גאַלעך זעט אויס צו זיין אומשולדיק, גייט בעקאָן אין טפּיסע און וויל דורך פייניקן אים אַרויסקריגן אָנערקע־נונג פון אַ כעט וועלכן ער איז ניט באַגאַנגען. שוין זייענדיק ערשטער מיניסטער פון גרויס בריטאַניע שיקט ער אונטער מענטשן צו די וואָס האָבן זיך געמישפּעט זיי זאָלן אים שיינקען מאַטאָנעס ווען ער זיי רייני־וואַשן פון זייער שולד און נאָכדעם ווי יענע רואינירן זיך (אין איין פאַל

האָט אים אַ פויער געשיינקט אַ כייפעץ וואָס האָט די ווערט געהאַט פירהונדערט פונט שטערלינג) פאַרגעסט ער אין זיין האַווטאָכע. מיט פאַראַכטונג קערט זיך אָפּ פון די מייסים מאַקאָליי, און פאַרדרום און האַס רופן זיי אַרויס אויך באַם לייענער. נאָר אָט הויבט זיך אָן די סעדרע בעקאָן דער פילאָזאָף און פיזיקער און אַ בלענדנדע ליכט שניידט די אויגן, גלייך מיר זאָלן אַרויס פון אַ פינסטערער הייל אַף אַ גרינעם מיט ליכט באַגאָסענעם גאָט געבענטשטן פעלד.

אום עס זאָל קלאָר ווערן בעקאָנס פאַרדינסטן, מיר זאָלן דערזען זיינע אויפטוען אין העלער ליכט, רופט אַרויס צום לעבן מאַקאָליי די אַלטע — פלאַטאָן, אַריסטאָ און אַלע סכאָלאַסטיקער, און מיט אַ שפּראַך אַ זאַפטיקער פאַרגלייכט ער יענע פילאָזאָפיעס מיט דער פון בעקאָנען. פלאַטאָן האָט אַלץ אויפגענומען פלאַטאָניש, אַבסטראַקט, איבער די מאַטעריעלע אינטערעסן פון דער דאָזיקער וועלט; אַלץ איז באַ אים געצילט צו מאַכן די מענטשן פערפעקט, אויפהויבן זייערע גייסטער אַפן בעשבן פונ׳ם כוימער (דער מאַטעריע), אָט לעמאָשל, דערציילט מאַקאָליי אַז ארטשיטאַס, איינער פון פלאַטאָנס טאַלמידים האָט געזאָלט האָבן געשאַפן מאַשינען וואָס זיינען געווען געבויט לויט מאַטעמאַטישע געזעצן, איז פלאַטאָן בערויגעז געוואָרן אַף זיין פריינט, ווייל ער מיינט, אַז אַ „נאָבעלער אינטעלעקט” ווערט דעגראַדירט ווען ער פאַרנעמט זיך מיט נידעריקע מעלאָכעס וואָס פאַסן זיך פאַר סטאָליערס אָדער שטעלמאַכערס; די אויפגאַבע פון געאָמעטריע איז צו דיסציפּלינירן דעם גייסט און ניט צו באַפרידיקן די נידעריקע באַדערפענישן פונ׳ם קערפּער... אָדער ווען לעמאָשל ער רעדט פון אַריטמעטיק קומט אוים באַ פלאַטאָנען אַז קענען רעכענען איז נויטיק ניט צו קענען קויפן און פאַרקויפן; לערנען מאַטעמאַטיק דאַרף מען ניט קעדיי צו האָבן נוצן אין דער אינזשעניער-קונסט אָדער אַרכיטעקטור, נאָר ווייל זי „געוואוינט דעם מויעך צו באַטראַכטן דעם לויטערן עמעס און הויבט אים אויף איבער דער מאַטעריעלער וועלט”. זיך דערווייטערן דאַרף מען — האָט פלאַטאָן געלערנט — פון דער מאַטעריעלער וועלט און פרואוון באַגרייפן דעם אומפאַרענדערלעכן טאַמצים פון זאַכן. ווען סאָקראַט פרעגט — זאָל מען לערנען אַסטראָנאָמיע? ענטפערט אים גלאַוקאָן זיין טאַלמיד: „איך רעכן אַז יאָ, ווייל צו וויסן עפּעס וועגן די צייטן, די כאַדאָשים און די יאָרן איז אַזוי נוצלעך פאַר מיליטערישע צוועקן ווי פאַר אַגריקולטור און נאַוויגאַציע”. זאָגט אים ווידער סאָקראַט: „ס׳איז מיר קאָמיש צו זען ווי איר האָט מוירע אַז די פּאָשעטע טשערעדע מענטשן זאָל אייך ניט באַשולדיקן אין רעקאָמענדירן נוצלאָזע לערעס”.

אָט אַזוי האָבן זיך די אַלטע געהיט פון נוצן און זיך געטאָפּטשעט אַף איין אָרט. אַ פילאָזאָפיע פון ווערטער, ווערטער און ווערטער איז געווען זייער פילאָזאָפיע, זאָגט מאַקאָליי, און ווי זיי האָבן די וועלט געטראָפן ווען זיי זיינען אַהער געקומען אַזוי האָבן זי איר איבערגעלאָזט,

ביז ס'איז געקומען בעקאָן וואָס האָט ניט געזוכט צו מאַכן די מענטשן
פאַר פאָלקאָמענע מלאָכים נאָר די אומפאָלקאָמענע מאַכן באַקוועם, לייכ-
טער צו לעבן. זיין פילאָזאָפיע איז ניט געווען יענע חכמה יונית אַף וועל-
כע יהודה הלוי האָט געזאָגט, אַז זי האָט בלויז בלומען און ניט קיין
פרוכטן („ואל תשיאך חכמה יונית שאין לה פרי רק פרחים”) ער האָט
געזוכט פרוכטן און פראָגרעס. ווען מ'האָט אין דער צייט פון קאַרל דעם
צווייטן געפרעגט בעקאַנס אַ נאָכפאָלגער וואָס האָט בעקאָן אויפגעטאָן,
איז זיין ענטפער געווען: „זיין פילאָזאָפיע האָט פאַרלייגנגערט דאָס לעבן,
געלינדערט שמערצן, געהיילט קריינקע, פאַרגרעסערט די פרוכטבאַר-
קייט פונ'ם באָדן; זי האָט זיכערער געמאַכט דעם ים פאַרקער; איבער-
געלייגט בריקן איבער גרויסע טייכן; זי האָט אומשעדלעך געמאַכט דעם
בליץ פון די הימלען, אַראָפּברייננגענדיק אים אַף דער ערד; זי האָט פע-
איק געמאַכט דעם מענטשן זיך אַראָפּצולאָזן אין די טיפענישן פון יאַם,
זיך אויפצוהויבן אין דער לופט און נאָך פרוכטן אָן אַ שיר האָט זי גע-
בראַכט”.

אַרכימעד האָט זיך געשעמט מיט די וואונדערבאַרע מאַשינען און
ברענ-גלעזער וועלכע ער האָט דערפונדן און וואָס האָבן דערשטוינט די
פיינטלעכע פעלקער. ער פלעגט קוקן אַף די דערפינדונגען ווי אַף זאַכן
וואָס פאַסן ניט פאַר אַן עמעסן פילאָזאָף. נאָך אין ערשטן יאָרהונדערט נ.
ק. האָט דער סטאָיקער סענעקא, נירוין קייסערס רעבע, געשריבן, אַז פי-
לאָזאָפיע האָט גאָרניט צו טאָן מיטן פראַקטישן לעבן. און נאָכדעם ווי פאַ-
ביידאַניוס, אַ גרויסער רוימישער שריפטשטעלער פון דער צייט פון צי-
צעראָן און צעזאַר, האָט ערגעץ אָנגעוויזן אַז די מענטשהייט האָט צו
פאַרדאַנקען דער פילאָזאָפיע דאָס קאָנען באַנוצן זיך מיט מעטאַלן און
אַרויפציען אַ דאַך איבערן קאָפּ, זאָגט סענעקא אַז אַ מענטש דאַרף זיך
לערנען צו זיין אומאָפּהייניגיק פון אַלע מאַטעריאַלע גיטער און מעכאַני-
שע דערפינדונגען. „אין מיין אייגענער צייט האָט מען אויסגעטראַכט
דורכזיכטיקע פענצטער, רערן וואָס צעפירן וואַרימקייט אין אַלע צי-
מערן פון די הייזער אין צייט פון קעלט, סטענאָגראַפיע וואָס איז אַזוי
פערפעקציאָנירט אַז דער סטענאָגראַף קאָן נאָכגיין דעם שנעלסטן רעד-
נער. אָבער דידאָזיקע דערפינדונגען זיינען שוואַרצע אַרבעטן פאַר די
נידעריקסטע שקלאַפן; פילאָזאָפיע ליגט טיפער. איר אויפגאַבע איז ניט
צו לערנען ווי צו באַנוצן די הענט”. און ער זאָגט: „באַלד וועט מען אונז
זאָגן, אַז דער ערשטער שוסטער איז געווען אַ פילאָזאָף”. איז טאַקע
מערקווירדיק ווי מאַקאַליי, אין זיין באַגייסטערונג פאַר בעקאַנס מאַטע-
ריאַליסטישע אויפטוען, ענטפערט אים: „פונמיינעטוועגן מוז איך זיך
אָפּשטעלן אין מיין אויסוואַל צווישן ערשטן שוסטער און דעם מעכאַבער
פון די דריי ביכער, „וועגן קאַעס”, (סענעקאַס ווערק) אַפן ערשטן. מעג-
לעך, אַז ס'איז ערגער צו ווערן אין קאַעס ווי זיך איינצוונעצן. אָבער שיך

האָבן מיליאָנען מענטשן אָפּגעהיט פון נעץ, און איך צווייפל אויב סענעקא האָט עמיצן אָפּגעהאַלטן פון צו ווערן אין קאַעס".

אַט אַזוי מאַטעריאַליסטיש האָט געקוקט אַף זאַכן דער ענגלישער לאָרד מאַקאָליי צוריק מיט הונדערט יאָר!

בעקאָנס פילאָזאָפיע איז אַן אוילעם־האַזעדיקע, זי האָט געגעבן דעם שטוים צו קעמפן פאַר אַ בעסערער, באַקוועמערער וועלט און דעריבער האָט זי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון לאָרד מאַקאָליי.

צום שלום וויל איך איבערפראַזירן בעקאָנס ווערטער און זיי אָנווענדן אַף מאַקאָלייען: מאַקאָליי האָט זיין גאַנץ לעבן (1800—1859) געלייענט „ניט צו ווידערשפּרעכן, ווי אויך ניט צו גלויבן, נאָר צו פאָרשן און באַטראַכטן, און געלייענט האָט ער פיל, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אַ שרייבער וואָס לייענט ניט... מוז האָבן אַסאַך אָרמע צו באַווייזן אַז ער ווייסט דאָס, וואָס ער ווייסט ניט"...

# שעלי—דער דיכטער פון אומרו און רעוואָלט

דאָס מאָל איז מיין העלד אַ דיכטער — אַ ערדישער זינגער. יאָ, אַ ערדישער נישט קיין הימלישער מאַלעך. איך באַטאָן דאָס אין אַנהויב אַנטקעגן דעם וואָס אַן אַנדער דיכטער, זיינער אַ שטאָט-כאַווער — מאַ־טיו אַרנאָלד — האָט אים דאַווקע געוואָלט מאַכן פאַר אַ מאַלעך, וועל־כער קלאַפּט און דערצו נאָך א ו מ ז י ס ט מיט זיינע ליכטיקע פליגל אין פוסטן רוים. און וואָלט דאָס געווען כאָטש אַביסל עמעס, וואָלט איך זיך מיט אים ניט פאַרנעמען, פאַשעט דערפאַר, וואָס איך וויל ניט האָבן צו טון מיט מאַלאָכים, איך ווייס ניט וואָס דאָס זיינען פאַר באַשעפע־נישן, און זיך פאַרשטעלן אַ שיין מיידל אָדער אינגל — מיט פליגל פון אַ קאַטשקע אָדער אַפילע פון אַ אָדלער — פאַר אַ מאַלעך אָדער מאַלעכ־טע, און ווען דאָס אינגל איז אַפילו שעלי, איז מיר ניט איבעריק צום האַרצן. און ס'דערמאַנט זיך מיר אַ וואָרט פון מוישע מענדעלסאָנס אַ כאַווער — דעם גייסטלעכן לאַפאַטער:

„זוכט ניט קיין אויבערמענטשלעכן מענטש צווישן די קוים מענטש־לעכע מענטשן"...

און צווישן „די קוים מענטשלעכע מענטשן" האָט ער אין די ערשטע יאָרן פונ'ם פאַריקן יאָרהונדערט אויסגעזונגען זיין טרוים פון „אַ מענטש־הייט אַ באַפרייטער פון קלאַסן, שוואָטים און נאַציעס; אַ מענטשהייט וואָס קעניגט איבער זיך זעלבסט — אַ גערעכטע, עדעלע און פאַרנינפ־טיקע".

און מערקווירדיק: דעם דאָזיקן מענטשלעכן, שוין צו מענטשלעכן דיכטער; דעם דאָזיקן גרויסן קעמפנדן און ליידנדיקן זינגער האָבן זיי, די זאַטע, צופרידענע און רייכע, געוואָלט פאַריאָגן אין די הימלען, מאַכן פון אים אַ מאַלעך ער זאָל נישט שטערן זייער בעהיימישן שלאָף און ניט פייניקן זייער געווייסן...

געקומען איז ער פון דאָרט, לויטן איכעס אַ זייערדיקער. זיין טאַטע איז געווען אַ באַראָן מיט אַ פאַרמעגן פון דרייהונדערט טויזנט פונט שטערלינג און צו זעקס יאָר האָט ער אים געשיקט צו אַ גאַלעך לערנען לאַטיין, גריכיש און דעריקער רעליגיע. געוואָלט אים, פאַרשטייט זיך, מאַדריך זיין אַפן דערעך האַיאָשער... דער קליינער האָט זיך אָבער גע־האַט זיין וועלט. שוין דאַן פלעגן אים די איבעריקע קינדער פון שולע רופן „מעשוגענער שעלי", איבער זיינע מייסעס און פאַנטאַזיעס. ווען ער איז עלטער געוואָרן פלעגט ער זיצן און לייענען ווען זיינע כאַווי־רים האָבן געשפילט און די איינציקע, ריכטיקער, הויפּטזעכלעכע פאַר־ווייַלונג זיינע איז געווען צו לאָזן שיפעלעך אַפן וואַסער. ווען ער פלעגט עפּעס זען אָדער הערן, פלעגט ער עס צו צען פערזאָן איבערדערציילן

יעדן איינעם אַנדערש, ניט ווייל ער האָט געהאַט אַ נויגונג צו זאָגן ליגן, נאָר פאַשעט, ווייל די פאַנטאַזיע זיינע פלעגט אים יעדעס מאָל פאַרפירן אין אַנדערע אוילעמעס.

צו אַכצן יאָר האָט מען אים אַרויסגעשטויסן פונ'ם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט. געשען איז דאָס אַפן פאָלגנדן אויפן: שעלי האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור „וועגן דער נויטיקייט פון אַטעאיזם" און ער צוזאַמען מיט זיין כאַווער טאָמאַס האָג — אַ באַרימטער קריטיקער — האָבן אַנאָנים צושיקט די דאָזיקע בראָשור צו די פראָפעסאָרן פונ'ם אוניווערסיטעט. ווען דער דירעקטאָר האָט זיך אַפן צווייטן טאָג אַ צאָרנדיקער געווענדעט צו שעלין מיט דער פראַגע: „איר זיינט עס דער מעכאַבער פון דער בראָשור", האָט אים שעלי געענטפערט אַז לויטן טאָן פילט ער אַז דער פראָפעסאָר האָט בעדייע אים צו באַשטראָפן, טאָ זאָל ער דערווייזן פריער, אַז ער איז דער מעכאַבער אויב ער קען, און אַז ער פראָטעסטירט ביכלאַל קעגן אַזאַ אומטאָלעראַנטער באַהאַנדלונג און וועט מער אַף קיינע פראַגן ניט ענטפערן. אַף וואָס דער פראָפעסאָר האָט אים אַ אויפגעקאָכטער געזאָגט: „איר זיינט אַרויסגעשטויסן!" אָן אַנדער ווערמיע זאָגט, אַז דער פראָפעסאָר האָט אים געפרעגט: „ס'איז עמעס, אַז איר קענט ניט אויסגעפינען ווער גאָט איז?" — שעלי האָט אים געענטפערט, אַז עס איז עמעס, אויב אַזוי, האָט ווייטער זיין „לערער" געזאָגט, האָט איר צייט דאָס אויסצוגעפינען ביז מאָרגן אַכט אינדערפרי... און אַזוי ווי שעלי האָט עס ניט באַוויזן צו טאָן האָט מען אים אַרויסגעטריבן.

ווי ס'איז ניט געווען אַבי שעלי איז געבליבן עלנט, אין קאָנפליקט מיט זיין טאַטן דעם באַראָן, וועלכער האָט געזאָגט פון שאַנדע, וואָס דער גאָטלאָזער זון זיינער האָט אַף אים געבראַכט... און ר'האָט אים אויפגעהערט צו שטיצן מאַטעריעל. אין דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט האָבן אים געשטיצט, ביגנייווע פונ'ם פאָטער, זיינע שוועסטער. די פאַרמיטלערן איז געווען אַ כיינעוודיק זעכצניעריק מיידל האַריעט וועסטברוק, וועלכע פלעגט גיין אין שליכעס פון זיינע שוועסטער און אים ברייגען פון זיי אַלעמאָל געלט. דאָס מיידל האָט זיך פאַר אים פאַרקלאָגט אַז זי ליידט אין שולע און פון אירע עלטערן, זי האָט זיך געוואָרפן אין זיינע אָרעמס און געבעטן פון אים שוץ. דער גוטהערציקער, צאַרטער שעלי האָט זיך מעראַכעם געווען אַף איר, האָט מיט איר כאַסענע געהאַט און איז אַוועק קיין אירלאַנד מיט אַ פלאַן אויפצוהייבן די אירלענדער קעגן ענגלאַנד און זיי באַפרייען, אָבער אָן דערפאָלג. די כאַסענע איז, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געווען קיין איבעריק גליקלעכע, ווייל אויס ראַכמאָנעס קען מען ניט אָפלעבן מיט אַ מענטשן אַלע יאָרן, באַזונדערס אַזאַ אומרואיקער זשעני, וועלכער, ווי ער האָט אַליין זיך אויסגעדריקט, האָט באַדאַרפט אַ פרוי, וואָס זאָל פאַרשטיין פילאָזאָפיע און דיכטונג און האַריעט האָט ניט פאַרשטאַנען ביידע, כאָטש זי איז געווען אַ גוטע און

עדעלע. וואָס ווייטער איז זי אים אַלץ פרעמדער געוואָרן. זי איז געוואָרן מאַמע פון זיינע צוויי קינדער און האָט געהאָפט ער זאָל ווערן רואיק, אַ מענטש ווי אַלע... דער דיכטער האָט זיך פאַרשלאָסן און האָט געלעבט אַן איינזאַמער. דאָס געפיל פון איינזאַמקייט האָט ער פאַראייביקט אין זיין פּאָעמע „אַלאַסטאָר, אָדער דער גייסט פון איינזאַמקייט".

אין יענער צייט האָט געלעבט אין לאָנדאָן „דער ענגלישער פילאָ־סאָף", דער פילאָזאָף גאָדווין, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין בוך „פּאָליטישע גערעכטיקייט" אין וועלכן דער מעכאַבער דריקט אוים די ראַדיקאַלע אידעען פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן און וואָס איז ביכלאַל דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער פראַנצויזישער רע־װאָלוציע. צו אים פלעגן קומען אַסאַך רעוואָלוציאָנערע יונגעלייט און איי־צע האַלטן אָדער זיך אויסדערציילן זייער ביטער האַרץ. אויך שעלי איז צו אים אַוועק ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. דער פילאָ־זאָף האָט דעם יונגן ענטוזיאַסט געגעבן צו פאַרשטיין אַז פילאָזאָפיע איז איין זאַך און דאָס לעבן אַ צווייטע און האָט אים געראָטן אין דער פּראַק־טיק שאַלעם צו מאַכן מיטן טאַטן, מיטן ווייב און מיט דער וועלט — מיט זיך אַליין מעג ער מילכאָמע האַלטן... בעשאַס דעם געשפּרעך האָט דער דיכטער באַמערקט באַם פילאָזאָף אין הויז דריי מיידלעך. איינע פון זיי אַ שלאַנקע, אַ הויכע מיט אויגן ווי צוויי פייערלעך, האָט די גאַנ־צע צייט געקוקט אַף אים. ער איז אַוועק פון דאָרט מיט אַ שווער גע־מיט. פון דעמאָלט פלעגט ער אָפט קומען צום פילאָזאָף. אַלע מיידלעך דאָרט זיינען קראַנק געוואָרן פון ליבע, זיי האָבן פאַרלוירן דעם אַפּע־טיט, זיי האָבן אויפגעהערט צו עסן — אַלע האָבן זיך פאַרליבט אין שע־לין. דער פאָטער האָט זיי דערקלערט אַז שעלי האָט אַ פרוי מיט קינ־דער און כאָטש ער האָט ניט קיין גליקלעך פאַמיליען לעבן טאָרן זיי פון אים ניט טראַכטן ווייל... און א. וו. א. וו.

איינמאָל ווען שעלי, גייענדיק פון גאָדווינען אָפּן וועג אַהיים, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער איז ער אַהין אַריין און פון דאָרט איז ער אַרוים אין הויף אָפּן בייסאוילעם. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט צווישן די מאַצייוועס, געליינט די אויפשריפטן, פלוצים האָט ער באַמערקט איין מאַצייווע מיטן אויפשריפט: מערי וואָלסטנקראַפט. ער האָט אַראָפּגענו־מען די הוט. אונטערן שטיין איז געליגן אַ באַרימטע אין יענער צייט שריפטשטעלערן וואָס איז אים געווען נאָענט אין גייסט. שעלי האָט דערפילט אַף זיך עמיצנס בליקן און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער דערזען זיצן אָפּן גראָז מיט אַ ביכל אין האַנט דעם פילאָזאָף גאָד־ווינס עלטסטע טאָכטער, דאָס פלעגט זי אַהער קומען אָפט צום קייווער פון איר מאַמען. די אַנדערע צוויי מיידלעך זיינען געווען דער שטיף־מאַמעס. שעלי האָט מיט איר פאַרפירט אַ געשפּרעך און באַם קייווער איז געשלאָסן געוואָרן זייער ליבע. ער איז מיט איר און מיט אירער אַ שוועסטער — וועלכע האָט געזאָגט אַז זי מוז מיט זיי מיטפאָרן, — זאָל

זיין פּאָר אַ דינסט — אַוועק אין דער שווייץ. די שווינגער איז זיי נאָכ־געלאָפן. אַוואַנטוריסטיש איז געווען די רייזע: צופּיס און אויף אַ אייזל האָבן זיי זיך געשלעפּט זעקס וואָכן ביז זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט אַ רו־פּלאַץ. דער אומרואיקער שעלי איז אָבער לאַנג אויף קיין איין פּלאַץ ניט געבליבן. מערי וואָלסטנקראַפט שעלי, די טאָכטער פון גאָדווין און זיין ערשטע פרוי, דער שריפטשטעלערן, איז געבליבן אויף שטענדיק שע־לים לעבנס באַגלייטערן און אויסטייטשערן. זי האָט סטימולירט זיין שאַפן און האָט געלעבט און מיטגעליטן מיט אים.

האַריעט וועסטברוק האָט זיך דערטראָנקען. פאַר שעלין איז דאָס געווען אַ געפערלעכער קלאַפּ, ווייל ער איז ניט מיד געוואָרן ווי ס׳האָט זיך עמיץ אויסגעדריקט, פון אירע אָרעמס, נאָר פון איר געשאָמע... נאָכ־דעם, ווי ס׳איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה פון איר טויט, האָט ער גע־פאָדערט מ׳זאָל אים אָפּגעבן די קינדער. אירע עלטערן האָבן אים אָפּ־געזאָגט, ער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס, אָבער ר׳האָט פאַרשפּילט, ווייל די ריכטער האָבן געפּאַסקנט אַז מ׳טאָר ניט אָפּגעבן די קינדער אַזאַ „גאָטלאָזן מענטשן, אַ שטורמער און וועלט איבערקערער"...

אין זיין אומרו האָט ער זיך געוואָרפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. ער איז געפאָרן קיין איטאַליע. דער טיפער בלויער הימל און די רייכע נאַטור האָבן באַפרוכפּערט זיין דיכטונג. דאָרט האָט ער אויסגעזונגען זיין וואונדערבאַרע פּאָעמע „צום שוועלבעלע", דאָרט האָט ער, אין אַ שיפל אויפן וואַסער, צווישן פעלזן בײַ דער לעוואַנע שיין, געשאַפן זיין „באַפרייטן פּראָמעטיי" — געמיינט האָט ער די באַפרייונג פון מענטש־הייט, ווי ער האָט געמיינט מיט זיין פּאָעמע „דער רעוואָלט פון איס־לאַם", דעם רעוואָלט פון דער מענטשהייט. מיט ברייט־צעעפנטע, טי־פע בלויע אויגן איז דער געניאַלער שעלי שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טראַנס. איינמאָל באַנאַכט האָבן די שטוב־מענטשן, וואו ער האָט זיך געפונען, זיך דערשראָקן פון מעשונע ווילדע קוילעס, וואָס זיי האָבן דערהערט. ווען זיי האָבן זיך געלאָזט גיין נאָכן קאָל, זיינען זיי געקומען צו שעלין אין צימער און אים געטראָפן ריידן און שרייען צו זיך אַליין און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט אים אויפגעוועקט. די סיבע דערפון איז געווען, וואָס ער האָט זיך יענעם טאָג געפונען אונ־טער דער ווירקונג פון עפּעס אַ גרויסער פּאָעמע...

געווען איז ער עמפּינדלעך ווי אַ קינד און האָט אויף אַלץ רעאַגירט ווי אַ קינד. איז אים אַ מענטש ניט געפעלן געוואָרן, פלעגט ער אים אויסמיידן, פּשוט אַנטלויפן. אין איין פאַל האָט ער שפּאַצירנדיק אין פעלד דערזען אַ מענטשן, וואָס איז אים געווען אַנטיפּאַטיש. געווען איז דאַן שניט־צייט. די פּויערים האָבן זיך געפונען אין פעלד, האָט ער גענו־מען לויפן, די פּויערים זעענדיק, ווי אַ מענטש לויפט, האָבן זיך געלאָזט נאָך אים, ער האָט זיך געבעטן בײַ זיי, מ׳זאָל אים לאָזן אַליין און ער האָט געזאָגט: איר זעט ניט אַז מ׳גייט מיך אַרעסטירן פאַר אַ כוווו? —

אַגוווייזענדיק אַף יענעם, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, וועלכער איז אים געווען אַנטיפּאַטיש, האָבן אים די פּויערים אָפּגעלאָזט.

דערציילט זיין פריינט און כאַוער טרעלאָני, ווי ער האָט זיך מיט אים באַקאַנט. איינמאָל איז ער געזעסן אין איטאַליע בא דעם קאַפּיטאַן זייליאַמס אין הויז. און ווי זיי האָבן אַזוי געשמועסט האָט פון דער טיר וואָס אַנטקעגן אַ שיין געטאַן אַ פּאָר אויגן. די פרוי ווילִיאַמס האָט אַ זאָג געטון: „פריינט שעלי, קומט אַריין, עס זיינען סאַמע פריינט דאָ”, איז אַריינגעקומען אַ צאַרטער, וואונדערשיינער יונגערמאַן מיט אַ מיידלשן געזיכט. טרעלאָני איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט — ווער שעלי איז, האָט ער געוואוסט, אָבער אַז דער יונגער אינגל אין דער גרויסער רע־וואָלוציאָנערער דיכטער שעלי האָט ער זיך בעשום אויפן ניט געקענט פאָרשטעלן. די פרוי ווילִיאַמס, קעדיי אים אַרויסצופירן פון דער פאַרלעג־נהייט, האָט אַ פרעג געטון שעלין: „וואָס פאַר אַ בוך האַלט איר אין האַנט?” — ער האָט געענטפערט: „קאַלדעראָנס „מאַכיקאָ פּראָדיכיאָ־סאָ”, איך זעץ איבער דערפון אייניקע שטעלן”. זי האָט אים געבעטן עפּעס פאַרלייענען און ער האָט גלייך גענומען לייענען אַף ענגליש פונ׳ם שפּאַנישן אָריגינאַל. אַלע זיינען מיטגעריסן געוואָרן. פּלוצים איז שטיל געוואָרן. טרעלאָני האָט אויפגעהויבן די אויגן און דער דיכטער איז שוין געהאַט פאַרשוואונדן. אַף זיין פראַגע וואו איז ער, האָט אים די פרוי געזאָגט: — אַזאַ נאַטור האָט ער — ווי אַ גייסט קומט ער און אומגע־ריכט פאַרשווינדט ער. טרעלאָני גיט צו, אַז ער האָט שוין נאָכדעם, פאַר־שטייט זיך, געגלויבט אַז דער איז געווען דער ריכטיקער שעלי.

און אַז ער איז אַמאָל געקומען אַף אַן אָרט וואו פרויען האָבן אוים־געאַרבעט שאַרפן און וויניק געקראָגן באַצאָלט, איז דער דיכטער אַרומגעגאַנגען צווישן די אומגליקליכע און האָט יעדן געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט. אייניקע פלעגט ער צאָלן וועכנטלעך. ניט אומ־זיסט האָט ער געזונגען:

„פאָלק פון ענגלאַנד, איר, וואָס אַרבעט און קרעכצט,
וואָס שניידט די טבואה וואָס געהער ניט צו אייך,
וואָס וועבט די מאַלבושים, וועלכע ס׳טראָגן אייערע אונ־
טערדריקער,
וואָס איר בויעט הייזער און אַנדערע וואוינען אין זיי,
און איר שפּייזט זיי פונ׳ם וויג ביז דעם גרוב...”

און אין אַנדער ליד זאָגט ער:

„זייט די זריע — אָבער לאָזט ניט דעם טיראַן שניידן:
דעביוועט רייכטום, — אָבער לאָזט ניט דעם שווינדלער עס
אָנזאַמלען:
וועבט קליידער, — אָבער לאָזט ניט די פוילע זיי טראָגן:
שמידט וואָפן, — אין אייער אייגענער שוץ צו באַנוצן.”

ווען אין מאַנטשעסטער איז פאָרגעקומען אַ שכיטע אַף וועבער-אַר־בעטער און די יעדיע האָט דערגרייכט שעלין, האָט ער אויפגעשטורעמט און געשאַפן זיין פּאָעמע „די מאַסקע פון אַנאַרכיע״ אין וועלכער ער האָט מיט אַ פאָלקס-שפּראַך געוועקט און גערופן דאָס פאָלק צום אויפ־שטאַנד, און ער פאַרענדיקט: „וואַכט אויף ווי לייבן, וואַרפט אַראָפּ די קייטן, וואָס מען האָט אייך אָנגעטאָן בעאיים איר זיינט געשלאָפן... — איר זיינט אַסאַך און זיי זיינען ווייניק״. די דאָזיקע פּאָעמע האָט ער ניט געהאַט וואו צו פאַרעפענטלעכן. ער האָט מיט דער וועלט ניט געקענט שאָלעם מאַכן, נאָר שטענדיק געטראַכט, ווי איר איבערצובויען, אַזוי אַז די וואָס אַרבעטן זאָלן געניסן פון זייער אַרבעט. און ריכטיק האָט שע־לי אין אַ פאָרעדע צו איינער פון זיינע פּאָעמען געשריבן: „אַ שאָטלענ־דישער געלערנטער האָט אָנגעשריבן אַ בוך צו דערווייזן, אַז מיינע לי־דער זיינען דורכגעדרונגען מיט דער ליידנשאַפט איבערצובויען די וועלט און דערפאַר טויגן זיי ניט — עמעס, אָבער איך צווייפל צי וועט ער קענען זאָגן, וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט האָט אים באַוואויגן אָנצו־שרייבן זיין בוך״...

אַזוי האָט ער מיט קינדישע אויגן און מיט דער נעשאָמע פון אַ קינד ליידנשאַפטלעך געזונגען און געליטן. קיין פלייש און פיש האָט ער ניט געגעסן און האָט געלעבט בלויז מיט גרינס, ווייל גרויס צאַער האָט ער געפילט אַף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט געפילט דאָס לעבן זאָגאַר פון די פלאַנצונגען, און האָט עס באַזונגען, און האָט באַ־דויערט וואָס דער טויט צעשטערט דאָס לעבן, וועלכעס איז געגליכן צו „אַ קופּאָל פון פיל-פאַרביקן גלאָז, וואָס שלאָגט אָפּ די שיין פון אייבי־קייט״. ווייל דאָס לעבעדיקע לעבן איז געווען וואָס האָט אים אינטערע־סירט. און ווען ער גיט זיך אַ שפּיל מיט פלאַנעטן און קאָמעטן, פילט מען אַז דער דיכטער האָט אַפילו דאַן ניט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. און ווען ער האָט אין אַ שיפל אַף דער טעמזע געשאַפן זיין „כמאַרע״, די דאָזיקע אומפאַרגלייכלעכע פּאָעמע, וואו עס ווערן געשיל־דערט די וואונדערלעכע מאַיסים, וואָס די כמאַרע טוט אָפּ, וואָס פאַר אַ נוצן זי ברענגט דער ערד, זאָגט זי דאָך באַ אים: „איך בין די טאָכטער פון ערד און וואַסער״ — ערד, לעבן, באַפרוכפּערונג, מיט איין וואָרט — פאַנטעאיזם איז שעלים פילאָזאָפיע.

און אַז אַ פריינט — לי האַנט — אַ פאַרפאָלגטער קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק און פרייען וואָרט, דאַרף קומען קיין איטאַליע, טאָ צו וועמען וועט ער קומען און ווער וועט אים פאַרן באַגעגענען אַז ניט שעלי.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, שטיקנדיקער זומער-טאָג פון כוי־דעש יולי. דער אויבנדערמאָנטער קאַפּיטאַן וויליאַמס צוזאַמען מיט שע־לין זיינען אַרויסגעפאָרן אַף אַ שיפל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם קאַפּיטאַנס זון, געפאָרן זיינען זיי קיין ליוואָרנע באַגעגענען דעם

גוטן פריינט. באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם און נאָכדעם ווי דער שטורעם איז אַריבער, אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום, האָבן זיך אַלע אַנדערע שיפלעך באַוויזן און בלויז שעלים איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ערשט שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט דער יאַם איינציקוויז אומגע־קערט די קערפּער פון די אומגעקומענע: שעלי, וויליאַמס און פון אַ אינגל, וואָס האָט געדינט אַפן שיף. לויט דעם רעגלאַמענט פון איטאַ־ליענישן קאַראַנטין האָט מען געמאַכט אַ פייער אַפן ברעג און שעלים קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן אין דער אַנוועזנהייט פון לאָרד בייראָן, לי האַנט און טרעלאָני. דער ערשטער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס האַרץ פון די פלאַמען און עס איבערגעשיקט דער אַלמאָנע. אַזוי האָט דער יאַם פאַרשלונגען אַפן דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן (1792 — 1822) דעם גרויסן זינגער פון מענטשלעכער פרייהייט און מאַטעריע־לער גלייכהייט.

און כ'דערמאָן זיך ווי אַ אַמעריקאַנער פילאָזאָף (סאַנטאַיאַנאַ) טייַנעט, אַז שעלי איז געשטאָרבן יונג, ער האָט ניט געהאַט קיין דערפאַרונג און דערפאַר האָט ער איבערגעטריבן דאָס שלעכטס פון דער וועלט. און דער פרומער פילאָזאָף לערנט, אַז ווען מ'טרייבט איבער אין באַזינגען שיינס און ליכטיקס דערהויבט עס און עדלט אויס, אָבער ווען מ'איז מע־גאַזעם אין אָנווייזן דאָס שלעכטס, טרייבט עס בלויז צו שלעכטס און רופט אַרויס בייזע מייסים... שעלי, זאָגט ער, האָט ווי יעדער רעוואָלו־ציאָנער, געדורשט נאָך קעפּ פון מעלאָכים און רייכע. ניט עמעס, האָט דאָך שוין מאָנטעסקיע געזאָגט, אַז ס'זיינען פאַראַן עמעסן אין וועלכע ס'איז ניט גענוג זיך צו איבערצייגן — מ'דאַרף זיי אויך דערפילן. און אויב שעלי, זאָג איך, האָט מיט זיין מוזיקאַלישער שפּראַך אין פיל־פאַר־ביקע בילדער דערהויבן און אויסגעעדלט, האָט ער געצוואונגען מיט זייַנע סאָציאַלע לידער צו דערוועקן דעם באַוואוסטזיין, דערפילן דאָס בייז־קייט פון דער וועלט, דאָס געוויינלאָזע פאַרשקלאַפן און אויסנאָגן פון זיינע מיטמענטשן — די אַרבעטער.

דיכטונג איז פאַר אים געווען, וואָס דער קאָליר און רייעך איז פאַר דער בלום; דער יעסאָד און סיסטעם פון זיין גאַנצן דיינקען. אָבער גע־דיינקט האָט ער פון דער וועלט און געפילט און געזען דעם גאַנידן און געענם אַף דער וועלט. „דיכטונג”, — האָט ער געזאָגט — „איז דער זייַבער פון די בעסטע און גליקלעכסטע מאָמענטן פון די בעסטע און גליק־לעכסטע גייסטער”. און פונקט ווי מוזיק ווערט געשפּילט אַף אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער שפּראַך, ווייל די געפילן פון אַלע מענטשן זיינען די זעלבע, וועט מען אין דער ליכטיקער צוקונפט שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַ־לע שפּראַך, אין וועלכער אַלע וועלן קענען געניסן פון זיינע אַלמענטש־לעכע סימפאָניעס. געטרוימט האָט ער איבערצוזעצן שפּינאָזעס „עטיק” און דער פייערדיקער בייראָן האָט געזאָלט אָנשרייבן אַ פאָרוואָרט, איז

געקומען דער יאַם און האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט, וואָס האָט געהייסן שעלי, ווען ס׳האָט אם העלסטן געשיינט.

***

מיינע שורעס זיינען ניט דאָס, וואָס כ׳האָב געוואָלט זיי זאָלן זיין, אָבער האָט דאָך שעלי אַליין געזאָגט, אַז ווען ער זעצט זיך שרייבן הויבט אָן די באַגייסטערונג צו פאַרשווינדן... און אויסער דעם, איז דען מעגלעך — ווי אַנדערע האָבן שוין פאַר מיר באַמערקט — איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון בעטהאָווענס סימפאָניעס, אָדער שאָפּענס מעלאָדיעס?... און דיכטונג און מוזיק האָבן דאָך עפּעס אַ שייכעס.

פּערסי - בישי - שעלי האָט ניט געהאַט קיין גרונט צו לאָזן אויסקריצן אַף זיין מאַצייווע, ווי זיינער אַ צייט-כאַווער — קיטס — האָט געטון, אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג: „דאָ ליגט דער, וועמענס נאָמען ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן אַפן וואַסער“... ער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער, סאָציאַלער דיכטער און זיין נאָמען וועט אייביק לעבן אין די הערצער פון אַלע סאָציאַל-דיינקנדיקע מענטשן.



וואָלט וויטמאַן

# וואָלט וויטמאַן

אַמעריקעס גרויסער נאָווי פֿון אַ באַנייטער מענטשהייט

זיינער אַ צייט־כאַוועך האָט וועגן וויטמאַנען געזאָגט אַז אים פלעגט שטענדיק מער אינטערעסירן וואָס איר האָט געגעסן, איבערגעלעבט און געטאָן איידער וואָס איר האָט געטראַכט אָדער געלייענט, ווייל נאָר דאָס געזעענע און איבערגעלעבטע איז ווירקלעך אינטערעסאַנט.

איך בין אַף דעם אוילעם געקומען עטלעכע יאָר נאָכדעם ווי ער איז פון דאַנען אַוועק און האָב ניט געקאָנט מער ווי לייענען און טראַכטן וועגן אים און דאָך שטייט ער — מיט זיין סוויווע, זיינע מייסים, און זיין נעשאָמע — לעבעדיק פאַר מיינע אויגן.

געבוירן אין 1819 אין אַ דאָרף אין לאָנג איילאַנד, באַ אָרימע על־מערן. ביז צוועלף יאָר איז ער געגאַנגען אין דאָרפס שולע, צו פערצן איז ער געוואָרן אַ זעצער, צו ניינצן האָט ער אַרויסגעגעבן די ציטונג „דער לאָנג איילאַנדער" אין האַנטינגטאָן.

אַ צייט שפּעטער, ווען ער איז געווען אין ניו יאָרק האָט ער אין פּאַרלויף פון אַ גאַנצן ווינטער געפירט דעם וואָגן פון אַ באַלעגאָלע, וואָס איז געליגן קראַנק, קעדיי די פאַמיליע פון קראַנקן זאָל ניט ליידן קיין הונגער...

אין דער ערשטער צייט פון זיין שאַפן, ווען ער האָט פאַרטראַכט זיינע „בלעטלעך־גראָז" איז ער געווען אַ סטאָליער אין ברוקלין. ער האָט געבויט קליינע הילצערנע הייזלעך און זיי פאַרקויפט צו אַרבעטער. אָפט פלעג ער איבערלאָזן זיין אַרבעט און, זיצנדיק אַף די רעשטאָוואַניעס, גענומען שרייבן זיינע לידער. די געלט־קרייזן, די אַריסטאָקראַטן, אינ־טעליגענטן און ליטעראַטן פלעגט ער אויסמיידן. דערפאַר האָט מען אים געקענט זען צווישן די אַרבעטער, שמייסער, שיפער, מעכאַניקער און דרוקער. ער פלעגט אויך אָפט באַזוכן די איטאַליענישע אָפּערע.

אַזוי האָט ער געלעבט און געאַרבעט ביז ס'האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן די דאָרעם און צאָפן שטאַטן איבערן שקלאַפן האַנדל.

שוין אין 1833 האָט זיך געגרינדעט אין אַמעריקע אַ געזעלשאַפט צו באַקעמפן דעם שקלאַפן־האַנדל. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך ענער־גיש גענומען פראָפּאַגאַנדירן פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן. די אידייע האָט ניט געקענט אַריינדרינגען אין די דאָרעם־שטאַטן, און אַ סיכסעך האָט אויסגעבראָכן צו זאָל מען אַריינגעמען טעקסאַס אין דער פעדעראַציע, מאַכמעס פון אָנפאַנג איז דער שטאַט געווען אַ טייל פון מעקסיקע. ער איז געווען באַזעצט, מיט אַמעריקאַנער פּלאַנטאַטאָרס, שקלאַפן־טרייבער, און אונטער די געזעצן פון מעקסיקע איז פאַרבאָטן געווען צו האַנדלען מיט שקלאַפן און דעריבער האָט זיך דער שטאַט אָפּ־געריסן אין 1836 און איז געוואָרן אומאָפּהענגיק. אין 1844 האָבן אים די

שטאַטן אַנעקסירט און אין 1845 איז ער דערקלערט געוואָרן אַלס פריי־שטאַט. דער דאָרעם האָט געפאָדערט טעקסאַס זאָל זיין פריי צו האַלטן שקלאַפן און די פאָדערונג האָט מען נאָכגעגעבן.

די דאָרעם־פּלאַנטאַטאָרס האָבן זיך דערמיט אַליין ניט באַנוגנט, זיי האָבן געוואָלט פאַרשפּרייטן די „רעכט" צו פאַרשקלאַפן אויך די איבע־ריקע שטאַטן און דער איניען האָט אַריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין אַ ביר־גער־קריג.

אין 1860, נאָכדעם ווי ס'איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט איי־בראַאַם לינקאָלן, דער אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון שקלאַפעריי, האָבן די דאָרעם־שטאַטן באַשלאָסן זיך אָפּצושפּאַלטן פונ'ם צאַפן, דאָס האָט געפירט צו אַ בלוטיקן ברודער קאַמף. לינקאָלנען איז אויסגעקומען צו אַר־בעטן אין שרעקלעך שווערע אומשטענדן — דער דאָזיקער מערקווירדי־קער מענטש האָט אָבער ענדלעך געזיגט און ווען די פאַרייניקונג איז שוין געווען אַ פאַקט און די שקלאַפן־שאַנדע אָפּגעווישט, האָט אים אַן אַר־טיסט דערשאָסן, ווען ער איז געזעסן אין טעאַטער אין זיין לאָזשע און געקוקט אַף דער בינע, דעם 15־טן אַפּריל 1865.

אין יענער צייט פון גערעכטן קאַמף האָט וואָלט וויטמאַן זיך אַריינ־געוואָרפן מיט זיין גאַנצער נעשאָמע אין סאַמע ברען פון די מענטשלעכעליידן. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פאַרוואונדעטע, געלינדערט זייע־רע שמערצן, געבאַנדאַזשירט וואונדן, געזעסן שאָען לאַנג לעבן די שטאַר־בנדע, געליינט זיי — אַף זייער פאַרלאַנג — קאַפּיטלעך טעאילים און גע־שריבן בריוו די אומגליקלעכע מאַמעס פון זייערע צעמאַזיקטע קינדער. אויך זיין אייגענער מאַמען האָט ער געשריבן ווי ער האָט פאַרבראַכט יעדן טאָג. ער האָט איר געשריבן וועגן דער דערפאַרונג, וואָס אַ מענטש קריגט ווען ער זעט טרערן אין די אויגן פון דערוואַקסענע מענטשן, און בלאַסע געזיכטער אין די שרעקלעכע אומשטענדן פון קריג.

אַ זויבערער, מיט אַ ראָזעווע און פריש געזיכט און גרויסער שיינער באָרד פלעגט ער אַרומוואַנדערן איבער די פעלדער, אָנרייסן רויטע און ווייסע בלומען און פלעגט זיך אומקערן און צעוואַרפן זיי צווישן די פאַר־וואונדעטע סאָלדאַטן. ווען ער פלעגט שיינקען עפעס אַ גוטע זאַך צו עסן, ווען עפּעס אַ מאַטאַנע — אַ גוט וואָרט אָדער אַ וואַרימען בליק.

אין יענער צייט האָט ער געזונגען:

„ניט קיין פּרעכטיקע פּאָעמע ברייננ איך דיר —
ניט קיין מייסטערהאַפטע הערלעכע פערזן: —
בלויז אַ קליין ביכל וואָס אַנטהאַלט די פינסטערניש פון דער נאַכט

און די בלוט־טריפנדע וואונדן
און די טפילעס פון שטאַרבנדע".

און ווען דער מערקווירדיקער לינקאָלן איז געפאַלן, ער וואָס איז אים געוועז אַזוי נאָענט און אַזוי ענלעך (אַפילע די ביכער, וואָס האָבן אַף זיי געווירקט זיינען געוועז די זעלבע, מיט אַ קליינעם אונטערשיד: לינקאָלן איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ביבל, שעקספּירן און וואַשינגטאָנס לעבנס געשיכטע: וואָלט וויטמאַן — פון דער ביבל, שעקספּירן און... „די אַראַבישע נאַכט").

ווען לינקאָלן איז געפאַלן, האָט ער אויסגעזונגען זיינע זיכרוינעס פון פּרעזידענט לינקאָלן און אויך זיין אומשטערבלעך ליד „אָ קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן!" אין וועלכן, נאָכדעם ווי ער רופט דראַמאַטיש לינקאָלנען ער זאָל אויפשטיין, זען ווי דאָס פאָלק רופט אים, ווי די גלעקער קלינגען און די סירענעס פייפן, זאָגט ער אין גרויס פאַרצווייפלונג: „מיין קאַפּיטאַן ענטפערט ניט, זיינע ליפּן זיינען בלאַס און שטיל. מיין פאָטער פילט ניט מיין אָרעם, ער האָט ניט קיין דויפעק, קיין ווילן".

---

רייכטום האָט ער פאַראַכטעט, דער גוטער גרויער דיכטער, ווי זיי האָבן אים גערופן. ווי אַ פּאַרציייטיקער נאָווי איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן קאָפּ, ליכטיקן שטערן, ברייט-צעעפנטע אויגן און אַ זילבערנער באָרד און האָט געזונגען פון גוף מיט דער נעשאָמע, פון גוף וואָס איז נעשאָמע. די מוזע פלעגט אַף אים רוען, ווען ער האָט געערט מוזיק און אַסאַך לידער האָט ער געשאַפן אין דער אָפּערע.

זיין שענסטע פּאָעמע איז זיין פּערזענלעך לעבן!

וויפל ליבע האָט ער אין זיך געטראָגן, וויפל אָפּטימיזם. ער האָט געטרוימט פונ׳ם פריילעכן געזאַנג פון די שעפער, פונ׳ם יום טוב פון אַרבעט, ווען קיינער וועט זיך ניט מאַטערן בא דער אַרבעט און ער האָט אַזוי געזונגען:

„איך הער אַמעריקעס געזאַנג, פאַרשידענע לידער הער איך;
לידער פון מעכאַניקער, יעדער פון זיי זינגט זיין ליד, ווי עס
דאַרף זיין, אַ פריילעכס און קרעפּטיקס.
דער סטאָליער זינגט ווען ער מעסט זיינע ברעטער אָדער
באַלקנס;
דער מוליער זינגט ווען ער גרייט זיך צו דער אַרבעט, אָדער
ווען ער לאָזט איר איבער.
דער שיפער אַפן שיף,
דער שוסטער בעאיים ער זיצט אַף זיין באַנק,
דער היטלמאַכער בעאיים ער שטייט און אַרבעט,
אַלע זינגען מיט פולע מיילער זייערע קרעפּטיקע, מעלאָדישע
געזאַנגען".

די ליבע האָט געשטראָמט פון זיין האַרצן און ער האָט געזונגען פון טאָג ווען מעכאַניקער וועלן זיין פילאָזאָפן און אַרבעטער—די העכס-

טע ריכטער פון לאַנד. ער רופט צו שאַפן די שענסטע ראַסע אַף וועלכער די זון האָט ווען געשיינט. צו פאַרפלאַנצן כאַווערשאַפט, אַזאַ גרויסע און שטאַרקע ווי די בוימער וואָס וואַקסן מיט דער לענג פון די אַמעריקאַנער טייכן, מיט דער לענג פון די ברעגעס פון די גרויסע אָזערס און אַף די גרויסע אַמעריקאַנער פריירים. ער פאַרזיכערט צו מאַכן די שטעט אומצושיידבאַר און צו פאַרוואַרפן זייערע אָרעמס איינע אַפן האַלדז פון דער אַנדערער מיט כאַווערישער ליבע, מיט מעכטיקער ליבע.

ער ווייסט, אַז מענטשן זיינען שקלאַפן פון דער פאַרגאַנגנהייט און פון דער צוקונפט, און די קעגנוואַרט נעמען זיי ניט אין אַכט און דערפאַר, מעגלעך, איז ער אַזוי פאַרן היינט — די קעגנוואַרט איז דאָס וויכטיקסטע בא אים.

„האָט ליב די ערד, און די זון און די כאַיעס, פאַראַכטעט רייכטום, שטרעקט אויס אייער הילף יעדן וואָס נויטיקט זיך אין איר, באַשיצט דעם שוואַכן און דעם נאַר, שיינקט אַוועק אייער אַרבעט און האַכנאָסע צו אַנדערע, האַסט די טיראַנען, דיסקוטירט ניט וועגן גאָט, זייט געדולדיק און טאָלעראַנט צו מענטשן, גריסט יעדן באַקאַנטן ווי אומבאַקאַנטן, לייענט די דאַזיקע בלעטלעך (זיינע ווערק) אַף דער פרייער לופט אין יעדער צייט פון יאָר פון אייער לעבן; שטעלט צו דער פּרואוו אַלץ, וואָס מ'האָט אייך דערציילט אין שול און אין קלויסטער אָדער אין וואָס ס'ניט איז בוך, און פאַרטרייבט אַלץ, וואָס דערנידריקט די נעשאָמע".

און וואָס איז נעשאָמע?

נעשאָמע, — זאָגט ער, לעבט אייביק און אייביק און ער וועט שאַפן זיינע פּאָעמען פון דער מאַטעריע, ווייל ער רעכנט אַז זיי וועלן זיין די גייסט-רייכע פּאָעמען, ווייל אַזוי אַרום, מיינט ער, וועט ער זיך באַזאָרגן מיט לידער פון דער נעשאָמע און דער אומשטערבלעכקייט.

און אַף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער:

„איך בין דער דיכטער פון'ם גוף און איך בין דער דיכטער
פון דער נעשאָמע,
די פריידן פון הימל זיינען מיט מיר און די ליידן פון'ם גענעם זיינען מיט מיר.
איך בין דער דיכטער פון דער פרוי פונקט ווי פון'ם מאַן,
און איך זאָג ס'איז אַזוי גרויס צו זיין אַ פרוי ווי צו זיין אַ
מאַן,
און איך זאָג אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין גרעסערס,
ווי צו זיין אַ מוטער פון די מענטשן".

ער לויבט זיך זעלבסט און עס קלינגט ניט פאַלש אין זיין מויל די לויב — אַזאַ איינער מעג! ער שרייבט ניט מיט קיין קלינגנדיקע פערזן און זיין ליד דרינגט אייך אַריין טיף אין האַרצן, ווייל ער האָט געלעבט ווי ער האָט געזונגען.

ווי אַן עמעסער נאָווי האָט ער געליבט זיין פאָלק און אויך די גאַנצע מענטשהייט. ער פלעגט מיט פאַרגעניגן פאַרברייננגען מיט אַרבעטער, און נאָר פונ׳ם לעבן געזוכט צו לערנען. ווען ער איז שוין געוועזן וועלט־באַרימט פלעגט מען אים מערסטנס טרעפן צווישן אַרבעטער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר וויטמאַנען איז פאָלגענדער עפּיזאָד:

אַף דער עלטער, אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער די מאַרעוו שטאַטן אין דער קאָמפּאַניע פון עטלעכע אָפיצירן. ווען זיי זיינען געקומען אַף אַן אָרט אין קענסאַס, וואו זיי האָבן באַזוכט אַ פּאַרטיע אַרעסטירטע אינדיאַנער האָט דער שעריף פאָרגעשטעלט פאַר די אַרעסטירטע יעדן אָפיציר און זיי דערקלערט ווער די כאָשעווע געסט זיינען. דאָס האָט אַף די אינדיאַנער קיין איינדרוק ניט געמאַכט, נאָר אָט איז צוגעקומען וויטמאַן. דער עלטסטער פון די אינדיאַנער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, זיך לאַנג אין אים איינגעקוקט, אים הערצלעך באַגריסט, און נאָך אים די איבעריקע. די אויגן און דאָס גאַנצע הערלעכע געשטאַלט וויטמאַנס האָט אַף זיי אַזוי געווירקט. דאָס דערמאָנט מיר אין אַ געדאַנק, וואָס מערעזשקאָווסקי האָט אויסגעדריקט אין זיין בוך „טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי". דאָרט זאָגט ער אַז לעוו טאָלסטאָי האָט אין „קריג און פרידן" געשילדערט נאַפּאָלעאָנען אין פאַרשידענע פּאָזעס: ער קומט אַרוים אַ לעבעדיקער פון אונטער טאָלסטאָיס פּען, נאָר זיינע אויגן זעט איר ניט, ווייל אַזוי ווי טאָלסטאָי פאַסלט נאַפּאָלעאָנס געאָוינעס, האָט ער מוירע געהאַט אים אַ קוק טאָן אין די אויגן, ער זאָל באַלקאָרכוי אים ניט אָנערקענען פאַר אַ גאָען...

די אינדיאַנער האָבן אַ קוק געטאָן אין וואָלט וויטמאַנס אויגן און האָבן אינטואיטיוו דערשפּירט זיין געאָוינעס.

דריי און זיבעציק יאָר האָט ער געלעבט, דער וואונדערלעכער נאָווי פון דער נייער צייט (געשטאָרבן אין 1892). געגלויבט האָט ער אַז אַ נייער מענטש וועט געשאַפן ווערן אין „זיינע" שטאַטן; ליבע, ברודערשאַפט און גלייכקייט וועט פון דאָרט אַרויסשיינען פאַר דער וועלט; אַ מאָדערנע, זינגנדיקע, אַרבעטנדיקע און גליקלעכע מענטשהייט וועט געבוירן ווערן, און אָנהויבן וועט זיך עס פון זיין אַמעריקע.

אָבער... יעצט, פערציק יאָר נאָך זיין טויט, איז אַנשטאָט ליבע צעשיקט זיין לאַנד קריגס־שיפן, און אַנשטאָט צו פאַרוואָרפן די אָרעמס מיט ליבע, פאַרוואָרפט עס די אָרעמס צו דערשטיקן און פאַרשקלאַפן.

יעצט, אין פערציק יאָר נאָך זיין טויט, האָבן לינקאָלנס יאָרשים געשטעלט אויסערן געזעץ דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן דורכצופירן אין לעבן זיינע אידעאַלן.

וואָלט וויטמאַן געהער צו דער וועלט און דערוויל זיינען עס בלויז די רוסן, אַ הונדערט פופציק מיליאָן, וואָס גייען מיט זיכערע און גיכע טריט, ווי ער האָט געזונגען, מיט בליקן געווענדעט צו אים און אויערן צו הערן זיין געזאַנג.

# דזשאָן גאָלסוואָרטי דער דראַמאַטורג

**1867 — 1933**

*)„בלויז א י י נ מ אָ ל גיי איך דורך די דאָזיקע
„וועלט, דאַריבער לאָמיך יעדן גוטן טאַט וואָס איך קען
„טון. אָדער יעדע פריינדלעכקייט וואָס איך קען אַרויס־
„ווייזן צו יעדן מענטשלעכן וועזן אָדער שטומע בעהיי־
„מע טון אַצינד, לאָמיך עס ניט אָפּלייגן אַף שפּעטער
„אָדער פאַרנאַכלעסיקן ווייל איך וועל דעם וועג ניט
„דורכמאַכן אַ צ ו ו י י ט מ אָ ל".

דאָס איז דזשאָן גאַלסוואָרטיס מאָטאָ.

דער אויפשריפט דערמאָנט מיך אין אַן אַנדער זאָג פון גאַלסוואָר־טיס אַ גרויסן לאַנדסמאַן בוניאַן, וואָס האָט נאָך צוריק מיט אַ דריי הונ־דערט יאָר זיך אויסגעדריקט, אַז ווען יעדער פון אונדז זאָל באַטראַכטן זיין היינט ווי דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, וואָלט ער אַנדערש געלעבט אין לייכטער וואָלט געוואָרן צו אָטעמען, ריינער וואָלט די סוויווע גע־וואָרן אַרום אונדז. ליידער, זעט באַ אונדז אויס יעדער היינט אונדזערער אומענדלעך, מיר מיינען, אַז דער סאָף איז אַזוי ווייט, אַז מיר זיינען זי־כער מיטן לעבן און דעריבער זינקען מיר אָפט גייסטיק און מאָראַליש.

זיינע פריינט זאָגן, אַז ער פירט זיך אויף אין פערזענלעכן לעבן אין אָנקלאַנג מיט זיינע איבערצייגונגען. אין דאָרף, וואו ער האָט געלעבט, צום ביישפּיל, פלעגט ער פיל טעג אַרבעטן צוזאַמען מיט די פויערים גאַנ־צע טעג און אָפט זיי העלפן אַרייננעמען דאָס היי פאַר אַ שטורעם. ער האָט געהאָלפן און העלפט יעדן וואָס ווענדט זיך צו אים מיט מער וויפל ער קען. און אָפט האָבן אַ סאַך מיסברויכט זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן. ער רעדט פון קיינעם קיין שלעכטס נישט, אַפילו נישט פון זיינע סאָ־נים; קיינמאָל איז ער נישט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט זיך מיט זיי אויסטיינען...

דאָס זאָגן אַף אים זיינע פריינט, וואָס די סאָנים זאָגן איז צו מיר נישט דערגאַנגען.

גאַלסוואָרטי איז געבוירן געוואָרן אין דיוואָנשייר, ענגלאַנד, אין יאָר 1867, אין דער פאַמיליע פון אַ רייכן אַדוואָקאַט. אין דער עלטער פון צווייאוןצוואַנציק יאָר (אין 1889) האָט ער געענדיקט דעם יורידישן פאַ־קולטעט אינעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט. פון 1889 ביז 1893 האָט ער געמאַכט אַ רייזע אַרום דער וועלט, דאַן האָט ער אַף אַ שיף, וואָס האָט אים געפירט פון אַוסטראַליע קיין דאָרעם־אַפריקע, באַגעגנט דעם

*) דער דאָזיקער עסיי איז געשריבן געוואָרן ווען גאַלסוואָרטי האָט נאָך געלעבט.

מאַטראָז זשאָזעף קאָנראַד, דעם פּאָליאַק וואָס איז שפּעטער געוואָרן איי־נער פון די אָנגעזעענע ענגלישע שרייבער. גאַלסוואָרטי האָט זיך מיט אים באַפריינדעט און זייער פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן ביזן טויט פון קאָנראַד, אין יאָר 1924.

ביז דעם אַכטאונצוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן האָט גאַלסוואָרטי נישט געטראַכט צו ווערן שרייבער. אַ געענדיקטער אַדוואָקאַט, אַ זון פון רייכע עלטערן מיט אַ געוויסער יערלעכער האַכנאַסע, האָט ער זאָרג־לאָז געלעבט. ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין שפּעטערדיקער פרוי, וועלכע האָט אָף אים געווירקט ער זאָל פּרואוון זיך פאַרנעמען מיט לי־טעראַרישער אַרבעט און וועמען, ווי ער אַליין זאָגט, ער האָט בלויז גע־וואָלט צוליב טון, נישט נעמענדיק ערנסט דעם באַרוף. אָבער וואָס ווײ־טער, האָט ער שטאַרקער דערפילט זיין ליטעראַרישע גוואורע, ביז ער איז געקומען צו זיין היינטיקער מאַדרייגע, דער מאַדרייגע פון די גע־ציילטע עכטע געניאַלע קינסטלער, ווי ב. שאָו, גאָרקי, ראָלאַן א. א. וו. ניט אומזיסט האָט ער געווידמעט זיין מאָנומענטאַלע עפּאָפּייע „די פאָר־סייט זאַגע" זיין פרוי „אָן וועמענס דערמוטיקונג, סימפּאַטיע און קריטיק. ער וואָלט קיינמאָל נישט געקענט ווערן אַפילע... אַזאַ שרייבער ווי ער איז".

היינט איז ער פאָרזיצנדער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן „פּען" (פּאָ־עטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן) קלוב. ער איז אויך איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם קלוב, וואָס זיין הויפּט אויפגאַבע איז צו שאַפן אין אַלע לענדער פון דער וועלט אַן אַנטימילכאָמע אַטמאָספערע.

דזשאָן גאַלסוואָרטיס ליטעראַריש פאַרמעגן באַשטייט פון 26 בענד נאָוועלן, קורצע דערציילונגען, עסקיזן, עסייען און עטיודן, 2 בענד לי־דער, 18 גרויסע דראַמען, 1 אַלעגאָריע און 6 איינאַקטערס. זיינע דראַ־מעס האָט מען אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג אין די טעאַטערן פון וויין, לאָנדאָן און ניו יאָרק.

* * *

איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דזשאָן גאַלסוואָרטיס ליטעראַרישן שאַפן, און אונטערצושטרייכן די סאָציאַלע און קינסטלערישע ווערט פון זיין פילזייטיקער און פאַרבנרייכער וועלט איז די אויפגאַבע פון דעם עסיי.

**1.**

יעדן איז באַקאַנט, אַז דיקענס איז געווען אַ מייסטער אין שילדערן פאָלקס־טיפּן, טעקערײ דאַקעגן האָט לעבעדיק אָװעקגעשטעלט די אַריס־טאָקראַטן, אָבער שווער, קימאַט אוממעגלעך איז דיקענסן געווען צו שילדערן אַן אַריסטאָקראַט און טעקערייען — אַ פאָלקס־מענטש. און די ביידע קינסטלער זיינען בלויז אַ ביישפּיל, ווייל די גרעסטע טייל שריי־בער פון גאָר דער וועלט, זיינען מומכים בלויז אין לעבן, זיטן און מינהאָגים

פון זייער גלאַס — זעלטן ווען זיי קענען שילדערן דאָס לעבן פון אַ צווייטן קלאַס מיט דער זעלבער מייסטערשאַפט ווי ס'געלונגט זיי אויפצודעקן אַלע ווינקלען פון דעם קלאַסן שטייגער פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

באַזונדערס שווער איז די פאָלקס-קינסטלער צו דערגרייכן די אַריסטאָקראַטישע שפּיצן, בעאַיים די פון די בורזשויען געקומענע קענען זיך לייכט „אַראָפּלאָזן" און דערגרונטעווען די פאָלקס-נעשאָמע, אויב זיי זיינען נאָר באַשאָנקען מיט אַ כוש און דראַנג דערפאַר. געציילטע טוען אַזוי און דאַן ווערן פאַר אונדז אויפגעדעקט ריזיקע לייוונטן אַף וועלכע ס'שפּיגלט זיך אַף דאָס לעבן פון אַלע שיכטן פון אַ פאָלק. אַזוי האָט געטון לעוו טאָלסטאָי, צום ביישפּיל.

אין אונדזער פאַל האָט דאָס זעלבע פּאַסירט מיט דזשאָן גאַלסוואָרטי. האַגאַם אַ גאַנץ פאַרשידענער, אַ גאַנץ ווייטער אין זיין שאַפן פון טאָלסטאָיען, האָט מיט אים פּערזענלעך געטראָפן אויך דאָסזעלבע: קומען קומט ער פונעם לאַגער פון די רייכע. דער טאַטע זיינער איז געווען דירעקטאָר פון פיל קאָמערציעלע געזעלשאַפטן, אַליין אַן אַדוואָקאַט. האָט ער דעם זון זיינעם אויך געלערנט אַדוואָקאַטסטווע, אים געפירט אַף זיין דערעך... דער זון האָט אָבער פון דער נאַטור געהאַט אַ „שוואַכקייט": — ווי ס'דריקט זיך אויס אין זיין דראַמע „פענסטער" דער פּראָלעטאַריער-פילאָזאָף בליי: — ווען ער זעט אַ קרעציקע קאַץ, אַ פאַרלוירענעם הונט, אָדער אַ אומגליקלעכן מיטמענטשן — זיך אויסצומאָלן אין זייער לאַגע.

— „ס'איז אַ שוואַכקייט אַזאַ בײַ מיר", — זאָגט דער פּראָלעטאַריער בליי...

און די „שוואַכקייט" האָט עס באַוואויגן אויך גאַלסוואָרטין צו שטודירן די באַציונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט און שאַפן זיין דראַמע „שטרייק", וואו ס'ווערט אַף אַ פּלאַסטישן אויפן געוויזן, אַז אין קאַמף מיטן רויבערישן קאַפּיטאַל האָט אַרבעט אַלע הונדערט פּראָצענט שאַנסן צו געווינען און זי פאַרלירט נאָר דאַן, ווען זי גייט אַף פּשאָרעס...

די דראַמע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1909!

די „שוואַכקייט" האָט אים געלערנט, ווי אַזוי מענטשלעך צו פאַרשטיין דאָס אומגליקלעכע לעבן פונעם פאַרפאַלק דזשאָנס (אין דער „זילבערנער טאַבאַטשניצע"), פון די אַנדערע טיפּן פּראָלעטאַריער וואָס דעפּילירן פאַר אונדז מיט זייערע ליידן אין זיין שאַפן, ווי אויך אַרויסצוברענגען דאָס שענסטע פונעם אויבערשטן מיטל-קלאַס.

און ווייל זיין שאַפן איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק, האָבן ווייניק פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ קינסטלער, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן ברייט, וואָס דרינגט אַריין מיט זיין בליק אין די טיפסטע טיפענישן פון מענטשלעכע ליידן און פריידן.

וואָס האָבן שוין זיינע קריטיקער אָף אים נישט געזאָגט: — טענ־דענציעזער פּראָפּאַגאַנדיסט, סענטימענטאַליסט, רעוואָלוציאָנער, בור־זשוי, סאָציאַליסט, ציניקער און נאָך און נאָך זיינען די טיטולן, מיט וועל־כע מ'האָט אים געקרוינט. און קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן, אַז ס'איז נאַריש אָנצוקלעפּן אָף אים אַ צעטל. דאָס לעבן איז פול מיט קאָנ־טראַסטן און גאַלסוואָרטי איז דער מייסטער פון קאָנטראַסטן „פּאַר עק־סעלענץ". ווער ס'טיוולט זיך אין זיינע וואַסערן, און לייטערט זיך אין זיין פייער, פילט אַז זיין שאַפן איז עכט. נאַטירלעך און פּראַכטפול, אַזוי נאַטירלעך און פּראַכטפול ווי ס'איז, צום ביישפּיל, אַ בלוט־גאָלדיקע שקיע וואָס לעשט זיך איבער די כוואַליעס פון אַ שטורעמדיקן יאַם.

ווען מיר באַקענען זיך מיטן קאַפּיטאַליסט דזשאָן אַנטאָני און דעם אַרבעטער־פירער דייוויד ראָבערטס („שטרייק") דזשעמס האַו דעם באַ־לעבאָס, פאַלדער, דער קאָרבן פון דער בירגערלעכער גערעכטיקייט („יוסטיץ") און די פיל אַנדערע טיפּן, אָדער ווען מיר זאַפּן אין זיך איין די רייכעס פון דער נאַטור און אַ פרילינגדיקן ביינהאַשמאָשעס, פאַרגעסן מיר לאַכלוטן אינעם מעכאַבער.

און דאָס גרויסקייט אַזוי צו שאַפן האָט ער אין אַ היפשער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם אַדוואָקאַט אין אים. ווי אַ יוריסט שטעלט ער זיך מיים־טעריש אָף ביידע צדאָדים און גרייט צו די „געשוואָוירענע", — די לייע־נערשאַפט — אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל. אָבער דאָס יורידישע אין אים שטראַלט אַזוי אַרויס, אַז איר זאָלט טאָמיד דערזען ווער דער ריכ־טיקער פאַרברעכער איז, און אים פאַרדאַמען...

נישט אומזיסט באַהויפּטען די בירגערלעכע ליטעראַטור־היסטאָרי־קער, אַז גאַלסוואָרטי איז גאָרנישט אַזוי אָביעקטיוו אומפּאַרטייאיש אין זיין שאַפן, ווי אייניקע האָבן געוואָלט האָבן...

ס'איז איינפאַך צום שטוינען, וואָס אַזאַ פיינפילנדיקע נעשאָמע און פייערדיקע קעמפערן ווי ראָזע לוקסעמבורג האָט אַזוי ווייניק פאַרשטאַ־נען גאַלסוואָרטין. פון דער טפיסע האָט זי געשריבן צו קאַרל ליבקנעכטס פרוי: „גאַלסוואָרטי געהער צו דעם טיפּ אינטעליגענטן וואָס ב. שאָו און אָסקאַר ווײַלד... די לאַנגווייליקייט האָט אים אויפגעפרעסן... אַן עמע־סער קינסטלער וועט ניט איראָניזירן איבער די טיפּן וואָס ער האָט באַ־שאַפן (!)... בעאיים הויפּטמאַן בלייבט שטיין באַם סאָף פון זיין ווערק מיט ציטערדיקע ליפּן, ברייטצעעפנטע אויגן אין וועלכע ס'פינקלען טרערן, ווירקט אָף אונדז גאַלסוואָרטי מיט זיינע קלוגע באַמערקונגען ווי דער שאָכן וואָס זיצט באַ אונדזער טיש און שעפּטשעט אונדז אַריין אין די אויערן עפּעס אַ ביטער וואָרט ווען יעדן גאַסט וואָס קומט אַריין"...

הויפּטמאַן איז אַ דייטש און גאַלסוואָרטי איז אַן ענגלענדער, איז הויפּטמאַנס ציטער לייכטער צו דערפילן און זיינע טרערן גרינגער צו דערזען. גאַלסוואָרטי איז אַן אַנגלאָ־זאַקס, איראָניזירט ער ווען ער פילט אַז אַט וועט ער זיך צעוויינען... בלויז ווייל לוקסעמבורג האָט געלייענט

איינע אָדער צוויי פון גאַלסוואָרטים נאָוועלן („דער מאַן פון אייגנטום" און נאָך עפּעס, דאַכט זיך „ברודערשאַפט"*), האָט זי זיך געקענט שאַפן אַזאַ מיינונג. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען אין זיינע דראַמעס מען זאָל טייקעף דערפילן ווי ווייט ניט עמעס די אויבן ציטירטע מיינונג איז.

נאָכדעם ווי ער האָט שוין צען יאָר געשריבן נאָוועלן האָט ער אין 1906 געשאַפן זיין ערשטע דראַמע „די זילבערנע טאַבאַטשניצע". וועגן זיינע דראַמען, אין אַלגעמיין, דריקט זיך גאַלסוואָרטי אויס אַזוי אין אַ פאָררעדע: „מען וואָלט געקענט זאָגן וועגן בערנאַרד שאָוס דראַמעס, אַז ער שאַפט כאַראַקטערן וואָס דריקן אויס געפילן וועלכע זיי האָבן ניט, בעאיים וועגן מיינע וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז איך שאַף כאַראַקטערן וואָס האָבן געפילן וועלכע זיי קענען ניט אויסדריקן".

מערקווירדיק ווי שאַרף און בולעט איז אַרויסגעזאָגט אין געצייל־טע ווערטער דער סובסטאַנציעלער אונטערשיד צווישן דיביידע גרויסע מייסטער ב. שאָוס העלדן זיינען סימוואָלן, אידייען, שאַאישע נעשאָמע־שפּליטער, פילאָזאָפן, קעמפער און העלדן, עמעס, ניט איבסעניש, געצילט גאָר צו עפּעס אַנדערש ווי איבסען און דאָך אונטער איבסענס האַשפּאָע, און ווי שאַרף, ווי בליציק אַפילע פערד גאַנאַווים ריידן באַ ב. שאָו! שווער איז אַף אַ מאָמענט צו פאַרגעסן ווען מען האַלט אין האַנט בער־נאַרד שאָוס אַ ווערק, אַז ס'איז זיינס, בערנאַרד שאָוס, בעאיים באַ גאַלס־וואָרטין פאַרגעסט איר באַם לייענען דעם מעכאַבער. שטיל, אומבאַ־מערקט האָט מען פאַר אייך אָפּגערוקט די פערטע וואַנט פון אַ צימער, אייך אַריינגעפירט אינווייניק און איר זעט פאַר זיך די מענטשן מיט זייערעליידן, זייערע האַנדלונגען און שטרייטן. פון זייער שטאַמלען פילט איר אַרויס די גרויס פון זייער טראַגעדיע און פּיין.

## 2.

אַף דריי זאַכן שטייט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט: אַף פאַמיליע, גע־זעץ און פּריוואַט־אייגנטום, אָדער סאָציאַלער אומגלייכהייט, וואָס איז איינס און דאָס זעלבע. און אַזוי ווי די פאַמיליע, ווי זי איז היינט, איז אַן אומגליקלעכע היפּאָקריטישע אינסטיטוציע, געזעץ איז קלאַסן־געזעץ און פּריוואַט־אייגנטום הייסט איינעם גאָר און טויזנטער קימאַט גאָרניט, האָבן אַלע גאַלסוואָרטים דראַמעס און קאָמעדיעס צו טון מיט די אויבנ־דערמאָנטע דריי הויפּט־פּראָבלעמען. אַלע קאָנטראַסטן און סאָציאַלע קאָנפליקטן קומען איבער דעם וואָס די דאָזיקע יעסוידעס פון דער היינ־טיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט זיינען איבערגעפוילט און דער מייסטער האָט אָנגעשטעלט זיין ליכט־וואַרפער אַף אָט די פּראָבלעמען.

אין זיין טראַגיקאָמעדיע „דער נאַר" דריקט זיך אויס דער וואַגאַ־

*) זע לוקסעמבורגס בריוו פון טפיסע.

בונד פערראַן, אַ פילאָזאָף פונעם ברייטן שליאַך: „ווען איך זאָל דאַרפן טפילע טון וואָלט דאָס געווען מיין טפילע: גוטער גאָט, גיב מיר פאַר־שטאַנד! יענע אַדוינים, די טעאָרעטיקער, זיי קענען אַפּוואַשן אונדזער הויט, צוימען אונדזערע געוואוינהייטן... אָבער אונדזער גייסט בלייבט זיי פרעמד, זיי קענען אונדז נישט פאַרשטיין".

און גאַלסוואָרטים שאַפונגען זיינען דורכגעדרונגען מיטן ווילן אַליין צו פאַרשטיין און אונדז צו ווייזן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון פון העלדן און געשעענישן. ניט בלויז ווי איינער פון די געוויסע טעאָרעטיקער, „קע־דיי אונדז אָפּצואוואַשן געוואוינהייטן" זיינען געצילט זיינע ווערק, נאָר אונדז איבערצודערציען, פאַרברייטערן אונדזערע האָריזאָנטן און לערנען ווי איבערצושאַצן די ווערטן פון דעם אונטערגייענדיקן היינט, קעדיי מיר זאָלן גרייט זיין, געלייטערטע, אויפצונעמען דעם מאָרגנרויט פון דעם אויפגייענדיקן מאָרגן.

## די זילבערנע טאַבאַטשניצע.

**אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטן, געשריבן אין יאָר 1906.**

דזשעק באַרטוויק, דאָס זונדל פונעם פאָלקס פאַרשטייער, דעם פאַר־לאַמענט־דעפּוטאַט דזשאָן באַרטוויק, פאַלט אריין אַהיים נאָך האַלבער נאַכט, לאַט שיקער. ער האָט ניט געקענט געפינען די טיר און האָט לאַנג געשטורכעט מיטן שליסל אין דער פאַרקערטער זייט ביז ס'איז פאַרביי געגאַנגען איינער אַ קאַניוך און ער האָט אים געהאָלפן אויפשליסן די טיר. דער קאַניוך איז אַן אַרבעטסלאָזער און הייסט דזשעמס דזשאָנס, דאָס דאַרפן מיר געדענקען. דזשעק הייסט אים אַריינגיין מיט אים אין שטוב. ער הייסט דעם קאַניוך טרינקען פונעם קאָניאַק, וואָס שטייט באַ אים אָפן טיש און זיך נעמען וואָס ער וויל. מיר זעען וויביידע שיקערן און דזשעק פלאַפּלט שיקערהייד: „מיין טאַטע איז אַ ליבעראַל און דו, דזשאָנס, ביסט דאָך מיסטאָמע אַ סאָציאַליסט. נעם וואָס דו ווילסט, נעם!" אין האַנט האַלט ער אַ רויט זיידענעם פרויען טאַש און שרייט: „אַזאַ קאַץ, איך האָב איר געפּאַקט און דאָס האָב איך צוגענומען. איך האָב זיך מיט איר אָפּגערעכנט". ער פאַלט אַוועק אַף דער סאָפע און ווערט איינשלאָפן.

דזשאָנס, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען זוכן אַרבעט און האָט נישט געפונען, אַ פאַרביטערטער, אַ הונגעריקער און מידער טרינקט, און ווען ער האָט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן בראַנפן און קאָ־ניאַק וואָס עס איז געשטאַנען אָפן טיש, שוין נישט באַ די געדאַנקען, קוקט ער זיך אַרום און רעדט אַזוי: „וויפל זאַכן זיי האָבן!" ער זעט אַף דער ערד דעם פרויען־טאַש וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם שלאָפנדיקן דזשעקס האַנט און הויבט אים אויף. פונעם טיש נעמט ער אַ פּאַפּיראָס פון דער זילבערנער טאַבאַטשניצע וואָס איז דאָרט געליגן און לייגט

אַריין ביידע, די טאַבאַטשניצע און דעם טאַש, אין קעשענע מיט די ווער־טער: „אויך איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען"! ער גייט אַרוים, שלאָגט זיך אָן אין ליכט שליסל און עס ווערט פינצטער. דער פאָרהאַנג פאַלט אַלס שלוס פון ערשטן בילד.

דאָס צווייטע בילד שטעלט פאָר אַ פרימאָרגן אין הויז פון די באַרט־וויקס. דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף איבערן עס־צימער. איבער דעם זעלבן וואָס דאָס ערשטע בילד. צוויי דינסטן קומען אַריין אויפרוימען. איינע איז פרוי דזשאָנס, אונדזער באַקאַנטן קאָניוכס פרוי. צווישן די ביידע פרויען קומט פאָר אַזאַ געשפרעך: די אַנדערע דינסט זאָגט דער דזשאָנס אַז זי זעט איר מאַן אַלע מאָל זיך דרייען אַרום שענק און אַז נעכטן איז ער איר געקומען זוכן ווען זי איז אַרוים אָף אַ ווײַלע. מיסטאָ־מע האָט ער געוואָלט געלט אָף צו שיקערן... ווען זי וואָלט געוווען די דזשאָנס, זאָגט זי, וואָלט זי צוגענומען די קינדער און אים אַוועקגע־וואָרפן. אָף וואָס די אָרימע פרוי ענטפערט אַז ער שלאָגט איר נאָר ווען ער קומט שיקער. ער איז אינדערעמעסן גאָרנישט קיין שלעכטער מענטש. אַמאָל רעדט ער צו איר גוט און צו די קינדער איז ער אויך גוט. ס'איז פון אים נישט אויסצוהאַלטן בלויז ווען ער איז שיקער. און ווען עס קומט אַריין דער דינער, ווײַזלט זיך איבער איר מאַן און רעדט אויך אַזוי ווי די דינסט, זאָגט די דזשאָנס: „ער ווערט באַ זיך געפאַלן נאָכדעם ווי ער גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט און אומעטום ענטפערט מען אים, אַז מען דאַרף נישט... און דאַן ווען ער נעמט אַ טראָפּן גייט עס אים גלייך אין קאָפּ אַריין". אַזוי ריידן די דינסטן צווישן זיך ביז דער דינער כאַפּט זיך אַז ס'פעלט די זילבערנע טאַבאַטשניצע וואָס איז געליגן אָפן טיש. די דינסט מיטן דינער זיינען כווישעד אַז די דזשאָנס האָט איר צו־געגאַנוועט. און דאָס צווייטע בילד איז געענדיקט.

אַצינד זעען מיר דאָס פאָר פאָלק באַרטוויק. ער, דער „פאָלקס פאָר־שטייער", אַ מענטש אין די פופציקער, זיצט באַם איבערבייסן מיטן בלאַט „די טיימס" אין האַנט, לעבן אים זיצט זיין פרוי. זיי ריידן פון פּאָליטיק. די ליידי ווייזט אַרוים גוואַלדיקע אַמביציעס, ס'מערקט זיך בלויז אין אירע רייד האַס צו אַרבעט און סאָציאַליסטן. זי ווייסט אַז אויפקלערונג, דערציונג מאַכט איינפאַך כאַרעוו די „נידעריקערע" קלאַסן... אין מיטן פון דעם שמועס שטעלט זיך אַריין אונדזער באַנאַכטיקער באַקאַנטער דזשעק. ער זעצט זיך צווישן טאַטע־מאַמע, אַנטשולדיקט זיך וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט... ער בעט אַ גלאָז טיי און פרעגט אָף בריוו. דער טאַטע דערלאַנגט אים אַ אָפן בריוול פון אַ שניידער וואָס איז אים מוי־דיע אַז ער האָט ניט באַקומען די פערציק פונט שטערלינג וואָס דזשעק האָט אים באַדאַרפט צאָלן און ער בעט געלט. דער פאָטער האָט אים יאָ געגעבן געלט און ער פרעגט דעם זון וואוהין ער האָט עס אַהינ־געטון. דזשעק ענטפערט ניט צו דער זאַך און ווען דער פאָטער דריקט אים ענדלעך דצו, ענטפערט ער: „איך האָב אַ שרעקלעכן קאַפּווייטיק",

און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. די מאַמע נעמט אים אונטער איר שוץ אוןביידע, די מאַמע מיטן זון גייען אַרויס.

ווען דער אַלטער בלייבט אַליין, שלייכט זיך אַריין ביגנייווע דער דינער. באַרטוויק דערזעט אים אָבער און פרעגט וואָס ער דאַרף און דער דינער ענטפערט אַז ער האָט געוואָלט זען צי איז ניטאָ דזשעק. דער אַלטער פרעגט ווידער וואָס ער דאַרף דזשעקן און דער דינער ענטפערט, אַז אַ פרוי פרעגט זיך אָפּ אים. באַרטוויק ווערט נייגעריק: „אַ פרוי אין אַזאַ שאָ אינדערפרי. וואָס פאַר אַ סאָרט פרוי איז דאָס?" ער הייסט זי אַריינפירן. און ס'קומט אַריין די פּראָסטיטוטקע מיט וועלכער דזשעק האָט געהוליעט און באַ וועמען ער האָט צוגענומען דעם טאַש מיט געלט. טכילעס וויל זי אַוועק, ווען זי דערזעט דעם פאָטער אַנשטאָט דעם זון, אָבער דער אַלטער פאַרהאַלט זי. ער זאָגט אַז דער זון איז קראַנק און זי מוז אים דערקלערן וואָס זי וויל. דאָ קומט פאָר אַ פּרעכטיקע סצענע. די פּראָסטיטוטקע דערציילט אַז דזשעק האָט באַ איר צוגענומען דעם טאַש. אין אים איז געלעגן איר גאַנצער קאַפּיטאַל, זי דאַרף צאָלן דירע געלט, איז זי געקומען נאָך איר טאַש: זי וויל ניט מאַכן קיין סקאַנדאַל. דער טאַטע הייסט אַריינרופן דעם זון. דזשעק, דערזעענדיק זי, בלייבט ווי געפּלעפט, ווען ער קומט צו זיך פרעגט ער די פרוי פאַרוואָס איז זי געקומען. זי טיינעט אַז זי דאַרף דאָס געלט. דער טאַטע שיקט אים איר אויפזוכן דעם טאַש. פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַש איז נישטאָ... נאָכדעם ווי ער האָט געזוכט און נישט געפונען קומט ער צוריק און זאָגט דער פרוי אַז ער וועט איר אָפּשיקן דאָס געלט. זי וויל ניט אַוועקגיין, ווייל זי דאַרף עס שוין, זאָגט זי. דזשעק ענטפערט אַז ער האָט נישט קיין פּרוטע, דאַן צעשרייט זיך די גאַסן-פרוי אַז ס'איז איינפאַך גנייווע, זי וועט רופן פּאָליציי. דאָ מישט זיך אַריין דער טאַטע, ער נעמט אַרויס דעם באַטרעף, קלינגט אָן און מען פירט זי אַרויס. נאָכדעם נעמט דער טאַטע מוסערן דעם זון און ווייזט אים אַז ער האָט אים געהאָלפן, אָבער אַלפּייווישער וואָלט מען אים באַדאַרפט איינזעצן... אָפּ וואָס דער זון ענטפערט אַז ווען ער זאָל ניט געווען מוירע האָבן אַז ס'וועט פאַרעפענטלעכט ווערן אין די צייטונגען וואָלט ער אים ניט געווען געהאָלפן...

ווי זיי האַמפּערן זיך אַזוי קומט אַריין דער דינער און דערציילט אַז מען האָט אַוועקגעגאַנוועט די זילבערנע טאַבאַטשניצע. באַרטוויק פרעגט דעם דינער ווער ס'איז געווען אין צימער, ער ענטפערט — די דינסט מיט דער פרוי דזשאָנס, וואָס אַרבעט דאָרט ערשט אַ קורצע צייט. באַרטוויק פרעגט ווייטער צי איז די דזשאָנס געווען אַ מאָמענט אַליין אין צימער... דער דינער ענטפערט אַז ניין און אויסער דעם זעט זי אויס צו זיין אַן אָרנטלעכע פרוי. דער פאָלקס פאַרשטייער נעמט דאָס ניט אין אַכט און הייסט אַריינרופן פרוי דזשאָנס.

ס'קומט פאָר אַ פייער-פרוואוו סצענע וואו די פרוי דזשאָנס ווערט אויסגעפאָרשט. מ'ווערט באַ דער גוטער נאַיווער פאָלקס-פרוי אַלץ גע-

ש ע ל י

וואויר. אַפילע פון דעם „פאַרברעכן" אַז זי איז געוואָרן שוואַנגער פאַר דער כאַסענע... נאָר ניט, פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געגאַנוועט די טאַ־באַטשניצע... ווען זיי זאָגן איר צום שלום אַז עס פעלט די טאַבאַטשני־צע, ענטפערט זי אַז זי האָט זי ניט געזען און זי ווייסט ניט וואו זי איז...

טאַטע, מאַמע און זון קוקן זיך איבער און דאָס איז דער סאָף פונעם ערשטן אַקט.

דאָס ערשטע בילד פונעם צווייטן אַקט שפּילט זיך אָפּ אין הויז פו־נעם פּאָרל זשאָנס. ס'איז באַטאָג. ער ליגט אָפּן בעט און שלאָפט. ס'עפנט זיך די טיר און פרוי דזשאָנס קומט אַריין. זי טראָגט אַ פּעקל איינגע־וויקלט אין אַ צייטונג. באַלד עפנט זי עס און מיר דערזעען אַ האַלב לעבל ברויט, אַ פּאָר ציבעלעס. עטלעכע קאַרטאָפל און אַ דין שטיקל כאַזער פלייש. זי שטעלט אַוועק דעם טשייניק אָפּן פייער, זעצט זיך אַוועק אָף אַ בענקל און הויבט אָן צו וויינען. ער רירט זיך, זעצט זיך אויף און צווישן זיין קומט פאַר אַזאַ מין געשפּרעך:

ער: — „דאָס ביסטו? וויפל האַלט דער זייגער?

זי: (אויסווישנדיק זיך די אויגן) — האַלב דריי.

ער: — פאַרוואָס ביסטו היינט אַזוי פרי צוריקגעקומען?

זי: — איך האָב היינט געהאַט בלויז אַ האַלבן טאָג אַרבעט, דזשעמס.

ער: — האָסטו עפּעס אָף מיטיק?

זי: — פרוי באַרטוויקס קעכנע האָט מיך געשענקט אַ קליין שטיקל כאַזער פלייש. וועל איך עס אָפּקאָכן. מיר זיינען שוין שולדיק פערצן שי־לינג דירע געלט, דזשעמס, און איך האָב בלויז צוויי מיט פיר פענס. מען וועט באַלד קומען מאָנען.

ער: — זאָלן זיי קומען און געפינען מיין סיורפּריז־פּאַקעט. איך האָב שוין גענוג געפּרואווט זוכן אַרבעט. פאַרוואָס דאַרף איך זיך אַרומדרייען אַהין און אַהער זוכנדיק אַרבעט ווי אַ וועווערקע אין אַ שטייג. „גיט מיר אַרבעט, הער — נעמט אַ מענטשן — כ'האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער. איך בין שוין מיד דערפון! איכל גיכער דאָ ליגן און פוילן... ווען איך גיי זוכן אַרבעט און זיי די בעסטיעס קוקן אָף מיר פון אויבן אַראָפּ, פיל איך גלייך ווי טויזנט שלענג האָבן מיך אַרומגענומען. איך בעט בא קיינעם קיין טויווע ניט. אַ מענטש וויל אַרבעט, שוויצן און מען דערלויבט עס ניט. אַ מענטש וויל פּאַכען מיט דער נעשאָמע ער זאָל קענען דערהאַלטן דעם אָטעם אין זיך און מ'לאָזט אים ניט — דאָס איז גערעכטיקייט — דאָס איז פרייהייט און אַלע איבעריקע שיינע זאַכן".

ווי זיי ריידן, קומט אַריין די באַלעבאָסטע מאָנען דירעגעלט. דזשעמס דזשאָנס באַצאָלט איר אינגאַנצן ס'דירעגעלט און ווען די באַלעבאָסטע גייט אַרויס, פרעגט אים זיין פרוי אַ דערשטוינטע, וואָס באַטייט עס, וואו האָט ער גענומען געלט? און ער ענטפערט, אַז ער האָט געפונען עטלעכע פונט. ער וועט איר עפּעס איבערלאָזן און פאָרן איבעריקן וועט

ער קויפן אַ שיפס־קאַרטע קיין קאַנאַדע. ס׳איז אַ ראַכמאָנעס אױף די קינ־דער און עפּשער וועט ער דאָרט זיך אַרויפּאַרבעטן... זי נעמט זיך אויס־טרייסלען זיין רעקל און, איידער נאָך ער האָט צייט איר עפּעס צו זאָגן, פאַלט אַרויס די זילבערנע טאַבאַטשניצע. זי ווערט בלאַס און זאָגט: וואָס האָסטו געטון, האָסט דאָך דאָס ברויט פון אונדזער מויל אַרויסגעריסן, דזשעמס! ער פאַרענטפערט זיך, אַז ער איז געווען שיקער. אָט וועט ער, אַרויסגייענדיק, איר אַריינוואַרפן אין טייך אַריין. ער דאַרף עס נישט. ער האָט עס קיינמאָל נישט געטון. ער איז נישט קיין גאַנעוו און ער וויל נישט זי זאָל אים אַזוי רופן. זי דערציילט אים, אַז מען האָט איר כוי־שעד געווען און אַצינד איז זי אַ פאַרפאַלענע... ער זאָגט ווידער, אַז ער איז ניט ערגער פון די באַרטוויקס. אָט דער יונגער דזשעק איז אַהיימגע־קומען באַנאַכט שיקער און ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פרויס האַנט־בייטל, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגערעכנט. ער האָט עס געטון אויס פאַרדרוס.

— „מיינסטו, אַז אים וועט עפּעס קומען?״ — זאָגט ער איר. און ווען זי שרייט, אַז זי האָט פאַרלוירן די שטעלע, דאָס ברויט פון אירע קינדערס מיילער, טיינעט ער: האַלמאַי האָט דזשעק באַרטוויק צוגענומען אַ האַנט־בייטל...

די פרוי דזשאָנס כאַפּט די טאַבאַטשניצע און וויל זי אָפּטראָגן צו די באַרטוויקס און זיי דערציילן דעם גאַנצן עמעס, ער וואַרפט זיך אױף איר מיט אַ ברום און דאַ קומט אָן אַ דעטעקטיוו. דאָס פּאָרל בלייבט דער־שראָקן, דער דעטעקטיוו כאַפּט די טאַבאַטשניצע און נעמט די פרוי. אין דזשאָנסן רירט זיך זיין געוויסן, ער זאָגט דעם דעטעקטיוו ער זאָל אָפּ־לאָזן די פרוי — ער האָט גענומען די טאַבאַטשניצע. דער דעטעקטיוו גלויבט דאָס נישט און מיינט, אַז ער זאָגט דאָס, קעדיי ריינצוואַשן די פרוי און ער לאָזט איר נישט אָפּ. דזשאָנס וואַרפט זיך אױף אים און דער־לאַנגט אים אַ פּאַטש, דער דעטעקטיוו פייפט און, מיט דער הילף פון אַ פּאָליציאַנט, נעמט ער צו ביידע.

דאָס צווייטע בילד קומט פאַר דעמזעלבן אָוונט בײַ די באַרטוויקס. די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליע טרינקט וויין, קנאַקט נים און שמועסט זיך וועגן זייערע איניאָנים ביז מ׳קומט אַרויף אױף דינסטן, אױף דער פּסי־כאָלאָגיע פון מעשאָרסים און אױף פּרינציפּן, וואו די לײדי צייגט זיך ווי־דער אַרויס פאַר אַ זעלטענער מענטשן־קענערן, זי בליצט מאַמעש מיט אָריגינאַליטעט, ווי ס׳פּאַסט פאַר גוט־דערצויגענער אַריסטאָקראַטישער ענגלענדערן... דער געשפּרעך אָבער ווערט איבערגעריסן איבער דעם, וואָס ס׳קומט דער דעטעקטיוו. ער מאַכט אַ סענסאַציע, ווען ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע די טאַבאַטשניצע. מ׳איז אים מעכאַבעד פאַרן שטיקל אַרבעט מיט אַ גלאָז וויין. נאָר אָט ווערט די סימכע צעשטערט, ווייל דער דעטעקטיוו דערציילט, אַז לויט דזשאָנס זאָגט, איז דער יונ־גער באַרטוויק געווען שיקער און אַ שיקערער האָט ער אַריינגענומען

אים, דזשאָנסן, צו זיך אין הויז; ער האָט אים געגעבן בראָנפן און אָפן גיכטערן מאָגן איז אים דער בראָנפן געגאַנגען אין קאָפּ אריין און ער האָט גענומען די טאַבאַטשניצע.

עס ווערט טרויעריק אין דער פאַמיליע. דער „פאָלקס-פאַרשטייער" גיט זיך רעכענונג, אַז זיין רעפּוטאַציע שטייט אין קאָן... און ער באַשליסט איינצולאַדן דעם פאַמיליען-אַדוואָקאַט ראָפּער (ראָפּ rope הייסט אַף ענגליש אַ שטריק, אַזוי אַז דער נאָמען אַף אידיש באַטייט — אַ טאַליען.) און ער וועט שוין מיסטאָמע אים אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע און פאַרציען דעם שטריק אַף דזשאָנס האַלדז...

עס קומט דער אַדוואָקאַט, מען מאַכט אים קלאָר די זאַך. באַרטוויק גיט אים צו פאַרשטיין, אַז די מייסע מיטן האַנט-בייטל, מיט דער פרוי, טאָר בעשום אויפן נישט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. דער אַדוואָקאַט זאָגט דזשעקן, אַז אין געריכט דאַרף ער בלויז טיינען, אַז ער געדענקט נישט... ס'איבעריקע וועט ער שוין אַליין מאַכן.

דאָ קומט פאַר אַ שוידערלעכע סצענע: נאָכדעם ווי די באַרטוויקס בלייבן אַליין, ריידן זיך איבער, דער מאַן בראַווירט מיט זיינע פּרינציפּן — ס'איז קעגן זיינע פּרינציפּן, שרייט ער. און זי ענטפערט אים פאַרטרעפלעך: — דיינע פּרינציפּן זיינען איינפאַכע פאַכדאָנעס — לויפט צו באַרטוויק צום פענסטער און ווי איינער, וואָס שטיקט זיך, עפנט ער עס אויף. ס'דערהערט זיך דאָס שלוכצן פון אַ קינד.

— „וואָס איז עס?" — פרעגט ער — און ביידע הערן זיך איין.

זי זאָגט, אַז זי וועט שיקן דעם דינער אָפּצושטעלן דאָס געוויין, ווייל קיין זאַך רעגט איר נישט אויף אַזוי ווי דאָס וויינען פון אַ קינד. דער דינער קומט איר זאָגן, אַז ס'איז פרוי דזשאָנס קינד, וואָס שטייט אַנגעשפּאַרט אַף די שטאַכעטן און וויינט. ס'איז געקומען זוכן זיין מאַמען...

דער פריצטע טוט שוין באַנג אַף דער גאַנצער זאַך; זי וואָלט שוין געוואָלט זיך אָפּלאָזן פונעם פּראָצעס, אָבער איר מאַן, דער דעפּוטאַט ענטפערט: אַך! ס'איז שוין נישט באַ אונדז אין די הענט.

זיי פאַרשליסן דאָס פענסטער און מ'הערט מער נישט וויינען... און דערמיט ענדיקט זיך דער צווייטער אַקט.

דער דריטער אַקט פירט אונז אַריין אין אַן ענגלישן געריכט-זאַל. טכילעס, ווי קעדיי בוילעטער צו ווייזן די אומבאַהאָלפנקייט פון דער בורזשואַזער קלאַסן-יוסטיץ ווייזט אונדז פריער דער קינסטלער אַן אַנדער פּראָצעס.

אַ פּאָליציי-באַאַמטער דערציילט דעם ריכטער, אַז ער האָט אינדערפרי געפונען אין גאַס צוויי קליינע מיידעלעך. ער האָט זיי געפרעגט, וואו ס'איז זייער היים. די מאַמע איז אַוועק. דער טאַטע האָט קיין אַרבעט נישט געהאַט, האָט זי זיך נישט געוואָלט באַ אים האַלטן... גענעכטיקט האָבן זיי באַ אַ מומען, אָבער אַזוי ווי די מומע האָט אייגענע אַכט קינדער, זאָגט זי, אַז זי קען מער די קליינע מיידלעך נית האַלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז פאַר דער פּאָליציי מיט דער יוסטיץ צו לייזן די פּראָבלעמען...

דער פּאָליציי-באַאַמטער האָט אַזוי צו זאָגן „געכאַפּט" דעם פאָטער און דער ריכטער הייסט אים אַריינברענגען. די ערשטע קאַשע, וואָס דער ריכטער שטעלט אים איז, האַלמאַי האַלט ער נישט די קליינע מיידעלעך אינדערהיים... און דער טערעץ איז — ער האָט נישט קיין היים, דאָס ווייב איז אַוועק פון דער היים... דער ריכטער פרעגט ווייטער: פאַרוואָס האָט ער געלאָזט... און נאָך עטלעכע קלוגע פראַגן, וואָס די יוסטיץ שטעלט, ווען זי געפינט זיך פאָנים על פאָנים מיט אַרבעטסלאָזיקייט, נויט און עלנט, ווערט די פּראָבלעם געלייזט דורך דעם, וואָס אַ גוטהאַר־ציקער מענטש נעמט צו די קינדער און טאַטע־מאַמע ווערן פריי זיך צו וואַרפן אין וואַסער אַריין...

אָפּגעפּאַטערט אַזוי קלוג און פיין אַן אייסעק, ברענגט מען אַרויף אָף דער באַשולדיקונגס-באַנק דאָס פּאָרל דזשאָנס. דאָ האָבן מיר פאַר זיך די פאַמיליע באַרטוויק, דעם דינער, דעם דעטעקטיוו און אַדוואָקאַט.

נאָכדעם ווי מען באַשווערט אַלעמען, דורך קושן די ביבל, אַז זיי וועלן בלויז זאָגן דעם עמעס, נעמט זיך דער ריכטער צו דער אַרבעט.

ערשטנס פרעגט ער פרוי דזשאָנס צי זי האָט געגאַנוועט די טאַבאַטשני־צע, זי ענטפערט, אַז נישט. זי זאָגט, אַז איר מאַן האָט קיינמאָל פריער נישט געגאַנוועט. ער איז יענע נאַכט געקומען שיקער און זי איז זיכער, אַז ער וואָלט עס קיינמאָל ניט געוווען געטון, ווען ער איז ניכטער. צווייטנס, פרעגט ער אים, דזשאָנסן וואָס זאָגט ער אַליין. דזשאָנס ענטפערט, אַז ער איז מאַסקים דערמיט, וואָס זיין ווייב זאָגט. ער איז פריער קיינ־מאָל נישט געוועזן אין דער פּאָליציי. ער האָט גערעכנט די טאַבאַטשני־צע אַריינצוואַרפן אין טייך אַריין. און ער דערציילט, אַז ער איז באַ־נאַכט פאַרבייגעגאַנגען די באַרטוויקס הויז און האָט געזען דזשעקן, ווי ער קען נישט עפענען די טיר און ווי ער האָט אים אַריינגעלאָזט א. א. וו. אַליץ ווי ס'איז פאַרגעקומען, און ווען דער ריכטער פרעגט אים צי האָט ער געגאַנוועט די טאַבאַטשניצע, ענטפערט ער: ניין, „איך האָב איר גענומען"... מ'נעמט אָפּן פאַרהער דזשעקן און דער ענטפערט, פאַרשטייט זיך, אַז ער געדענקט נישט... פאַרדריסט עס דזשאָנסן, און ער שפּרינגט אויף און שרייט אויס:

— „מיינע ווערטער האָבן אַזאַ ווערט ווי אייערע. איך בין קיינמאָל פריער נישט געוועזן אין דער פּאָליציי. קוקט אָהער, איר געדענקט ניט דעם האַנט-בייטל, וואָס איר האָט געהאַלטן אין" — — —

דאָ מישט זיך אַריין דער אַדוואָקאַט, „טאַליען", און באַמערקט, אַז ער דענקט, אַז די פראַגעס האָבן גאָרנישט צו טון מיטן איניען... דער ריכ־טער שמייכלט און איז מאַסקים... ער גיט צו פאַרשטיין דזשאָנסן ער זאָל זיך אויפפירן רואיק, די טאַבאַטשניצע האָט ער דאָך גענומען...

דזשאָנס ענטפערט אַן אויפגעקאָכטער: „איך האָב נישט געטון קיין

ערגערע זאַך פאַר אים. איך בין אַן אָרעמאַן. איך האָב נישט קיין געלט און קיין פריינט — ער איז אַ פּאַרעץ — ער קאָן טון דאָס וואָס איך קאָן נישט... איך האָב באַדאַרפט געלט, פרעגט אים וואָס האָט אים געצוואונגען צו נעמען... ווען איר זאָלט האָבן מיין לעבן — ווען איר זאָלט זיין אַן ארבייטסלאָזער..."

דער ריכטער ענטפערט, אַז אים גייט נישט אָן, וואָס האָט געצוואונגען דזשעקן צו נעמען אַ בייטל און וואָס פאַר אַ בייטל... דער אַדוואָקאַט פרעגט דערווייל, צי דאַרף מען נאָך ווייטער דזשעקן און דער לעצטער טרעט אָפּ...

דזשאָנס טייַנעט איינס: „איך האָב נישט געטון קיין ערגער פאַרברעכן פאַר אים. איך וויל וויסן, וואָס וועט מען אים טון". דער גוטהאַרציקער „פאָלקס-פאָרשטייער" דערקלערט דורך זיין אַדוואָקאַט, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט די אָרעמקייט פון די באַשולדיקטע, בעט ער מען זאָל זיי נישט מישפּטן פאַר גנייווע, נאָר פאַר איינפאַכער אומאָרדענונג. דער ריכטער, נאָך אַ שטיקל דראָשע, אין וועלכער ער מוסערט אוים דזשאָנסן, זאָגט, אַז אַזוי ווי ס'איז צום ערשטן מאָל, גיט ער אים אַ „לייכטע שטראָף" — איין מאָנאַט אַרעסט מיט שווערער אַרבעט; די פרוי באַפרייט ער.

אויסהערנדיק דעם פּסק, זאָגט דזשאָנס: „דאָס הייסט יוסטיץ? און אים וואָס וועט קומען? ער האָט זיך אָנגעשיקערט! ער האָט גענומען דעם האַנט-בייטל, אָבער זיין געלט האָט אים אַרויסגעשלעפּט — יוסטיץ!"

דידאַזיקע איראָניע, דאָס לעצטע וואָרט „יוסטיץ"! פון דער „זילבערנער טאַבאַטשניצע", איז געווען דעם קינסטלערס אָנדייטונג פון דעם גרויסן אויצער דינאַמיט, וואָס ער האָט פאַרגרייט פאַר דער קלאַסן-גערעכטיקייט. דער דינאַמיט האָט אויפגעריסן מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1909, ווען גאַלסוואָרטי האָט פאַרעפענטלעכט זיין גרויסע טראַגעדיע „יוסטיץ".

3.

אינעם זעקסטן יאָרהונדערט איז אייראָפּע „באַגליקט" געוואָרן מיט דער יוסטיץ. דער וויזאַנטישער אימפּעראַטאָר יוסטיניאַן דער ערשטער (1565—1483) האָט באַפולמעכטיקט דעם אַדוואָקאַט טריבוניאַן מיט אַ קאָמיסיע יוריסטן אויפצוזאַמלען די רוימישע געזעצן אין אַ קאָדעקס. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט זיינען געווען די צוועלף ביכער פונעם „קאָרפּוס יורים ציוויליס". נאָכדעם זיינען געקומען די פּאַנדעקטן, וואָס אַנטהאַלטן די באַשלוסן פון רוימישע אַדוואָקאַטן, אַ מין שולכאָן אָרוך, און אויף דער באַזע האָט זיך די יוסטיץ פון קימאַט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער.

די יוריסטן לערנען דאָס דאַזיקע „רוימישע געזעץ" מיט די סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן און זיי האָבן עס אָנגערופן, אין גרויסער היספּיי־לעס, „דער קריסטאַליזירטער פאַרשטאַנד"...

פאַרשטאַנד, אָבער, דיקטירט ניט צו באַשטימען אַ מאָס פאַר אַלע זאַכן אין אַלע צייטן. „אַלעס פליסט", האָט געזאָגט דער בלינדער העראַק־ליט, אַלעס ענדערט זיך. עמעס, פיל זאַכן זיינען ענלעך, אָבער די סיבעס וואָס האָבן זיי געשאַפן, די מאָטיוון וואָס האָבן גווירעס געוועזן צו זייער אַנטשטייין זיינען אין יעדן פאַל אַנדערע, און דאָס געזעץ פרעגט ניט פאַר־וואָס: דאָס געזעץ אינטערעסירן ניט די אורזאַכן וואָס האָבן געטריבן צום פאַרברעכן — עס באַשטראָפט פאַרן פאַקט אַליין, און דעריבער איז עס, ווי קויעלעס האָט עס נאָך באַמערקט: „מקום המשפט שם הרשע ומקום הצדק שם הרשע" (דאָרט וואו געזעץ. דאָרט איז שלעכטיקייט).

פאָלגלעך, איז גאַנץ נאַטירלעך וואָס אַ קינסטלער און יוריסט דערצו, ווענמענס שאַפן ס'איז איין לאַנגער קאַמף פאַרן ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, זאָל מאַכן, אַזוי צו זאָגן, פאַר איינעם פון די הויפּט פונקטן פון זיין פּראָגראַם דאָס אויפדעקן פון דער פאַרברעכע־רישקייט, אומבאַהאָלפנקייט און לעכערלעכקייט פון דער יוסטיץ וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרומענט אין דער האַנט פון די ריי־כע קעגן אָרימע...

דזשאָן גאָלסוואָרטי איז אָבער אַ דיכטער, דערציילער און דראַמאַ־טורג — נישט קיין פּובליציסט, שאַפט ער קונסט־בילדער און הויכט אין זיי אַריין, דיכטערישע געפילן; וואָס ער זעט איז פּלאַסטיש, און דעם טאַמציס פון לעבן ברענגט ער אויך אַרויף אַף דער בינע, אימפּרעסיאָ־נירט אונדז זיין טעאַטער און גיט אונדז איבער דעם קינסטלערס געפילן בעסער איידער פיל בליציקע, געדאַנקענרייכע און געשליפענע פּובליציס־טישע אַרטיקלען. אַפן שטאַרקסטן אויפן איז עס אים געלונגען מיט זיין טראַגעדיע „יוסטיץ".

אָט איז דער אינהאַלט פון דער טראַגעדיע:

**י ו ס ט י ץ.**

אַ טראַגעדיע אין פיר אַקטן, אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין לאָנדאָן אין יאָר 1910.

דער ערשטער אַקט שפּילט זיך אָפּ אין דער אַדוואָקאַטן סטודיע פון דזשעמס און וואַלטער האַאו: ס'איז אינדערפרי. דער הויפּט־באַאַמטער קאָקסאָן מאַכט כעשבוינעס און ווי ער רעכנט קומט דאָס שיק־אינגל און דערציילט אים אַז אַ פרוי וויל אַריינגיין. קאָקסאָן הייסט איר אַריינלאָזן און ס'שטעלט זיך אַריין אַ זעקס און צוואַנציק יעריקע, באַשיידן געקליי־דעטע פרוי. זי הייסט, זאָגט זי, רות האָניוויל און זי דאַרף זען פאָלדערן. וויליאַם פאָלדער איז אַ באַאַמטער אונטער קאָקסאָנען. ס'איז אַ פריוואַ־

מער איניען. קאָקסאָן זאָגט זיך אָפּ טכילעס נאָכצוגעבן איר פאַרלאַנג — מיט פּריוואַטע איניאָנים גייט מען אהיים, זאָגט ער, אָפּן פּריוואַטן אַד־רעס, ניט אין סטודיע. אָבער נאָכדעם ווי די פרוי גיט אים צו פאַרשטיין אַז ס'איז אַ פראַגע פון טויט און לעבן, ווערט דער אַלטער קאָנצעליאַר־סקע באַאַמטער נאָכגעביקער און איז גרייט דאָס מאָל צו דערלויבן פאַל־דערן אַ מאָמענט מיט איר זיך צו זען, נאָר מער ניט. קאָקסאָן רוקט זיך אַרויס. באַלד באַווייזט זיך פאַלדער און צווישן זיי קומט פאָר אַזאַ מין געשפּרעך:

רוט: — „ער איז ווידער שיקער, וויל. ער האָט מיך געוואָלט קוי־לען די פאַריקע נאַכט. איך בין אַוועק מיט די קינדער איידער ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. איך בין געגאַנגען צו אייך אהיים.

פאַלדער: — איך האָב זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער וואוינונג.

רוט: — ס'איז שוין אַלץ פאַרטיק אָף היינט אָף דער נאַכט?

פאַלדער: — איך האָב געקויפט בילעטן. וואַרט מיך אָפּ עלף מיט פינפאונפערציק, באַם איינשרייב־ביוראָ. אין גאָטעס ווילן פאַרגעס ניט אַז מיר זיינען מאַן און פרוי". ער גיט איר עטלעכע פונט שטערלינג און זי גייט אַרויס.

אייגנטלעך קומט אָט וואָס פאָר: פאַלדער, אַ באַאַמטער פון 23 יאָר, האָט זיך דורך זיין שוועסטער באַקאַנט מיט דער פאַרהייראַטער רוט האָניוויל. זי פירט אַן אומגליקלעך פאַמיליע לעבן, דער מאַן שיקערט און שלאָגט זי, שוין אַ פּאָר מאָל ווי ער האָט איר געוואָלט דערשטיקן, וויל פאַלדער האָט זיך אין איר פאַרליבט און זי איז גרייט מיט אים ערגעץ צו אַנטלויפן. זיי האָבן אָפּגערעדט אַוועקצופאָרן קיין דאָרעם אַמעריקע אָף דער נאַכט פון דעם זעלבן טאָג וואָס זי איז געקומען נאָך געלט.

נאָכדעם ווי זי איז אַרויס האָט קאָקסאָן געמאַכט אַ פאָרוואורף פאַל־דערן. ער האָט אים געזאָגט אַז ס'איז נישט אָנשטענדיק צו דערליידיקן פּריוואַטע אינטערעסן אין דער סטודיע. די באַלעבאַטים וועלן זיך דער־פון דערוויסן וועלן זיי זיין ברויגעז. און אויסער דעם באַמערקט ער, אַז ער, פאַלדער, האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט, עפּעס איז ער פאַרטראָגן: אָט האָט ער באַדאַרפט ענדיקן אַן אַרבעט וואָס ס'האָט אָנ־געהויבן אַן אַנדער באַאַמטער, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַ־ליע מיט אַ וואָך צוריק און ביז היינט איז זי נאָך ניט דורכגעפירט...

פאַלדערס צעטראָגנקייט דערקלערט זיך דערמיט:

די גאַנצע צייט, זינט רוט האָניוויל איז צו אים געקומען אַ האַלב־דערשטיקטע, מיט צייכנס פון איר מאַנס פינגער אָפּן האַלדז, אין צערי־סענע קליידער און אָף טויט אַ דערשראָקענע, איז וויל פאַלדער אַרומ־געגאַנגען באַזאָרגט מיט איינאונאיינציקן געדאַנק: — ווי אַזוי ראַטעוועט מען איר אָפּ! און ווער ווייסט, ביז ער וועט עפּעס צוטראַכטן, צי וועט דער מאַן איר איינגאַנצן נישט דערשטיקן... און אין דעם פאַרצווייפלטן צושטאַנד האָט אים דער באַאַמטער, וואָס איז אַצינד אָפּן וועג קיין אויס־

טראַליע, געגעבן פאַר זיין אָפּפאָרן אַ טשעק אַף ניין פונט, וואָס פאַלדער האָט געזאָלט איינקאַסירן אין אַ דערבייאיקן באַנק. אַ געדאַנק האָט דורכגעבליצט זיין מויעד — ער האָט צו דער ניין צוגעשריבן אַ נול און האָט איינגעקאַסירט אָנשטאָט ניין — 90 פונט... פאַר דעם געלט האָט ער איינגעקויפט שיפסקאַרטן קיין דאַרעם-אַמעריקע, נאָר אָט מישט זיך אַריין דער בלינדער גוירל און מאַכט צו נישט אַלע פּלענער. דזשעמס האָו מיטן זון וואַלטער קומען אין סטודיע פּונקט אַ מאָמענט שפּעטער נאָכ־דעם ווי רוס מיט אירע קינדער זיינען פון דאָרט אַרויס, און זיי נעמען זיך איבערקוקן דאָס טשעק-ביכל. דער פאָטער שטעלט זיך אָפּ אַף די איינציק פונט און פרעגט דעם זון וואָס איז דאָס פאַר אַ טשעק — דער ענטפער איז קלאָר: ס׳דאַרף זיין אַ טשעק אַף ניין און ניט ניינציק...

טכילעס פאַלט דער כשאַד אַף דעם באַאַמטן וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע, נאָר אָט האָט דער אַדוואָקאַט דזשעמס האָו איינגע־לאַדן דעם באַנק-קאַסיר. מ׳רופט אַריין אויך פאַלדערן. און זיינע אויגן ווערן צוגעשמידט צום קאַסיר „ווי די אויגן פון אַ קראַליק ווען זיי דער־זעען אַ שלאַנג...״

דער געניטער בליק פון דעם אַלטן יוריסט דזשעמס האָו דערפילט ווער ס׳האָט געפעלשט דעם טשעק און נאָך אַ לאַנגן פאַרהער איז זיך פאַלדער ענדלעך מוידע.

דער פאָטער-באַלעבאָס דזשעמס האָו, באַשליסט צו פאַרפירן אַ פּראָ־צעס. דער זון-באַלעבאָס, וואַלטער האָו, צייגט זיך צו זיין מענטשלעכער. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, טיינעט ער. (מערקווירדיק באַ גאַלסוואָרטין קו־מען אוים די יונגע העלדן פונעם הערשנדן קלאַס קימאַט שטענדיק ניט אַזוי פאַרדאָרבן ווי זייערע טאַטעס; דאָס וואָלט מען פיליכט געקענט דערקלערן דערמיט, וואָס דער מענטש איז פון דער נאַטור איינער פאַר אַלע קלאַסן: מענטשלעך; און ער ווערט רוּיבעריש, מיט דער צייט, אונ־טער די קאַפּיטאַליסטישע אומשטענדן.). פאַרשטייט זיך, אַז ס׳בלייבט ווי דער פאָטער וויל. מ׳קלינגט אין דער פאָליציי און אַ דעטעקטיוו קומט נעמען פאַלדערן. פאַלדער בעט זיך: אָ, האַר! איך האָב עס געטון צוליב איר... דער דעטעקטיוו פירט אים אַוועק און דער ערשטער אַקט איז גע־ענדיקט.

דער צווייטער אַקט ווייזט אונז אַ געריכט-זאַל. עס גייט דער פאַל־דער פּראָצעס. דער פּראָקוראָר קליווער, Cleaver (אַף אידיש האַקמע־סער, דער וואָס האַקט און צעשטערט מיט זיין צונג פרעמדע לעבנס), האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט זיין קנאַקעדיקע רעדע אין וועלכער ער שיל־דערט די גרויס פונעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן... און דאָס וואָרט האָט דער פאַרטיידיקער.

גאַלסוואָרטי באַווייזט זיך דאָ אַלס ערשטקלאַסיקער אַדוואָקאַט, גלענצנדער פּסיכאָלאָג. ער דעקט אויף פאַר די געשוואוירענע דעם סאָ־ציאַלן אונטערגרונט פון דעם פּראָצעס. די פרוי האָט געפירט אַ מוירע־

דיק אומגליקלעך לעבן און דאַך, נישט געקוקט אַף די קלעפּ וואָס דער מאַן האָט איר פאַרטיילט, קען זי ניט אַרויסבאַקומען קיין געט ווייל... דערויף דאַרף זי אַ באַווייז, אַז דער מאַן האָט איר פאַראַטן. דער דריי־אונצוואַנציקיעריקער „פאַרברעכער" איז אַ נאַיווער אינגל וואָס, זייענ־דיק פאַרליבט איז ער דערשיטערט געוואָרן ווען ער האָט די פרוי דער־זען אַ צעשלאָגענע און שיר דערשטיקטע, און אַ פאַרצווייפלטער, אין אַ מאָמענט פון פאַרפירונג, האָט ער געפעלשט דעם טשעק אוים איינפּאַ־כער מיטלייד און ראַכמאָנעס, דעריבער בעט ער זיך באַ זיי מען זאָל אים באַפרייען וועט ער זיין אַ גערעטעוועטער, בעיים אויב מ'זאָל אים פאַרמישפּעטן איז ער אַ פאַרפאַלענער, ווייל „יוסטיץ איז אַזאַ מאַשין, וואָס קוים האָט מען איר געגעבן דעם ערשטן שטויס, קייקלט זי זיך שוין אַליין און צערייבט מיט אירע רעדער די קאָרבאָנעס וואָס זיינע אונטער זיי געפאַלן"...

דער פּראָקוראָר, אָדער די בירגערלעכע יוסטיץ, רעדט ווייטער און וויל אויפווייזן אַז פאַלדער איז געווען באַם זינען ווען ער האָט געפעלשט דעם טשעק און אַז זי ווייסט ניט פון קיין „ראָמאַנטישע סענטימענטן"... און דער דרייאונצוואַנציקיעריקער וויל פאַלדער, וואָס האָט געוואָגט צו „באַגאַנווענען" אַ קאַפּיטאַליסט אַף גאַנצע נײַנציק פונט, קעדיי צו ראַטע־ווען אַן אומגליקלעכע פרוי מיט אירע קינדער פון דער האַנט פון אַ מאַן אַ גאַזלען, ווערט פאַרמישפּעט צו דריי יאָר שווערער אַרבעט.

און די יוסטיץ קייקלט זיך גלייך אַריבער איבער אַ צווייטן: דער צווייטער אַקט ענדיקט זיך מיטן אָנהויב פון אַן אַנדער פּראָצעס...

דער ווערעטער־קאַמף צווישן דעם פאַרטיידיקער, פּראָקוראָר און ריכטער איז אַרויסגעבראַכט אַזוי גלענצענד, אַז ער פאַרבלייבט לאַנג אין זיקאָרן.

אין דריטן אַקט עפנט פאַר אונדז אויף דער מעכאַבער די טפיסע־קעמערלעך און ווייזט אונדז די קאָרבאָנעס און זייער „לעבן" און ניט נאָר די קאָרבאָנעס; איר באַקאַנט זיך מיט די טפיסע־וועכטער, מיטן שעף, מיטן דאָקטאָר, מיט איין וואָרט — מיט דער גאַנצער אינסטיטוציע.

אַט רעדט זיך איבער באַ זיין שרייב־טיש דער גרויער טפיסע־שעף מיט אַ וועכטער מיקויעך די זעגעלעך, וואָס זיי האָבן געפונען באַ איין אַרעסטירטן, וואָס האָט אונטערגעזעגט דאָס פענסטער, וועגן אַ צווייטן, וואָס קלאַפּט זיך קאָפּ אין וואַנט און אַזוי ווייטער ביז זיי קומען אַרויף אַף פאַלדערן. קאָקסאָן איז אים געקומען באַזוכן, אָבער איידער ס'גייט איבער דער ערשטער מאָנאַט לאָזט מען קיינעם ניט צו... און אַט זען מיר דעם טפיסע־שעף אַרומגיין מיטן וועכטער פון צעל צו צעל. און אין יעדן פאַל אַ באַזונדערע טראַגעדיע. אַ כאַרעווע וועלט. דער שעף באַציט זיך צו זיי מענטשלעך, ער טרייסט זיי, פאַרשטייט זיך, אַף וויפל ס'איז מעגלעך באַ די אומשטענדן...

די שטאַרקסטע סצענע אָבער איז די לעצטע פונעם דריטן אַקט. אַ

שטומע סצענע, אָן ווערטער; און מיט איר דערגרייכט דער דראַמאַטורג די העכסטע קינסטלערישע מאַדרייגע צו וועלכער עס וואָלטן בלויז גע־קענט פאַרגלייכט ווערן די שענסטע שטעלן פון די „ברידער קאַראַמאַ־זאָוו".

פאָלדערס צעל. אין דעם ביין־האַשמאַשעם ליכט שטייט פאָלדער אין די זאָקן. אומבאַוועגלעך, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער טיר און הערט זיך איין. זיין אַרבעט (אַ העמד צו וועלכן ער דאַרף אויסשלייפן פּעטעל־קעס) הענגט אַף אַ טשוואָק. אַט גיט ער אַ טיפן זיפץ און לאָזט זיך צו זיין אַרבעט, נאָר ער בלייבט שטיין מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ער הויבט אָן אַרומשפּאַנען שאָקלענדיק מיטן קאָפּ ווי אַ כאַיע וואָס שפּאַנט אַרום אין איר שטייג. ער בלייבט ווידער שטיין באַ דער טיר. ער הערט זיך איין אַוועקלייגענדיג אַף איר די דלאָניעס פון זיינע הענט מיט די צעשפּרייטע פינגער, דעם שטערן דריקט ער צו צום אייזן. ער דרייט זיך אַוועק און גייט פּאַמעלעך צו צום פענסטער, הויבט אויף אַ דעקל פון אַ בלעך. שפּיגלט זיך אין דעם אָן, גלייך ער זאָל וועלן זיך כאַווערן מיט דעם אייגענעם פּאָנים. פּלוצים פאַלט דאָס דעקל אַרויס פון זיין האַנט מיט אַ קלאַפּ — דער איינציקער קלאַנג וואָס האָט געשטערט דאָס שטיל־קייט... באַלד דערהערט זיך פון ווייטן אַ קלאַפּן, מ'ענטפערט, און דאָס קלאַפּן ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. „פאָלדערס הענט באַוועגן זיך, גלייך זיין גייסט האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קלאַפּן. פּלוצים הויבט ער אויף זיינע פאַרקלעמטע פויסטן, און, אָטעמענדיק שווער, וואַרפט ער זיך אַף דער טיר און קלאַפּט אויך. דער פאַרהאַנג פאַלט איבער דעם קלאַפּן. דעם שטומען, אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט פון די יוסטיץ־קאָרבאָנעס...

דער לעצטער אַקט קומט ווידער פאָר, ווי דער ערשטער, אין אַד־וואָקאַטן־סטודיע. עס זיינען פאַריבער די דריי יאָר וואָס פאָלדער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף. פאַר דער צייט איז רוס האָניוויל געפאַלן. צו־ערשט ווען זי איז אַוועק פונעם מאַן האָט זי מיט די קינדער געהונגערט, נאָכדעם האָט זי געפונען אַרבעט און אַ גוטן באַלעבאָס... זי האָט ניט געגלויבט צו זען נאָך אַמאָל פאָלדערן. האָט זי זיך אונטערגעגעבן דעם באַלעבאָס, נאָר אַט האָט זי אים, פאָלדערן, באַגעגנט אין פּאַרק און זי האָט מיטן באַלעבאָס געענדיקט... איר ליבע האָט צו אים אויפגעפלאַ־קערט און אַצינד איז זי געקומען בעטן מ'זאָל ווידער אים צונעמען...

דאָס אַלץ דערציילט זי אין סטודיע קאָקסאָנען און טיינעט אַז פאָל־דער האָט פאַר זיין פאַרברעכן שוין באַצאָלט מיט אַן אוידעף... פאָלדער וואַרט אונטן. קאָקסאָן זאָגט איר צו אַז ער וועט טון וואָס ער וועט קע־נען. ער וועט אָפּוואַרטן ווען זיינע באַלעבאַטים וועלן זיין אין אַ גוטער שטימונג, וועט ער מיט זיי ריידן. זי גייט אַראָפּ און שיקט אַרויף פאָלדערן.

„אַ בלאַסער, מאָגערער מיט אומרואיקע אויגן" שפּאַנט ער אַריין און, שרעקעדיק, ניט זיכער, נעמט ער קאָקסאָנס אויסגעשטרעקטע האַנט. ער

דערציילט ווי ער איז שוין געווען אַף אַ סאַך פּלעצער און אומעטום גייט אַלץ גוט ביז מ׳דערוואוסט זיך פון זיין פאַרגאַנגענהייט... אַצינד איז ער געקומען אַהער, עפּשער וועט מען אים ווידער צונעמען. „איך האָב באַצאָלט טויזנט מאָל מער וויפל ס׳איז פון מיר געקומען”, זאָגט ער...

ס׳קומען די באַלעבאַטים, זיי ווערן געוואויר וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך און דזשעמס האָו גייט איין אים צוצונעמען אַ צווייט מאָל נאָר מיט איין קליינעם באַדינג... אַזוי ווי עס איז צו אים דערגאַנגען אַז די פרוי רוס האָניוויל האָט זיך ניט אויפגעפירט אָנשטענדיק פאַר דער צייט וואָס ער איז געזעסן אין טפיסע, און זיין כּיוון איז מאַקפיד צו זיין אַף דער מאָראַלישער קאַשערס פון זיינע באַאַמטע... זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון דער פרוי. פאָלדער ענטפערט, אַז זי איז די איינציקע וועמען ער האָט אַף דער וועלט. דער באַלעבאָס, אונטער דער דראָאונג ניט צו געבן קיין פּאָסטן פאָלדערן, צווינגט רוסן וואָס איז גרייט אַף אַלץ אַבי אים אָרויסצוהויבן, צו דערציילן וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. פאָלדער ברעכט צוזאַמען און אין דעם מאָמענט קלאַפּט מען: אַ דעטעקטיוו איז געקומען: אַזוי ווי פאָלדער האָט באַדאַרפט אָנגעבן אין דער פּאָליציי זיין וואוינונג, און, בּיכלאַל, זיך געפינען אונטער איר השגחה, און אַזוי ווי, איבער דעם אַרומוואַנדערן און זוכן שטעלעס, האָט ער ניט אַרויסגעפאָלגט די פּאָליציייִשע פאָרמאַליטעטן איז מען אים ווידער געקומען אַרעסטירן...

דער דעטעקטיוו פירט אים אַרויס, נאָר באַלד דערהערט זיך אַ געשריי און דער דעטעקטיוו מיטן שיק-אינגל טראָגן פאָלדערן, וואָס האָט געמאַכט אַ סאָף צו זיין לעבן דורכן אַראָפּוואַרפן זיך פון די טרעפּ: „ער האָט זיך צובראָכן דעם קאַרק”, זאָגט דער דעטעקטיוו. רוס כּאַלעשט, מ׳נעמט איר ראַטעווען, אַלע זיינען צוטומלט און דאָס איז די ווירקונג פון דער יוסטיץ און די שלום-סצענע פון גאָלסוואָרטיס „טראַגעדיע”.

מ׳זאָגט אַז אונטערן רוישעם פון דזשאָן גאָלסוואָרטיס דראַמע ביכלאַל, און באַזונדערס אַ דאַנק דעם מייסטערווערק „יוסטיץ”, זיינען פיל רעפאָרמעס געמאַכט געוואָרן אין די ענגלישע טפיסעס און די געזעצגעבונג האָט זיך אויך געענדערט, אָבער עס איבעריק צוצוגעבן אַז די פּראָבלעמען וועלן בלויז דאַן ווי געהעריק געלייזט ווערן ווען די ביידע אינסטיטוציעס וועלן, צוזאַמען מיטן קלאַס וואָס האָט זיי געשאַפן, אינגאַנצן כּאַרעוו ווערן און אַף זייער אָרט וועט אנטשטיין אַ נייע מענטשהייט מיט שענערע אינסטיטוציעס.

## 4.

וויל פאָלדער איז אומגעקומען אַלס קאָרבן פון דער קלאַסן יוסטיץ, סטיוון מאָר, דער ווירדיקער פאָלקס-פאָרשטייער וואָס האָט געוואַגט זיך קעגנשטעלן מילכאָמע, איז דערמאָרדעט געוואָרן פונעם האַמיון, וואָס איז פאַרטשאַדעט דורך דער געלער פּרעסע, אין דער געזעלשאַפט וואו גענעראַל און קאַרדינאַל זיינען לייבלעכע ברידער... מיליטאַר און

גאַלעך האָבן פאַריפּעשט די גענעלשאַפט אזוי אַז דער יאַכיד וואָס האָט אויפגעהויבן זיין שטימע קעגן אַ רוויבערישער אינוואַזיע פון די אימפּע־ריאַליסטן אין אַ לאַנד פון אַ שוואַך און שוצלאָז פאָלק, ווערט אַף אַ שווי־דערלעכן אויפן דערמאָרדעט פון צעווילדעוועטע סטודענטן... („דער האָ־מוין") קלעיר דעדמאָנד אַנטלויפט פון איר מאַן; זי קען ניט זיין מער ליידי דעדמאָנד... (אַלטע וועלט) זי לאָזט איבער די דורכגעפוילטע אַריס־טאָקראַטישע מישפּאָכע אירע וואו אַלץ ווערט געמאָסטן מיט געלט, און ס'גאַנצע לעבן איז דורכגעזאָפּט מיטן רייעך בלויז פון געלט, געלט און געלט. זי שלאָגט זיך אָבער אָן אַף שטרוויכלונגען: די פאָלקס-מיידלעך וואָס אַרבעטן מיט איר צוזאַמען אין איין געשעפט האָבן ניט קיין צו־טרוי צו דער צו געבילדעטער, צירלעך-מאַנירלעכער קלעיר — זיי דער־שפּירן אַן אַריסטאָקראַטקע... און ענדלעך, ווען זי, אַ געיאָגטע, זעט זיך געצוואונגען אַנצוהויבן אַ לעבן פון שאַנד, ענטפערט זי זיך איבער דעם טויט („די אַנטלאָפענע").

אָבער די אַלע טראַגעדיעס קומען דערפון וואָס „די וועלט איז פול מיט וויינער און פון טויזנט לעבט נאָר איינער, אָט די טויזנט צו פאַר־שלינגען"... (מאָרים ראָזנפעלד). אַלע איבלען, דאָס גאַנצע ביטערע מו־טשען זיך, דאָס מוירעדיקע אָפּפּינצטערן פון אונזערע יאָרן און טעג נעמט זיך פון דער סאָציאַלער אומגלייכהייט וואָס הערשט אַף דער וועלט, און ווען די דאָזיקע געווויסנלאָזע אומגלייכהייט אָפּגעשאַפט ווערן, וועט נעמען אַ סאָף צו די ערגסטע צאָרעס פון דער מענטשהייט. דידאָ־זיקע ענדערונג וועט אָבער ניט קומען פון זיך אַליין: מ'מוז ביטער קעמפן צו דערגרייכן דעם ציל. און דאָ ווערן אָפּט די קעמפער אין סאַמע ברען פון שלאַכט, אין מאָמענטן ווען זיי זיינען, דאַכט זיך, אָט אָט באַם ציל, געשטערט און אָפּגענאַרט פון קלוימערשטע פריינט וואָס זאָגן זיי צו אַף שפּעטער... און אַדאַנק די „אַרבעטער פריינט" ווערט דער קאַמף אַלע מאָל אויפגעגעבן און די קייטן פענטען וייטער דאָס לייב מיט דער גע־שאָמע: דער פּראָלעטאַריאַט גייט ווידער אין שפּאַן.

האָט דזשאָן גאָלסוואָרטי געפּאָרשט דעם שוירעש פון שלעכטס (אין די יאָרן 1899 ביז 1904) — סאָציאַלע אומגלייכהייטן און סאָציאַלן קאַמף, אים האָבן אינטערעסירט די באַציונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט — און ער האָט געשאַפן זיין שטאַרקסטע סאָציאַלע דראַמע „שטרייק", און דאָס איז איר אינהאַלט:

**ש ט ר י י ק.**

אַ דראַמע אין דריי אַקטן, אויפגע־
פירט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1909.

דער ערשטער אַקט קומט פאָר אין עס-צימער פונעם פאַבריק פאַר־וואַלטער אַנדערוואָוד.

אין אַ פאַבריק וואָס ליגט אַף דער גרעניץ צווישן ענגלאַנד און וועלס קומט פאָר אַ שטרייק. שוין פיר כאָדאָשים ווי דער שטרייק האַלט אָן.

די קאָמפּאַניע האָט שוין פאַרלוירן פופציק טויזנט פונט, און די דירעקטאָרן זיינען אַליין געקומען פון לאָנדאָן. די גאַנצע דראַמע שפּילט זיך אָפּ אין זעקס שאָ: פון צוועלף באַטאָג ביז זעקס פאַרנאַכט. דאָס ערשטע בילד ווייזט אונדז דעם אינעווייניק פונעם פאַבריק-פאַרוואַלטערס עס-צימער. די דירעקטאָרן מיט זייער פּרעזידענט דזשאָן אַנטאָני — „אַן אַלטער מאַן מיט אַ דיקן גלאַט געראַזירטן פּאָנים, געדיכטע ווייסע האָר, געדיכטע טונקעלע ברעמען און זייער לעבעדיקע אויגן", וואַרימען זיך באַם פייער. אין דרויסן גייט אַ שניי, ס'הערשט אַ ביטערע קעלט. די אַרבעטער שטרייקער גייען אויס פון הונגער און קעלט און די דירעקטאָרן וואַרימען זיך... און שמועסן געמיטלעך. עדגאַר, דזשאָן אַנטאָניס דרייסיק-יעריקער זון, לייענט אַ צייטונג און ווייזט אָן די דירעקטאָרן אַ שטעל וואו ס'זאָגט זיך: „ווען די ווירדיקע הערן וואָס קאָנטראָלירן די ,טרענארטער ווערקשטאַטן' (אַזוי הייסט די פאַבריק) פון זייערע בענקלעך אין לאָנדאָן זאָלן אַראָפּנידערן און אַליין דערזען די אומשטענדן אין וועלכע ס'לעבן די אַרבעטער אין דער צייט פון שטרייק" — האַקט אים איבער איינער פון די דירעקטאָרן און זאָגט: „נו, זיינען מיר געקומען!" עדגאַר אָבער לייענט ווייטער: „גלויבן מיר ניט אַז אַפילו זייערע מיט שמאַלץ פאַרגאָסענע הערצער וואָלטן געבליבן ניט גערירט". ווייטער הערן קענען שוין די דירעקטאָרן בעשום אופן נישט. זיי ווערן אויפגעקאָכט און נאָכדעם ווי זיי לאָזן אויס דעם צאָרן צום מעכאַבער פונעם אַרטיקל, אָנרופנדיק אים שאַנטאַזשיסט און גאַנעוו, הויבן זיי אָן זיך איבעררײדן און טאַדלען דעם פּרעזידענט וואָס לאָזט פאַרלוירן גיין אַזוי פיל טויזנטער און פּרוּווט ניט מאַכן קיין ענדע. אָפּ וואָס דזשאָן אַנטאָני ענטפערט בלויז צוויי ווערטער: — זיך ניט אונטערגעבן!

און דאָ ווייזט זיך אַרויס אַז איין דירעקטאָר איז באַזונדערס אייפעריק צו ענדיקן דעם שטרייק. ער איז יונגער און פילט אַז דער טרייד-יוניאָן דאַרף מען נאָכגעבן. זי וואָלט געמאַכט אַ פּשאָרע און ער וואָלט באַצייטנס געקענט מיטן ווייב אַוועקפאָרן קיין שפּאַניע אויף אַ דאַטשע. דזשאָן אַנטאָני, דער קלאַסן-באַוואוסטזיניקער קאַפּיטאַליסט, דער וואָס האָט שוין אָפּ זיין לעבן אונטערדריקט ניט איין שטרייק, וויל גאָרניט ניט נאָכגעבן... און פון דער צווייטער זייט האָבן די פאַבריק-אַרבעטער פאַר זייער פירער דייוויד ראָבערטס — אַן אינזשיניער וואָס האָט געמאַכט אַ וויכטיקע דערפינדונג. די פאַבריק האָט פון איר אַרויסגענומען הונדערט טויזנט פונט און אים האָט מען באַצאָלט זיבן הונדערט פונט... אָבער, זייענדיק אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, האָט ער, אין דער צייט פון שטרייק, אויך די זיבן הונדערט פונט צעטיילט צווישן די אַרבעטער און ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר, שטעלט פאָדערונגען און איז קעגן דעם אַז די אַרבעטער זאָלן גיין אָפּ פּשאָרעס... עדגאַר זאָגט אַז די אַקציאָנערן וועט נישט כאַפּן דער טייוול אויב זיי וועלן פאַרלירן אַביסל דיווידענד, אַבי מ'זאָל ענדיקן דעם שטרייק, ווייל די לאַגע

פון די אַרבעטער איז געפּערלעך... (ווי איך האָב שוין אין די פריערדי־קע קאַפּיטלען אָנגעוויזן זיינען בּאַ גאָלסוואָרטין אָפט יונגע בורזשואַ־זע זינדלעך אַביסל מענטשלעכער. זיי האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ווערן זשעדנע.) דער אַקציאָנער ווײלדער, דער וואָס זאָרגט אַז ער מיטן ווייב זאָלן קענען פאָרן אויף אַ דאַטשע, טײנעט אַז ער האַסט די „יוניאָנס", נאָר ער זעט אַז מ'מוז רופן האַרנעסן (אַזוי הייסט דער פאָר־שטייער פון די ענגלישע טרייד יוניאָנס) און דער עס־דעק וועט שוין איינאָרדנען אַלץ... אַנטאָני ענטפערט איינס: ניין! זיך ניט אונטערגעבן.

כאַראַקטעריסטיש איז איין פראַזע וואָס ווייזט אונדז ווי דער מעכאַ־בער קוקט אויף דעם פשאָרעדיקן טרייד־יוניאָניזם: ווען האַרנעס קומט און אונטערהאַנדלט מיט די דירעקטאָרן איז נאָמען פון דער יוניאָן, זאָגט אים ווײלדער: „איר, האַרנעס, זיינט דאָך אַ קלוגער מענטש, איר גלויבט דאָך נישט אין דער היינטיקער סאָציאַליסטישער פּלוידעריי... ס'איז ניט פאַראַן קיין ווירקלעכער אונטערשיד צווישן די אַרבעטער און אונדזערע אינטערעסן". און כאָטש האַרנעס ענטפערט אים מיט אַ רעוואָלוציאָנע־רער פראַגע: „וואָלט איר געצאָלט די אַרבעטער מער מיט איין סענט פון דער סומע וואָס מ'צווינגט זיי צו צאָלן?" מערקט זיך ווי די קאַ־פּיטאַליסטן פילן זיך פאַר נאָענטע מעכוטאָנים מיט די דאָזיקע פשאָרע־מאַכער, זיי זיינען דאָך ניט קיין עקסטרעמיסטן... און גלויבן ניט אין סאָ־ציאַליסטישע פּלוידעריי.

אָבער דזשאָן אַנטאָני וויל אַפילו די „ראַציאָנעלע", באַשיידענע פאָ־דערונגען פונעם טריידיוניאָנישן שעליעך ניט נאָכגעבן און האַרנעס לאָזט זיך אָוועקגיין, בעטנדיק אַז די אַרבעטער זאָל ניט דערקלערט ווערן דער באַשלוס ביז ער וועט באַטאָג מיט זיי האָבן אַן איבערשמועס, נאָר אָט קומט ראָבערטס מיט זיינע כאַווירים, די פאָרשטייער פון די אַרבעטער. „ראָבערטס איז אַ מאָגערער, פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ קליין ברוין גרוי בערדל און וואָנצעס, הויכע באַקן ביינער און קליינע פייער־דיקע אויגן". אין לויף פונעם געשפּרעך וואָס די אַרבעטער האָבן מיט די דירעקטאָרן, זאָגט איינער: וואָס מיר פאָדערן איז בלויז גערעכטיקייט, אויף וואָס ראָבערטס מישט זיך אריין: גערעכטיקייט פון לאָנדאָן? איר זיינט מעשוגע געוואָרן, כאַווער? מיר ווייסן זייער גוט וואָס מיר זיינען — אומצופרידענע הינט — וואָס ווערן קיינמאָל ניט באַפרידיקט. וואָס האָט אונדז געזאָגט דער פּרעזידענט אין לאָנדאָן? אַז איך ווייס נישט וואָס איך רייד. איך בין אַ נאַרישער, ניט דערצויגענער מענטש, וואָס ווייסט גאָרנישט פון די נויטן פון די מענטשן, פאַר וועלכע איך האָב גע־רעדט". אַנטאָני זאָגט אים: „בלויז איין באַלעבאָס קען זיין, ראָבערטס. און ראָבערטס ענטפערט גלייך: „כ'שווער בּאַ גאָט אַז אויב אַזוי וועלן מיר זיין דער באַלעבאָס". און נאָכדעם ווי די כאַווירים און די דירעק־טאָרן פאָדערן פון אים ער זאָל ריידן פונעם שטרייק און ער ענטפערט אַז ער וועט מער ניט לאָזן די דירעקטאָרן וואָרטן, נאָר זיי זאָגן וואָס ער

האָט צו זאָגן, רופט זיך אָן דער דירעקטאָר ווײַלדער: דאַנקען גאָט! ווענדט זיך צו אים ראָבערטס אַזוי: „איר וועט ניט וואָגן צו דאַנקען גאָט נאָכדעם ווי איך וועל האָבן געענדיקט, מיסטער ווײַלדער, ניט געקוקט אָף אייער גאַנצער פרומקייט. מעגלעך, אַז אייער גאָט אין לאָנדאָן האָט ניט קיין צייט צו הערן דעם אַרבעטער. מ'האָט מיר געזאָגט ער איז אַ רייכער גאָט. אָבער ווען ער זאָל זיך צוהערן צו דעם וואָס כ'האָב אים צו דערציילן וואָלט ער זיך מער דערוואוסט וויפל ער וועט ווען אויסלערנען בא די גווירים".

אַזוי רעדט דער קעמפער ביז ער קומט צום איניען און זאָגט אַנטאָ־ניין: „יעדער פון אונדז גייט אוים פון הונגער. (אַלע זיינען דערשטוינט) איר וואונדערט זיך פאַרוואָס איך דערצייל עס אייך? איר זאָלט נישט מיינען, אַז איר וועט אונדז צווינגען זיך צו אונטערצוגעבן. די אַרבעטער האָבן נאָך אייך געשיקט צו וויסן, אויב איר וועט נאָכגעבן זייערע פאָ־דערונגען"... זיי זיינען וויניק און גערעכטע, זאָגט ער, אָבער אַנטאָני ענטפערט: ניין, און ראָבערטס ענדיקט: „מיסטער אַנטאָני, איר זיינט ניט קיין יונגערמאַן אַצינד; זינט איך בין צו מיין סייכל געקומען זיינט איר געווען אַ פיינט פון יעדן, וואָס איז געקומען אַרבעטן אָף אייער פאַבריק... ס'איז אייער לעצטער קאַמף". דער פאַרוואַלטער, אַ איידעם פון אַנטאָ־ניין, שלעפט אים פאַרן אַרבל מיט די ווערטער: „ראָבערטס! ראָבערטס!" און ראָבערטס פּראָטעסטירט: איך טאָר ניט זאָגן, וואָס איך טראַכט דעם פּרעזידענט, אָבער דער פּרעזידענט מעג מיר זאָגן אַלץ! אַנטאָני זאָגט אים: רעדט ראָבערטס, רעדט. ראָבערטס ענטפערט, אַז ער האָט געענ־דיקט און גייט אַוועק. די זיצונג ווערט אָפּגעלייגט אָף פינף אַזייגער.

דער פאַרוואַלטער לאַדט איין די דירעקטאָרן אָף מיטיק און נאָכדעם ווי אַנטאָני בלייבט אַליין, קומט אַריין זיין טאָכטער, דעם פאַרוואַלטערס פרוי און האָט מיט אים אַזאַ געשפּרעך: „דו גייסט ניט עסן, טאַטע?" ער ענטפערט, אַז ניט. דאַן רעדט זי ווייטער: „כ'האָף אַז ס'איז געענדיקט, טאַטע!" ער ענטפערט ווידער, אַז ניין. אַלע, זאָגט זי, ווילן גיין אָף קאָמ־פּראָמיסן בלויז ראָבערטס ניט. און ער זאָגט: ניין, איך וויל ניט... און זי שילדערט אים די מוירעדיקע לאַגע אין וועלכער ס'געפינען זיך די אַרבעטער. ראָבערטס פרוי, דערציילט זי, וואָס איז געווען איר דינסט און וואָס איז אויך אים, אַנטאָניין, געווען סימפּאַטיש, איז שרעקלעך קראַנק און אָרים, זי האָט אַפילע קיין ברויט ניט צו זאַט. ענטפערט אַנ־טאָני, זי זאָל איר געבן וואָס מ'דאַרף. זיין טאָכטער דערציילט אים אָבער, אַז ראָבערטס פאַרבאָט איר עפּעס פון זיי צו נעמען... און זי בעט זיך בא אים, ער זאָל מאַכן אַ סאָף צו דער לאַגע און דזשאָן אַנטאָני צעלאָזט זיך מיט אַזאַ שפּראַך: „וואָס פאַרא כעסעד רעכנסטו וואָלסטו געקראָגן, ווען קיינער זאָל זיך נישט שטעלן צווישן דיר און די אומהויפערלעכע פאָדע־רונגען פון אַרבעט? אָט דעם כעסעד — (ער נעמט זיך אָן פאַרן גאָרגל), צוערשט וואָלטן זיי פאַרוואונדעט דיינע סענטימענטן, מיין טייערע, נאָכ־

דעם דיין קולטור, און פון דיינע באַקוועמלעכקייטן וואָלט קיין זייכער נישט געבליבן!"

אומזיסט בעט זיך באַם אַלטן קאַפּיטאַליסט די יונגע טאָכטער, אומזיסט דריקן אים אויס זייער מיטלייד זיינע מעשאָרסים און בעטן אים זיך ניט אַזוי נעמען צום האַרצן, ער האַלט זיך בא זיינעם און טרינקט סאָדע-וואַסער אָנשטאָט צו עסן מיטיק...

דער פאָרהאַנג פאַלט, אַלס שלוס פונעם ערשטן אַקט.

אין צווייטן אַקט ווערט אַרויפגעבראַכט אַף דער בינע ראָבערטס אָרים הייזל. אַף אַ וויג-שטול לעבן פּייער, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, זיצט די קראַנקע 35-יעריקע פרוי העני ראָבערטס. אַפן פּייער שטייט אַ טשייניק און קאָכט. אַרום פרוי ראָבערטס זיצן אירע כאַווערטעס, די פרויען פון אַנדערע אַרבעטער. פון זייער געשפרעך דערוויסן מיר זיך פון נעם מוירעדיקן דאַכקעס, וואָס הערשט בא זיי. זיי מורמלען, אַז זיי האָבן שוין מער קיין קויעך ניט: נאָר טיי מיט ברויט איז זייער עסן. און סוינגן פאַראַן טעג, ווען קיין ברויט איז אויך נישטאָ. שוידערלעך איז, ווי איין מוטער דערציילט, אַז קעדיי די קינדער זאָלן ניט זיין אַזוי הונגעריק, האַלטן זי זיי אין בעט, וויל דאָן, ווען זיי לויפן ניט אַרום, קומט ניט אַזוי גיך דער אַפּעטיט, אָבער אין בעט זיינען זיי אַזוי אומרואיק, אַז עס איז ניט פון זיי אויסצוהאַלטן. און אַלע וואַרפן זיי די שולד אַף ראָבערטסן. אַזוי ריידן זיי ביז זיי צוגייען זיך און ס'בלייבט מיט פרוי ראָבערטס בלויז איין אַרבעטער-מיידל, מאַדוש, פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק.

ווען פרוי ראָבערטס רעדט אַזוי מיט דעם מיידל, קלאַפּט אָן דעם פאַרוואַלטערס פרוי, בא וועמען די ראָבערטס איז מיידלווייז געוועזן אַ דינסט. זי פילט מיט דער ראָבערטס און וויל איר העלפן. אָט האָט זי איר געשיקט איינגעמאַכטס און ראָבערטס האָט אים צוריקגעשיקט. זי פרעגט העני ווי קען ראָבערטס צוזען אירעליידן. נאָר דאָ ענטפערט מיט שטאָלץ דאָס אַרבעטער מיידל מאַדוש, וואָס איז געזעסן ביז איצט און האָט געשוויגן: „וואָס פאַרא ליידן? לאָזט אונדז צורו. מיר ווילן ניט איר זאָלט קומען אַהער אונדז שפּיאָנירן. די אַריסטאָקראַטקע מיטן אַרבעטער מיידל ריידן זיך איבער, די לעצטע גייט אַוועק און די פאַרוואַלטערן בלייבט מיט פרוי ראָבערטס און באַדוערט דאָס „נאַרישקייט" פון די אַרבעטער... וואָס ווילן ניט מאַכן אַ סאָף צו זייערע ליידן. ראָבערטס קומט אָן און צווישן אים און דער פאַרוואַלטערן קומט פאָר אַ געפּערלעכער ווערטער-געפעכטס. אַף דער פריצטעס ווערטער: „איך רעכן, אַז איר האַלט עס פאַר העלדיש אָנצוגיין מיטן קאַמף", ענטפערט דייוויד ראָבערטס: „מיינט דזשאָן אַנטאָני, אַז ס'איז העלדיש צו קעמפן מיט פרויען און קינדער? מיסטער אַנטאָני איז אַ רייכער מאַן, מיינט ער, אַז ס'איז בראַוו צו קעמפן געגן די, וואָס האָבן ניט קיין סענט? מיינט ער, אַז ס'איז העלדיש צו לאָזן וויינען קינדער פאַר הונגער, און פרויען שוידערן פון קעלט?"

אזוי טיינעט מען, ביז דער פּאַרוואַלטער קומט נאָך זיין פרוי. ווען דייוויד ראַבערטס בלייבט אַליין מיט זיין פרוי, פרעגט ער איר וואָס זי מאַכט. ער איז ניט קיין מיוון, ווי געפערלעך זי איז. ער נעמט זיין מאַנטל און דעקט איר איין. זי זאָגט אים ער זאָל עפּעס עסן, ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין מויל, און ער ענטפערט, אַז ער קען נישט אַראָפּ־שלינגען ביז די דאָזיקע הייפיש וועלן צוריק אַוועקפאָרן קיין לאָנדאָן. און ער גייט אפן מיטינג.

דאָס צווייטע בילד פונעם אַנדערן אַקט שטעלט פאָר אַ לאַנדשאַפט ניט ווייט פון דער פאַבריק, וואו די אַרבעטער האַלטן אַפּ זייער מיטינג.

מיסטער לייצעס פון דער טרייד־יוניאַן איז, פאַרשטייט זיך, דאָ און פּרואווט פאַרוואַרפן די וואָזשקעס אַף די צעווילדעוועטע אַרבעטער, נאָר אַט קומט ראַבערטס און אזוי רעדט ער:

„...איר הערט וואָס האַרנעס פון דער יוניאַן זאָגט אייך; עפּשער וועט איר אויך הערן די האַרן פון לאָנדאָן? איז דאָ פאַראַן אַ מענטש, וואָס האָט מער פאַרלוירן צוליב אייך איידער איך? איר האָט פאַרגעסן צוליב וואָס דער קאַמף קומט פאָר. דאָס קעמפט דער פאָלקס־אָרגאַניזם קעגן אַ בלוט־זויגער. קאַפּיטאַל איז אַ זאַך, וואָס קויפט אַף דעם שוויס פונעם מענטשנס פּאָנים און די אָנשטריינגונגען פון זיינע געהירן. קאַפּיטאַל איז אַ מאָנסטער מיט אַ טויט־פּאָנים און שטיינעריק האַרץ! ווען איך בין געקומען היינט אינדערפרי און האָב געזען די אַלטע לייט פון לאָנדאָן, האָב איך אַריינגעבליקט אין זייערע הערצער. איינער פון זיי איז דאָרט געזעסן — אַ מאַסע פלייש, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט פון אונדזער מאַרך: ער איז דאָרט געזעסן, ווי די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אַלע אַקציאָנערן פון דער גאָרער וועלט, וואָס טון ניט קיין קלאַפּ מיט אַ פינגער און נעמען בלויז דיווידענדן — אַ גרויסער שטומער אָקס וואָס גיט זיך בלויז אַ ריר, ווען זיין שפּייז ווערט באַדראָעט. איך האָב אַריינגעקוקט איז זיינע אויגן און איך האָב געזען אַז ער האָט מוירע — מוירע פאַר זיינע דיווידענדן; און אַלע אויסער איינעם, האָבן זיי מוירע ווי קליינע קינדער, וואָס האָבן באַנאַכט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. איך פאַרזיכער אייך, גיט מיר אַ פרייע היינט זיי צו זאָגן: „פאָרט צוריק קיין לאָנדאָן. די אַרבעטער האָבן גאָרניט פאַר אייך!" און איך שווער אייך, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט איר האָבן באַפרידיקט אַלע אייערע פאָדערונגען" א. א. וו. ווען פלוצים קומט אָן און שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו דער טריבונע דאָס אַרבעטער־מיידל מאַדזש און זאָגט אים אָן די בסורע, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבן.

די אַרבעטער הויבן אָן צו מורמלען, זיי זאָגן, אַז ס'מוז נעמען אַן עק, ווייל ס'דראָט אַלעמען דער טויט, און דער פאַרהאַנג פאַלט.

דער דריטער אַקט שפּילט זיך אַפּ באַם פאַרוואַלטער אין זאַל.

דעם פאַרוואַלטערס פרוי, אַנטאָניס טאָכטער, מיט איר ברודער עדגאַר שמועסן. זי דערציילט, אַז זי איז נישט לאַנג געקומען פון ראַבערטס

פרוי און ס'איז שוידערלעך צו זען ווי זי ליידט. און ווי זיי ריידן קומט אָן דאָס אַרבעטער-מיידל און זאָגט איר אָן, אַז העני ראָבערטס איז גע־שטאָרבן און, אַגעוו, זידלט זי איר אוים אַביסל. „איך האָב איר געזען שטאַרבן", זאָגט זי, „בלוי פון קעלט". „איר האָט איר דערמאָרדעט, נישט געקוקט אָף אַלע אייערע גוטע ריידעלעך". „מיין טאַטע ליידט אויך פון דעם אומגליקלעכן שטרייק", זאָגט אַנטאָנים טאָכטער, און דאָס אַרבע־טער מיידל ענטפערט איר: „טאָ דערציילט אים פון פרוי ראָבערטס טויט וועט אים עפשער בעסער ווערן!" און זי גייט אַוועק.

עס קומען די דירעקטאָרן מיט אַנטאָנין. זיי ווילן בא אים פּויעלן ער זאָל ווערן נאָכגיביקער און ער זאָגט: „איך האָב געהערט זאָגן, אַז באַלע־באַטים און אַרבעטער זיינען גלייכע מענטשן! ס'איז אַ ליגן! בלויז איין באַלעבאָס קען זיין אין הויז! איך האָב געהערט, אַז קאַפּיטאַל און אַרבעט האָבן דיזעלבע אינטערעסן, ס'אַ ליגן! זייערע אינטערעסן זיינען אַזוי וויט איינס פונעם אַנדערן ווי די פּאָליוסן!" און אַזוי ווייטער, אַלץ אין דעם גייסט און דערווייל שטעלט זיך אריין האַרנעס און... די דירעקטאָרן רעבעלירן קעגן אַנטאָנין און ס'ווערט געמאַכט אַ סאָף צום שטרייק אָף די זעלבע באַדינגונגען וואָס ס'האָבן אויסגעאַרבעט צוריק מיט פיר מאָ־נאַט דער פּאַרוואַלטער פון דער פאַבריק מיט מיסטער האַרנעסן דעם סאָ־ציאַל-דעמאָקראַט...

ראָבערטס קומט אָן שוין אַבער האַמייסע, ס'האָט זיך אים עפּעס גע־טראָפן... זאָגט ער, און מ'דערקלערט אים, אַז ער האָט פאַרזאַמט. רירנד איז דער שלום, ווען ראָבערטס מיט אַנטאָנין קוקן זיך איבער און דער ער־שטער זאָגט מיט אַ האַלב-היסטעריש געלעכטער: „אַזוי, האָט מען אונדז ביידע אַרויסגעוואָרפן, מיסטער אַנטאָני?"

און די איראָניע, וואָס גאַלסוואָרטי דריקט אוים מיטן מויל פונעם סעקרעטאַר: „ס'זיינען דאָך דיזעלבע באַדינגונגען וואָס צוריק מיט פיר מאָנאַט, היינט צו וואָס איז דאָס אַלץ פאַרגעקומען?.."

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון פשאָרעם — זיי פירן, אויב נישט אָף צוריק, איז שוין זיכער נישט פאָרויס, און מיט פאַרדרוס האָב איך גע־לייענט ווי אַ בירגערלעכער קריטיקער האָט פאַלש געוואָלט אויפווייזן, אַז דער ציל פון דער דראַמע איז דאַווקע איבערצוצייגן ווי גוט איז דער קאָמפּראָמים און שעדלעך דער עקסטרעם — פונקט דאָס פאַרקערטע פון וואָס ס'האָט אונדז געוויזן דער קינסטלער...

נאָך דעם געשילדערטן, קען זיך דער לייענער גיבן רעכנונג, אַז דזשאָן גאַלסוואָרטי האָט אינטואיטיוו אונדז געוואָלט ווייזן, ווי די אַרבעט אין איר קאַמף מיטן קאַפּיטאַל האָט אַלע שאַנסן צו געווינען און זי פאַרלירט נאָר דערפאַר, וואָס זי גייט אָף פשאָרעם.

## 5.

אין אָנהויב, ווען דער אידישער נאָווי האָט זיך געשטעלט „בשער העיר" (אין טויער פון שטאָט) און געמאָנט גערעכטיקייט; ווען ס'איז צו־ערשט געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג פון אייביקן פרידן און דאָס פאַר־בייטן די בלוטיקע הערשאַפט פון דער שווערד אַף דער מעלוכע פון סערפּ און האַמער („וכתתו חרבותם לאתים והניתותיהם למזמרות"), האָט דאָס גריכישע פאָלק געפּראַוועט הוליאַנקעס אין די גערטנער, געזונגען, גע־טאַנצט און געפּאַיאַצעוועט, און פון דעם איז דער טעאַטער געשאַפן גע־וואָרן.

זייט דאַן זיינען פאַריבער דריטהאַלבן טויזנט יאָר, און די גילגולים וואָס די דראַמע מיט אירע טעכטער — טראַגעדיע און קאָמעדיע — האָבן פאַר דער צייט דורכגעמאַכט אין אַלע לענדער, זיינען קלאָר אויפגעשריבן אין דער געשיכטע פון דראַמע און טעאַטער, מיר ווילן בלויז באַמערקן אַז אין ניינצטן יאָרהונדערט איז דער טעאַטער, מיטן קומען פון איבסע־נען, פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אַמוזירונג פּלאַץ אין אַ טריבונע פון נעוויאַישן פּראָטעסט און סאָציאַלער קריטיק. עמעס, נאָך פריער האָט שעקספּיר און פיל אַנדערע אַרויפגעבראַכט אַף דער בינע דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס; עמעס, אַז האַמלעט איז אַ אוניווערסאַלער טיפּ פּונקט ווי פאַלסטאַף, פּונקט ווי נאָך אַן אַ צאָל טיפּן, אָבער טעאַטער אַלס קאַמף־טריבונע איז איינגאַנצן איבסענס אויפטו. (בערנאַרד שאָו, וואָס איז דער גרעסטער און ווירדעקסטער יורעש זיינער, האָט אים דער וועלט געוויזן אַלס אַזעלכן, (זע „די קווינטעסענץ פונעם איבסעניזם" פון ב. שאָו).

איבסענס האַשפּאָע איז געווען אומגעהויער גרויס — די בעסערע דראַמאַטורגן פון אַלע פעלקער האָבן אים נאָכגעטון. זייט באַ זייט מיט די רעוואָלוציאָנערע טריבונען און זשורנאַליסטן־קעמפער האָבן די דראַ־מאַטורגן אַריינגעבראַכט סאָציאַלע מאָטיוון אין זייערע שאַפונגען, גע־וויזן אין בילדער דאָס פאַלשקייט און לעכערלעכקייט פון דער עקזיס־טירנדיקער אָרדנונג מיט אירע „קאָנווענציאָנעלע ליגנס" און האָבן אויס־גענוצט דעם צושויערס כיישעק זיך צו אַמוזירן, אים אויפצוקלערן, אי־בערדערציען און פאַרטיפן זיינע געפילן, און אַזוי האָט די מאָדערנע דראַ־מע אין איר היינטיקן גילגל דערגרייכט צו אַ מאַדרייגע ווען דער דראַ־מאַטורג פאַרקערפּערט די מייסים מאַטואים פון דער היינטיקער אומ־גליקלעכער געזעלשאַפט אין לעבעדיקע פאַרשוינען, ברענגט זיי אַרויף אַף דער בינע, אין סאַמע צענטער פון שטאָט פאַר טויזנטער צושויער, און צווינגט זיי זיך אָנצושפּיגלען — אין דעם ליגט די געמיינזאַמקייט פונעם אַמאָליקן נאָווי מיטן היינטיקן דראַמאַטורג.

* * *

„די זילבערנע טאַבאַטשניצע", „יוסטיץ" און „שטרייק" זיינען די שטאַרקסטע דראַמעס, די איקאַרים. אַזוי צו זאָגן, פון דזשאָן גאַלסוואָר־טיס דראַמאַטישן שאַפן. אַלע שפּעטערדיקע פּיעסן זיינען פּיירושים צו אַט די איקאָרים, זיי פאַרטיפן די געדאַנקען און פאַרברייטערן די בילדער וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די ערשטע דריי דראַמעס.

לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער גאַלעריע פון זיינע בילדער.

אַט זעען מיר אַן אויפגעקאָכטן באַראָנעט. ער צאָרנט פון אַ פּאַר־ברעכן וואָס איז פאָרגעקומען בא אים אַפן גוט: זיין יעגער האָט פאַר־קערט מיט אַ פאַלקס מיידל, זי האַלט בא ווערן אַ מוטער און ער זאָגט זיך אָפּ איר צו הייראַטן, האָט דער באַראָן דערקלערט דעם יעגער אַז אויב ער וועט ניט כאַסענע האָבן מיטן מיידל פאַרלירט ער זיין פּאָסטן. איז דאָך שיין און מאָראַליש פון דעם באַראָנס זייט, האָט אָבער באַלד געטראָפן אַן אַנדער מייסע. דעם באַראָנס עלטסטער זון, דער יוירעש און נאָכפאָלגער פון זיין ווירדיקן טאַטן איז ניכשל געוואָרן מיטן זעלבן כעט: שיין דריי כאָדאָשים אַז מיט אים האָט דאָס זעלבע פּאַסירט מיטן דינסט־מיידל וואָס מיט דעם יעגער און פאָלקס־מיידל... דאָ ווערט אָבער די מאָ־ראַל אַנדערש אויסגעטייטשט: דער זעלבער באַראָן וואָס האָט געצוואונ־גען נעכטן דעם יעגער כאַסענע צו האָבן מיט דער פאָלקס מיידל, באַמיט זיך צו נויטן דעם זון זיך אָפּצוזאָגן פון זיין מיידל; ער וועט ניט באַקומען פון אים קיין איין סענט אין פאַל ער וועט כאַסענע האָבן מיט איר, דער־קלערט ער... דעם באַראָנס עלטסטער זון זאָל נעמען די דינסט — און ווען ער איז אָפילע דער פאָטער פון איר קינד — איז „ניט נאַטירלעך"...

איינדרוקספול איז דער שלוס. ווען דאָס געוויסנהאַפטע באַראָנסקע זונדל דערקלערט אַז ער וועט מיט דער דינסט כאַסענע האָבן און דער אַלטער פאָטער אירער רעבעלירט: „ס'איז ניט די ערשטע" זאָגט ער, „מיט ווערמען ס'האָט אַזוי פּאַסירט און זי איז ניט די לעצטע, קום לאָמיר אַוועק און שווין!"... דער באַליידיקטער פאָטער וויל ניט קיין „טויוועס" פון די באַראָנען... ער פילט אַז ס'איז ניט קיין גלייכער שידעך („דער עלטסטער זון").

און אָט איז פאַר אונדז אַ פּרעכטיקע פיגור פון אַ געאָוינישן מאָלער. זיינע בילדער ווערן געצאָלט מיט גאָלד. זיין פאַמיליע באַשטייט בלויז פון אַ טאָכטער, אַ יונג, נאַיוו מיידל, וואָס איז אים איבערגעגעבן ווי אַ געטרייע טאָכטער אַ גרויסן טאַטן. ווי אַ קינסטלער אַ זשעני איז זיין אויער אָפן פאַר אַלע קלאַנגען פון דער נאַטור, זיין אויג איז פול מיט ליכט און זיין האַרץ איז אַ קוואַל פון ליבע און ראַכמים. גייט אַרום דער מאָלער איבער גאָטס וועלט ווי אַ גרויס, אומשולדיק, גוט קינד, טיילט ער געלט וויפל ער האָט און ווען ער געפינט נישט אין קעשענע קיין געלט און אַ דערשלאָגענער האָט צו אים זיין האַנט אַרויסגעשטרעקט, גיט ער אים זיין וויזיט־קאַרטע און לאַדט אים איין צו זיך... און זיין הויז ווערט אַ מאָקעם־מיקלעט פון אַלע גוטע און שלעכטע קאַבצאָנים, פון די

ריטער פון די מיסטן. זיין טעכטערל ווערט פאַרצווייפלט: באַקומט ער געלט ווערט עס בא אים גלייך פאַרשוואונדן, האָט ער ניט קיין געלט, ברענגט ער איר אַ פולע שטוב מיט שמוציקע, אומגליקלעכע ברואים... איר יונגער מויעך דערטראַכט זיך צו אַ האַמצאַע — זי באַשליסט זיך איבערצוקלייבן אין אַן אַנדער דירע וואו מ'קען אים ניט. נאָר אַט זעען מיר אים זיצן, שוין פאַרפאַקט די זאַכן, די שטוב איז ליידיק — אַ גרייטער איבערצופאָרן אין דער נייער וואוינונג, די טאָכטער איז אַרויס אַף אַ מאָמענט, די איבערפירער פאָרען זיך מיט די זאַכן, ער איז פאַרטראַגן, זיין בליק שוועבט ערגיץ אין הויכע אוילעמס. אין דעם מאָמענט קומען אַריין אַ פּאָר אָרימעלייט, ער זוכט אין די קעשענעס און... דערלאַנגט זיי זיין נייעם אַדרעס, די איבערפירער צאָלט ער שוין צום דריטן מאָל טרינק געלט — זיי קוקן זיך איבער און קרוינען אים אַלס נאַר... („דער נאַר"). אַ שפּילעוודיקע קאָמעדיע פון ליכט, פאַרבן און מענטשנליבע, וואָס פילט אָן מיט פרייד און גליק דעם צושויער און אַפילע דעם לייענער.

אַביסל ענלעך צום „נאַר" איז „אַ קאַפּיטשקע ליבע".

קריסטנטום — „די רעליגיע פון ליבע און ראַכמאָנעס"! מיילע, בין איך ניט אויסן דאָס וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן געלערנט צו זאָגן אַף אַ קלויסטער: — „שקץ תשקצנו", אַפילע אַסאַך פון זייערע האָבן אויפגעדעקט דעם סאַמאַמאָועסדיקן שעקער, וואָס הייסט קריסטלעכע רעליגיע. ווער עס געדענקט מיט וויפל האַס ניצשע האָט גערעדט וועגן קריסטטוסן: „דער קליינער יודע" א. א. וו. אָבער די עוואַנגעליע — ווי אַ קונסט-ווערק, פונקט ווי אַנדערע ליטעראַרישע ביכער, האָט אַ גרויסן ווערט. עס שפּרודלט דאָך אין דעם בוך מיט גרויסע הומאַניטאַרישע אי-דעאַלן. עמעס, הילעל האָט שוין אַסאַך פריער פיל פון דעם געזאָגט. פאַר אונדז זיינען ישוס דראַשעס נישט קיין נייס, אָבער זיי, די אייראָפּעאַי-שע פעלקער, פאַר זיי איז דאָך קריסטנטום געוואָרן אַ טוירע, קומט גאַלסוואָרטי און ווייזט אונדז, ווי מ'זאָגט, אַז „לא המדרש הוא העיקר, אלא המעשה", ניט וויכטיק זיינען מיר אייערע דראַשעס, לאָמיר זען ווי לעבט זיך עפּעס אין אייער וועלט.

אַ גאַלעך, מייקל סטרענדזשוויי (אַף אידיש דער מאָדנער...), אַ יונגערמאַן מיט אַ דיכטערישער נעשאָמע און מענטשן פריינט, וואָס איז טאַקע בעעמעס כולו קדש, איז יעזוסעס פאַרטרעטער אין אַ ענג-ליש דערפל. אַ שילערן וואָס ברענגט געפאַנגען אַ פייגעלע, ווערט פון אים געשטראָפט, דאָס שטייגעלע עפנט ער און דאָס פייגעלע פליט אַוועק. דאָס קינד ווערט ברויגעז און איר טאַטע, דער פויער, וואָס האָט נאָך פריער געוואָרפן אַף אים אַן אומכיין, ווייל ער האָט אים געזידלט האַלמאַי שלאָגט ער זיינע פערד, פאַלט אַצינד נאָכמער אַריין אין צאָרן: אַ גאַלעך, זאָגט ער, האָט ניט קיין רעכט אַ טעל צו מאַכן פון פרעמד אייגנטום...

דעם גאַלעכס פרוי האָט זיך פאַרליבט אין דאָקטאָר פון דאָרף. ער

האָט זי ליב מיט זיין גאַנצער נעשאַמע, זי פאַרשטייט אים אָבער ניט און דאָס ווייב קומט אים אָנזאָגן אַז זי וועט בלייבן מיטן דאָקטער, נאָר זי בעט אים ער זאָל ניט מאַכן קיין סקאַנדאַל, ווייל דער דאָקטאָר וועט פאַרלירן דאָס דאָרף און אים וועט דאָס קיין נוצן ניט ברענגען. נאָכדעם ווי ער לעבט איבער אַ מוירעדיקן אינערלעכן געראַנגל, ווייל ער וויל ניט האַלטן אין קיין שטייג אַ ווילד באַשעפעניש... לאָזט ער איר פריי. אָבער אַ פּאָר קינדער, וואָס האָבן אונטערגעהערט דעם געשפּרעך, צעפּויקן עס איבערן דאָרף און דער עמעסער קריסט, דער צאַרטער ליריקער, וואָס שפּילט אויס זיינע טפילעס אין פרייען פעלד אָף אַ פליוט באַ דער לעוואָנע שיין, וואָס פילט דאָס לעבן פון די בלומען און גרעזעלעך, פייגל, כאַיעס, פאַרשטייט גרינטלעך זיינע מיטמענטשן און שעמערירט ווי אַ ליכט-שטראַל אין דער קריסטלעכער פינסטערניש, איז ניט ראָע צו זיין גאַלעך און טרעט אַרוים פון דער קריסטלעכער קירכע...

און אָט האָט דער מייסטער פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אונדז אַנדערע ריזיקע לייוונטן, וואָס נעמען אַרום פאַרשידענע וועלטן און אונדז אַריינגעבראַכט אין די סאַמע אינערלעכע פאַרבאָרגענע ערטער זייערע.

אַיין דראַמע הייסט „דער וואַלד".

די האַנדלונג הויבט זיך אָן אין געשעפטס-הויז פון אַ לאָנדאָנער באַנקיר. ער מיט זיין געהילף שטודירן די מאַפּע פון אַפריקע. דאָרט האָט דער קאַפּיטאַליסט דערשמעקט בריליאַנטן און זיין גאָלד אַפּעטיט האָט זיך אין אים צעברענט. ער איז אָבער אַ מייסטער דאָס ניט אַרויסצעווייזן, פאַרקערט, ער צייגט זיך גאָר פאַר אַ פילאַנטראָפּ... אַ קאָשערע נעשאַמע וואָס שיט מיט צענער טויזנטער פונט שטערלינג אָף צדאָקע.

די בילדער בייטן זיך און פאַר אונדז ווערט געבראַכט דער אַפריקאַנער קאָנגאָ מיט זיינע מענטשנפרעסערישע שוואַטים, ווילדע וועלדער, הויכע גראָזן און גיפטיקע אינזעקטן. מיר זעען די עקספּעדיציע וואָס דער באַנקיר האָט אויסגעריכטעט און ווי די מענטשן ווערן אויסגעצערט, קראַנק און פאַרפייניקט פונעם קלימאַט און אַנדערע אָנשיקענישן קעדיי צו דעביוען בריליאַנטן פאַר די רייכע ווייבער. זיי קומען אום אַלע, אויסער איינעם וואָס בלייבט לעבן אַלפינעם און דער קאַפּיטאַליסט לעבט און שיינט ווייטער אומבאַשטראָפט, — גלייך ווי גאַרנישט, ער זאָגט דייעס אין פּאַרלאַמענט.

אויך אַנדערע טיפּן האָט גאַלסוואָרטי. מ'וואָלט זיי געקענט באַצייכענען מיטן נאָמען פונעם העלד האַרנבלאָוער (האַרנבלאָזער) פון דער דראַמע „די אינטערעסן-שפּיל". דאָס זיינען אויפגעקומענע פריש-געבאַקענע גווירים, אָן קולטור און טראַדיציע, אַזעלכע וואָס ווייסן בלויז צו בלאָזן אין אויטאָ-האָרן, זיך דורכצושטופּן, מאַכן אַ וועג, און ווען אַפילע איבער בערג צעבראָכענע מענטשלעכע לעבנס... דערדאָזיקער האַרנבלאָזער וויל מיט געוואַלד זיך אַריינרייסן אין דער אַריסטאָקראַטישער קאַסטע און ווען עס געלינגט אים ניט שווערט ער אויסצוראָטן, מיטן

קויעך פון זיין געלט, דאָס גאַנצע אַריסטאָקראַטישע געזינדל, ווי טאַראַ-קאַנעס...

„די אינטערעסן-שפּיל" צווישן דעם געבוירענעם אַריסטאָקראַט און דעם אויפגעקומענעם גוויר איז געשילדערט געוואָרן פון גאַלסוואָרטין אין יאָר 1920, און אין ניין יאָר אַרום, (אין 1929) האָט ער געוויזן די האָרנ-בלאָזער פון אַ צווייטער זייט.

אין דער קרעפטיקער דראַמע „דער פאַרטריבענער" ברענגט ער אַרויף אויף דער סצענע דעם מינען-שטרייק מיט אַלע זיינע קאָנסעקווענצן.

אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער ריטער סער טשאַרלז, וואָס איז עפּעס מער ווי גלאַט אַן אַריסטאָקראַט, דרייט זיך אַרום צווישן די קוילן מינעס וואָס האָבן באַלאַנגט צו זיינע עלטערן און אַצינד געהערן זיי צו אַ „האָרנ-בלאָזער" — דזשאָן מייזער. סער טשאַרלז זעט צו און פילט מיט די ליידן פון די קוילנגרעבער. דער איצטיקער באַלעבאָס מעסט אָבער אַלץ אויף געלד. ער פאַרמאַכט מינעס, ווייל לויט זיין כעשבן וועט ער האָבן מיט עטלעכע טויזנטער ווייניקער פאַרלוסטן, און סער טשאַרלז כעשבנט: וויי-ניקער מיט צוואַנציק טויזנט מענטשלעכע לעבנס... שפּילט ער אין פערד-לעך און צעטיילט די געווינסן צווישן די שטרייקער. נאָר אָט איז געקו-מען אַ מוירעדיקער מאָמענט. סער טשאַרלז האָט שוין מער ניט וואָס צו צעטיילן. בלויז איין געיעג-פערדל פאַרמאָגט ער. אַלע האָפנונגען ליגן די פאַרשטרייקטע אַרבעטער אויף דעם פערדל וואָס הייסט „דער פליער". עס קומט דער טאָג ווען ס'דאַרף פאָרקומען דאָס פערד-געיעג. דזשאָן מייזערס פערד הייסט „עוואָלוציע..." אַלע האָסן מייזערן און ווילן זען זיין מאַפּאָלע. רוקט זיך אונטער דער בלינדער צופאַל אין געשטאַלט פון אַ פאַרביטערטן אינטעליגענטן וואַגאַבונד, אַ כאַראַקטער וואָס קען גע-גליכן ווערן צו איינעם פון שעקספּירס שטאַרקסטע כאַראַקטערן, און מיי-נענדיק צו נעמען נעקאָמע אין מייזערן, טרעפט ער אַלפיטאָעס צו סער טשאַרלז פערדל און צעברעכט דעם אַ פוס... און סער טשאַרלז ווערט גע-צוואונגען, איבער זיין אָרימקייט, צו פאַרטריבן ווערן פון זיין געבורטס-אָרט...

האָרנבלאָזער, אין זיין צווייטער אויפלאַגע, דער מינען-קאַפּיטאַליסט דזשאָן מייזער האָט געזיגט... צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט זיינען סענ-טימענטן און ראָמאַנטיק סאָם האָמאָוועס — ברוטאַלער קאַמף און אַפּע-נער שפּיל וועלן גיכער ענדערן די לאַגע!..

אָט אַזעלכע זיינען די דראַמאַטישע געשטאַלטן און פּראָבלעמען וואָס ווערן געוויזן און געלופטערט אין גאַלסוואָרטיס טעאַטער. אין זיין „קליינעם טרוים", דער ליריש-פאַנטאַסטישער אַלעגאָריע יאָגט זיך די אַלטע וועלט (לאַמאַנד) נאָך דער נעשאָמע (זעעלעכען). די אַלטע וועלט לעבט אין די שטעט און די נעשאָמע איז אויף דער נאַטור, צווישן הויכן און טאָלן. גוטע זאַכן זיינען אין די שטעט פאַראַן אין די ביכער... און אויף די גאַסן שפּאַצירן געאַרעמט אָרימקייט און הונגער. און דעריבער האָט

אונדזער אויפמערקזאַמקייט געראַפן דזשאָן גאָלסוואָרטי דער דראַמאַ-טורג, ווייל ער געהער צו די ווייניקע געציילטע, וואָס האָט באַנוצט דעם טעאַטער פאַר אַ טריבונע פון סאָציאַלן קאַמף און שטרעבט מיט זיינע דראַמעס אַריינצובלאָזן אין דער פאַרברוטאַליזירטער מענטשהייט אַ נייע נעשאַמע. אַזאַ דראַמאַטורג קומט אַ עמעסער יאַשער קויעך.



# דזשאָן גאָלסוואָרטי דער נאָוועליסט

## „די פאָרסייט זאַגע".

אין אַלע ווערק פון דזשאָן גאַלסוואָרטי, — אין די נאָוועלן ווי אין די דראַמען, — ווערן באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון אייגנטום, קלאַסנ-געזעץ, וואָס פאַרזיכערט די רעכט פון אייגנטום, און פאַמיליע. זיין קינסט-לערישע אינטואיציע האָט געהאַלטן זיין אויג אָפן אויף די דאָזיקע דריי סאָציאַלע פּראָבלעמען אין מעשעך פון זיין גאַנץ ליטעראַריש לעבן.

און אַזוי האָט דער דאָזיקער סאָציאַלער קינסטלער און פילאָזאָף גע-שאַפן ווייל די דאָזיקע דריי פּראָבלעמען זיינען קאַרדינאַלע; געלט, מאַכט און אַן איינגן ווייב מיט אַ יורושע פונעם אייגנטום, זיינען די הייליקע דריי איינִיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; זיינען די שטאַרק-סטע זיילן וואָס האַלטן אונטער איר גאַנצע פעסטונג; זיינען די שטיינער אין וועג פון אַ נייער מער גערעכטיקער מענטשהייט.

גאַלסוואָרטי איז געווען אַ שטורמער. מיט טויטנדער סאַטירע און שאַרפער, ווי אַ כאַלעף, איראָניע האָט ער געצילט אין דער היינטיקער בירגערלעכער געזעלשאַפט. פון פאַך אַן אַדוואָקאַט האָט ער זיך באַמיט צו זיין אָביעקטיוו, צו ווייזןביידע צדאָדים, — די רויבער ווי די באַ-רויבטע, — אַזוי ווי זיי זיינען. און כאָטש ס'איז אים שטענדיק גלענצענד געלונגען, פילט זיך אין יעדער שורע פון זיינע שריפטן אַ טיפער יוישער געפיל און ראַכמים פון אַ גרויסן דיכטער צו אַלע באַאוולטע און באַגאַזו-לעטע.

* * *

די קרוין פון זיין שאַפן איז די פונדאַמענטאַלע עפּאָפּייע „די פאָר-סייט סייגע", וואָס איר ערשטע טייל „דער מענטש פון אייגנטום" איז דערשינען אין **1906**, אַ ווערק פון אַריבער 1100 זייטן אין וועלכן אייגנ-טום און פאַמיליע פאַרנעמען דעם אויבנאָן און ווערן געלופטערט פון אַלע זייטן.

* * *

אין דער ערשטער העלפט פונעם אַכצעטן יאָרהונדערט זיינען די פאָרסייטס געגאַנגען מיטן אַקער באַם ברעג יאַם. מיט דער צייט זיינען זיי געוואָרן רייכער ביז זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם היינטיקן ענגלישן מיטלקלאַס.

די ערשטע זייט פונעם „מענטש פון אייגנטום" הויבט זיך אָן מיט אַ קנאַס-מאָל וואָס קומט פאָר אין יאָר 1886, אין דער רייכער, ראַכוועס-דיקער שטוב פונעם אַלטן דזשאָליאָן פאָרסייט. אַן אַלטער מאַן מיט אַן האַדרעספּאָנים. דער זיידע פון דער פאַמיליע, אַ סימפּאַטישער גרייז, דער בעסטער פון די פאָרסייטס. דאָס פאַרקנאַסט ער זיין אייניקל דזשון מיטן אַרכיטעקט פיליפּ באָסיני, אַ באָהעם, אַ דיכטערישע נעשאָמע, וואָס איז פרעמד די פאָרסייטס, און אַלע מיטגלידער פון דער צאָלרייכער מישפּאָ-

כע, די ברידער, פעטערס און מומעס, זיינען אָנוועזנד אױף דער סימכע.

„ווען אַ פאָרסייט האָט געטון אַ שידעך, האָט געהייראַט, אָדער איז געבוירן געוואָרן, זיינען די פאָרסייטס געווען אָנוועזנד; ווען אַ פאָרסייט איז געשטאָרבן — אָבער קיין פאָרסייט איז נאָך דערווייל ניט געשטאָרבן; זיי זיינען ניט געשטאָרבן: טויט איז געווען קעגן זייערע פּרינ־ציפּן, זיי האָבן אָנגענומען פאָרזיכטס מיטלען קעגן אים, די אינסטינקטי־ווע פאָרזיכטס מיטלען פון העכסט לעבעדיקע פּערזאָנען וואָס שלאָגן אָפּ יעדן אָנגריף אױף זייער אייגנטום".

צווישן די געסט האָבן זיך אויך געפונען סאָאַמס, דעם אַלטן דזשאָ־ליאָן פאָרסייטס ברודערס אַ זון, מיט זיין פרוי איירין, דער קאַלעס מומע און כאַווערטע.

„אַ הויכע פרוי מיט אַ שיינער פיגור, וועלכער עפּעס עמיצער פון דער פאַמיליע האָט אַמאָל פאַרגלייכט מיט אַ גריכישער געטין". אַ פרוי מיט אומדערשראָקענע בלויע אויגן און מיט אַ קערפּער וואָס איז צו דין געווען פאַר איר קרוין רויט־גאָלדענער האָר. באָסיני, דער כאָסן, האָט איר באַמערקט, זיך מיט איר פאַראינטערעסירט און זיין קאַלע האָט אים איר פאָרגעשטעלט אַלס איר בעסטע פריינדין.

באָסיני איז אָן אָרימער אַרכיטעקט מיט אַ גייסטרייכער נעשאָמע וואָס איז אַריינגעפאַלן פאַר אַ כאָסן צו די פאָרסייטס; איירין היראָן „איז געווען איינע פון יענע פרויען — ניט קיין געוויינלעכע דערשיינונג אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע — וואָס זיינען געבוירן געוואָרן צו ווערן געליבט און ליב צו האָבן, וואָס לעבן ניט ווען זיי ליבן ניט". זי איז אָבער געווען אָרים, איז געפאַלן אױף איר דאָס אויג פון אַ פאָרסייט און האָט איר אָנגעהויבן פאַרפאָלגן ביז זי איז געוואָרן זיין אייגנטום. אָבער „ער האָט געוויס ניט געדענקט דעם אויסדרוק אױף איר פּאָנים — דעם מאָדנע, פּאַ־סיוון טאַכנונים־פולן אויסדריק — ווען זי האָט זיך אונטערגעגעבן און אים צוגעזאָגט הייראַטן מיט אים". און דאָס קנאַס־מאָל האָט צונויפגע־בראַכט די ביידע, דעם אָרימען אַרכיטעקט מיט דער גאָלדהאָריקער איי־רין, — זייער גוירל איז קלאָר...

און כאַראַקטעריסטיש איז ווי די פאָרסייטס הויבן אָן צו קריטיקירן דעם הילעך פון זייער כאָסן. אַ באַזונדער שלעכטן איינדרוק האָט גע־מאַכט אױף זיי זיין... קאַפּעליוש. „אין זייער מישפּאָכע איז ניט געווען קיין אַרכיטעקטן, אָבער איינער פון זיי האָט געקענט צוויי אַרכיטעקטן, וואָס וואָלטן קיינמאָל ניט געווען געטראָגן אױף אַ סימכע אַזאַ קאַפּע־ליוש". אַ מענטש דאַרף גיין שיין געקליידעט און זיין באַלעבאַטיש. צו צווייפלען אין זייער קריסטלעכקייט, וואָלט זיי ווי געטון, זיי האָבע גע־האָט יעדער אַ שטאָט אין קלויסטער און אַזוי „האָבן זיי אָפּן פּראַקטיש־סטן אויפן אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע מיט יעזוסעס טוירע"; מיט איין וואָרט — צו גאָט און צו לייט.

די קאַלע, דזשון פאָרסייט, האָט געהאַט אַ פּלאַן אַז די פעטערס, וואָס

זיינען אַלע געווען באַנקירן, דירעקטאָרן פון קאָמערציעלע געזעלשאַפטן און מינעס, זאָלן אויסנוצן באַסינין באַם אויפבוי פון ווילעס. אינטערע־סאַנט איז דער פאָלגנדער עפּיזאָד: ווען דזשון פּרוואוט איבערצייגן איר פֿעטער דזשעמס, סאַאַמסעס פֿאָטער, ער זאָל בויען אַ ווילע אַף דער פּראָ־ווינץ און ער פרעגט איר, וואָס וועט ער האָבן פון בויען ווילעס, ענט־פערט זי: פרישע לופט. אָבער דזשעמס צעשרייט זיך: פרישע לופט! וואָס וועל איך טון מיט פרישער לופט?״... גאַנץ לאָגיש! וואָס טויג אַ פּאָרסייט פרישע לופט, אַז ער קען איר ניט פאַרוואַנדלען אין אייגנטום... און אַז ס'פלעגט קומען אַ קרוויווע, איז די ערשטע פראַגע באַ זיי געווען: „וואָס האָט זי געוואָלט? עס איז אַן אַקסיאָמע באַ די פּאָרסייטס, אַז קיינער גייט ניט צו קיינעם סיידן ער וויל עפּעס״.

סאָאַמס פּאָרסייט נעמט בויען אַ ווילע און באַשטימט באַסינין פאַר אַרכיטעקט. ער מאַכט אַ קאָנטראַקט אַז די הויצאָעס טאָרן ניט אַריבער שטייגן אַכט טויזנט פונט שטערלינג. באַסיני מאַכט אַ פּלאַן און הויבט אָן בויען, ער לייגט אַריין זיין גאַנצע ענערגיע און פאַרשטאַנד אין דעם בנין, ער בויעט ווי פאַר אַ געליבטער. איירין איז קאַלט צו סאָאַמסן. עס גייען אַוועק טעג, וואָס זי פאַרבייט מיט אים קוים אַ פּאָר ווערטער. סאָאַמס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אַז ער האָט איר מאַווטיעך געווען פאַר דער כאַסענע פריי צו לאָזן אין פאַל זייער הייראַט זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אַ מיסערפאָלג — אים פאַרדריסט איר פרעמדקייט, ווייל זי איז דאָך זיין אייגן, געזעצלעך ווייב...

פון דער צווייטער זייט הויבט אָן צו באַמערקן די קאַלע, דזשון פּאָר־סייט, גלייכגילט מיצאַד איר כאָסן, דעם אַרכיטעקט, און זי ווערט איי־פערזיכטיק אַף איר שיינער מומען איירין. דער זיידע, דער אַלטער דזשאָ־ליאָן, וואָס האָט איר מער ליב פון אַלץ ליידט און טראַכט קוקנדיק אַף דזשונס שלעכט פּאָנים: „דער בעטלער! איך האָב שטענדיק געוואוסט, אַז זי וועט האָבן צאָרעס מיט אים...״

באַסיני, ווידער, איז פאַרליבט אין איירינען ביז מעשוגאַעס. ער בויעט אַ צויבער־פּאַלאַץ און פאָדערט מער געלט; סאָאַמס, ער וויל צי ער וויל ניט, — מוז נאָכקומען זיינע פאָדערונגען און פון 8 טויזנט ווערן פאַר־בויט 12 טויזנט, אָבער דער אַרכיטעקט בעט נאָך געלט, דאַן וויליקט איין סאָאַמס אַף נאָך פופציק פונט; ענדלעך טרעט באַסיני אַריבער אויך די גרעניץ און פאַרברויכט נאָך פירהונדערט פונט.

און אין דער היים באַ סאָאַמסן איז גרויסע צאָרעס. איירין האָט אַ באַזונדער שלאָף־צימער... זי פאַרשליסט זיך פאַרן שלאָף, און סאָאַמס ליידט מוירעדיק, ער האָט איר ליב (אַף וויפל אַ פּאָרסייט קען ליב האָבן). איינדרוקספול איז דאָס בילד וואו מיר זעען אים אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט באַ דער פאַרשלאָסענער טיר פון זיין געזעצלעך ווייבס שלאָף־צימער. „עס איז אין דער נאַטור פון אַ פּאָרסייט ניט צו וויסן, אַז ער איז אַ פּאָר־סייט.״ ער ווייסט ניט אַז „ליבע איז ניט קיין אָראַנזשעריע־בלום, נאָר

אַ ווילד געוויקס, וואָס ווערט געבוירן אין אַ פייכטער נאַכט, אָדער אין אַ מאָמענט פון זון־שיין; וואָס וואַקסט אַרויס פון ווילדער זערע און ווערט צעבלאָזן איבערן שליאַך פון אַ ווילדן ווינט. אַ ווילד געוויקס וואָס ווען זי צעבליט זיך צופעליק פון דער זייט פלויט אין אונדזערע גערטנער, רופן מיר איר בלום; און ווען זי בליט אויף פון יענער זייט, רופן מיר איר ווילד גראָז: אָבער רויז צי דערנער, „איר רייעך און קאָליר זיינען שטענדיק ווילד!"

און וואָס בלייבט באָסינין צו טון אין אַזאַ לאַגע? דאַרף ער אַנטלויפן?, פרעגט דער מעכאַבער, און ער ענטפערט אַליין: „אַ מאַן אַנטלויפט ווען ער האַלט בײַ צעשטערן אַ היים, ווען עס זיינען דאָ קינדער, ווען ער פילט אַז ער צעטרעט אידעאַלן, צעברעכט עפּעס, אָבער דאָ איז אַלץ צעבראָכן"...

אַ וואונדערלעך קאַפּיטל „בײַנאַכט אין פּאַרק" ווייזט אונדז סאָאַמסן אַ פאַרצווייפלטן, אין פּאַרק אין אַ פינצטערער נאַכט. דער פּאַרק איז פול מיט פאַרליבטע פּאָרלעך און אים דאַכט זיך אַז יעדעס פּאָרל איז זיין אייִרין מיט באָסינין. „ניט געקוקט אַף דער קעגנערשאַפט פון דער גרויסער קערפּערשאַפט פּאַרסייטס, דער מוניציפּאַליטעט — וועלכע באַטראַכטן שוין לאַנג ליבע אַלס די ערנסטע געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט — איז יענע נאַכט אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס אין דעם פּאַרק, און אין הונדערט אַנדערע פּאַרקן, אין וועלכן די טויזנטער פאַבריקן, קלויסטערס, קראָמען, שטייער אַמטן און קאַנאַליזאַציע, וואָלטן געווען ווי אַרטעריעס אין בלוט, ווי אַ מאַן אין אַ האַרץ".

סאָאַמס פּאָרסייט איז אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, אַ פאַרשטייער פון אַסאַך קאָמערציעלע געזעלשאַפטן און געוויינלעך, באַטראַכט די וועלט אַזאַ הייראַט ווי זיינעם פאַר אַ דערפאָלגרייכן: „ער האָט געלט, זי איז שיין, גייט מען אַף אַ קאָמפּראָמיס..." און סאָאַמס גאַנוועט זיך אַריין אַמאָל אין אַ נאַכט צו איירינען אין שלאָף צימער. זי האָט דאָס מאָל פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר. זי וויינט און פאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיט די הענט. דער אייגנטימער, אָבער, נעמט דאָס ניט אין אַכט, פירט אויס דעם אַקט פון אייגנטום... און פאַרלאָזט דאָס צימער.

איירין רעדט איבער נאָך דער געשעעניש מיט באָסינין און זיי באַשליסן ביידע צו אַנטלויפן. אָבער זי אישעוועט זיך לאַנג, ווייל דאָס וואָלט דעם יונגן אָרימען אַרכיטעקט רואינירט; ער וואָלט פאַרלוירן זיין אַרבעט און באַציונגען; דערוויל באַשליסט סאָאַמס צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן באָסיני פאַר די איבערגענומענע 400 פונט: איירין זאָגט אים אַז עס איז אַ געמיינהייט און ער ענטפערט אַז מ'וואָלט איר באַדאַרפט אויספּאַטשן, וואָלט זי אַזוי ניט גערעדט. סאָאַמס גיט איין — „זים איז דער געפיל פון נעקאָמע!"... און דאָ איז קעדיי איבערצוגעבן אַ שמועס וואָס דער יונגער דזשאָליאָן, זייער אַ אינטערעסאַנטער טיפּ, דעם אַלטן דזשאָליאָנס אַ טאַלאַנטפולער זון, אַ מאָלער, האָט מיט באָסינין אין זייער קלוב, וואוהין דעם

ערשטנס פּאַטער האָט אים געשיקט זיך אָנפרעגן פּארוואָס באַסיני פּאַר־שאַפט זיין קאָלע אַזוי פיל יעסורים... — „מיר זיינען אַלע, פאַרשטייט זיך, „שקלאַפן פון אייגנטום"‚ זאָגט דער יונגער דזשאַליאַן, „און איך אָנערקען אַז ס'איז אַ פראַגע פון ווער מער און ווער ווייניקער, אָבער איך רוף אָן „פּאַרסיית" אַ מענטשן וואָס איז געווים אין אַ גרעסער מאָס אַ שקלאַף פון אייגנטום... זיין באַלעבאַטעווען איבער אייגנטום — ניט וויכ־טיק צי דאָס איז אַ ווייב, אַ הויז, געלט אָדער אַ רעפּוטאַציע — איז זיין כויסעם".

— „איר רעדט פון זיי", האָט געזאָגט באַסיני, „ווי זיי וואָלטן זיין האַלב ענגלאַנד" און דער ענטפער איז: „זיי זיינען"..

„זייער רייכטום און זיכערקייט מאַכט אַלץ מעגלעך; מאַכט אייער קונסט מעגלעך, מאַכט ליטעראַטור, וויסנשאַפט, אַפילע רעליגיע מעגלעך. אָן פּאַרסייטס, וועלכע גלויבן ניט אין קיין איינער פון די אַלע זאַכן, און מאַכן זיי נוצלעך, וואו וואָלטן מיר אָנגעשפּאַרט? די פּאַרסייטס זיינען די פּאַרמיטלער, די סאַכרים, די זיילן פון דער געזעלשאַפט, די ווינקלשטיי־נער פון קאָנווענציאָנאַליזם: אַלץ וואָס איז ווערט צו באַוואונדערן!

„דרייפערטל פון אונדזערע קייזערלעכע אַקאַדעמיקער זיינען פּאַר־סייטס, זיבן אַכטל פון אונדזערע נאָוועליסטן, אַ גרויסע פּראָפּאָרץ פון דער פּרעסע; זיי זיינען היפּש פאַרטראָטן אין דער רעליגיע; אין קאָמו־נען־הויז זיינען זיי עפּשער צאָלרייכער איידער ערגעץ אַנדערש; די אַרים־טאָקראַטיע רעדט פאַר זיך אַליין"!

אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט דער דאָזיקער קלוגער פּאַרסייט זיין געזינדל. וועגן איירינען טראַכט ער: „די וועלט מיינט אַז זי זוכט אָפּצו־נאַרן איר מאַן! ווייניק קען זי, די וועלט, די פרויען! זי עסט נאָך אַ לאַנגן הונגער. און גאָט זאָל זיך אָפּ איר דערבאַרעמען — ווייל סאָאַמס וועט זיינם ניט שענקען"...

גאָט האָט זיך ניט דערבאַרימט. באַסיני האָט געשטעלט אַ פּאַרטיי־דיקער. אינעם טאָג פון פּראָצעס אַנטלויפט דאָס פּאָרל. סאָאַמס געווינט און באַסיני וואַרפט זיך אַרונטער, אין זיין פאַרצווייפלונג, אונטער אַ וואָגן און ווערט דערהאַרגעט. איירין דערשלעפּט זיך ווי אַן אונטערגע־שאָסענער פויגל צו סאָאַמסן און... דערמיט האַקט זיך אָפּ די ערשטע טייל.

* * *

דערוויל זעט אוים ווי דער מענטש פון אייגנטום האָט געזיגט: זיין ריוואַל איז טויט, דאָס אייגנטום האָט זיך צוריקגעקערט צו אים, אָבער אַ קלאָג צו אַזאַ זיג — איירין איז ניט געוואָרן זיינע און אין דער דירע, וואָס באַסיני האָט אויסגעבויט, איז אים נישט באַשערט געווען צו וואוי־נען, נאָר דאָס געהער דאָך שוין צו דער צווייטער טייל.

* * *

צום שלום ווילט זיך עפּעס אַנדייטן וועגן אַלטן דזשאָליאָן. דער דאָזיקער גוטער, מענטשלעכער, ערשטער פאָרסיט, באַשטראַלט די גאַנצע עפּאָפּייע. ער פילט זיך עלנט און טוליעט זיך צו זיינע קינדער. ער איז שוין אַן אַכציקער, אַלע כּאָווירים זיינע זיינען שוין שווכנאָפּערם און בלויז ער פילט זיך נאָך קרעפּטיק און יונג. גייט ער אין דער אָפּערע, איז עס ניט דאָס וואָס אַמאָל, ניט דאָס זינגען, ניט דאָס טאַנצן. אַפילע די ציגאַרן זיינען ניט די פון אַמאָל! און דאָס וועטער, אויך קיין ליטיש וועטער איז היינט ניטאָ. פונקט ווי אַנויכעס רעב אַבע: אַמאָל, עך, אַמאָל!..

און ווער וועט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס ווייזט דעם אַלטן דזשאָליאָן, דעם פּרעכטיקן גרייז, וועלכער פאַרמאָגט „אַ זוניקן אינסטינקט צו געניסן דאָס גוטע פון יעדן מאָמענט", שפּילן זיך אין אַ גאָלדענער שקיע מיט זיינע צוויי אייניקלעך, דזשאָליאָנס קינדער. ער האָט אַנגענומען פאַרן הענטל, דעם אַכטיאָריקן דזשאָלי, דאָס קינד איז אָף אים אַרויפגעקראָכן און דאָס קלענערע מיידעלע האָלי מיטן הונט האָבן זיך אויך צוגערוקט „און די זונשיין האָט געשפּילט דורך די בלעטער, אָף דער קליינער גרופּע פון דריי דוירעס וואָס האָבן רויק פאַרבראַכט אונטערן באַרנבוים, וואָס האָט שוין לאַנג ניט געגעבן קיין פרוכטן".

* * *

אַ עפּאָפּייע פון דריי דוירעס ענגלענדער איז די פאָרסייט געשיכטע, אָבער אירע טיפן זיינען וועלט-טיפּן און פול איז זי מיט קאָנטראַסטן ווי דאָס לעבן — סאָציאַלע ווי אינדיווידועלע! און אַז עס זיינען צו רייד געקומען קאָנטראַסטן איז שווער פאַרבייצוגיין אַן אַנדער מאָמענט אין דעם וואונדער ווערק. אויך ניקאָלאָס פאָרסייט, דעם אַלטן דזשאָליאָנס פיל יונגערער ברודער (מיט גאַנצע 11 יאָר), אַ מינען אייגנטימער, באַנקיר און רענטיסט, שמייכלט אַ צופרידענער אין אַ גאָלדענעם זונפאַרגאַנג, נאָך אַ טאָג „אַרבעט". ער האָט דאָס מאָל געהאַט אַ באַזונדער גוטן טאָג. עס איז אים געלונגען דורכצופירן אַ פּראָיעקט מ'זאָל דערלויבן עקספּלאָאַטירן אַ שייוועט פון דער אויבערשטער אינדיע אין זיינע גאָלד-מינעס פון צייַלאָן.

דאָס וועט פאַרצווייפאַכן זיין גאָלד און, ווי ער האָט אָפּט גערעכנט, צילט דאָך די גאַנצע דערפאַרונג צו דערווייזן אַז אַ מענטש מוז שטאַרבן: און צי שטאַרבט ער פון נעבעכדיקן עלטער אין זיין געבוירנלאַנד אָדער פאַר דער צייט, פון דאַמף ערגעץ אין דער טיפעניש פון אַן אויסלענדישער מינע, איז אַ קנאַפּער אונטערשיד... דעריקער איז ער זאָל דורך דער ענדערונג אין זיין לעבן ברענגען אַ נוץ דער בריטישער אימפּעריע...

וואָס פאַר אַ ביטערע איראָניע עס הערט זיך אין די ווערטער, און ווי פאַרשידן די סאַכאַקלען פון יעדענס טאָג זיינען. צוויי קאָנטראַסט-פאַרנאַכטן און צוויי פאַרשידענע פאָרסייטס!

## „אַן אינדיאַנער זומער פון אַ פּאַרסייט”.

די לויטערע, זוניקע טעג אום סאָף הארבסט רופט מען אין נאָרד אַמעריקע אינדיאַנער זומער, און די געשענקטע, זוניקע עלטערע יאָרן פון דזשאָליאָן פּאָרסייט רופט אַן גאַלסוואָרטי אַן אינדיאַנער זומער פון אַ פּאָרסייט.

* * *

דידאַזיקע אינטערלודיע שפּרודלט מיט לירִיק און פאַרבלענדט מיט איר שיינקייט.

אַט זיצט דער גרייז דזשאָליאָן פּאָרסייט אונטערן דעמב פאַר דער טעראַסע פון זיין הויז. עס איז דער לעצטער טאָג פון מאַי. פאַרנאַכט, זעקס אַזייגער. אַרום אים — אַ יאַם גרינס,ביימער, בלומען, פייגל.

אָט אַ דאָ, אונטער דעם זעלבן דעמב, איז אַמאָל געזעסן באָסיני און האָט באַטראַכט די לאַנדשאַפט און געקלערט וואָס און ווי אַזוי אויסצו־בויען. און אַצינד וואוינט אין דעם צויבער־ביניען וואָס דער אומגעקו־מענער אַרכיטעקט האָט אויסגעטרוימט פאַר זיין געליבטער, דער אַלטער דזשאָליאָן מיט זיינע אייניקלעך, דעם יונגן דזשאָליאָנס קינדער.

ווי אַזוי איז סאָאַמסעס הויז געוואָרן דעם אַלטן דזשאָליאָנס אייגנ־טום?

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליבע צווישן איירינען אונעם אַרכיטעקט, האָט די אָפיציעלע קאַלע, דזשון פאָרסייט, נישט אויפגעגעבן די האָפענונג צוריק צו געווינען איר כאָסן. אין דעם טאָג, וואָס באָסיני האָט פאַרשפּילט זיין פּראָצעס מיט סאָאַמסן האָט זיך איר האָפענונג פאַרשטאַרקט: באָסיני איז אָרים און זי האָט דאָך געלט, אייגנטום; זי לאָזט זיך צו באָסינין אַהיים מיטן געדאַנק אים אויסצושטערקן הילף... זי ווייסט נאָך נישט, אַז ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. זי פּועלט אויך שפּעטער באַם זיידן, דעם אַלטן דזשאָליאָן, ער זאָל אָוועקקויפן באַ סאָאַמסן דאָס הויז וואָס באָסיני האָט אויסגעבויט.

און אַצינד לאָמיר זיך אומקערן צוריק צום אַלטן דזשאָליאָן.

זיצט ער זיך אַזוי אין גאָלדענעם זונפאַרגאַנג, און פאַרשידענע מאַכ־שאָוועס קריכן אים אין קאָפּ אַריין: דער ברודער סווימין איז געווען מיט פינף יאָר אינגער און איז געשטאָרבן דעם פאַרגאַנגענעם נאָוועמבער. ער אַליין איז שוין אַ פינפאונאַכציקער, ער פילט זיך נאָך גאַנץ גוט, אָבער... ווייזט אויס, איז אויך פאָרסייטס לעבן נישט אייביק. און דער אַלטיטש־קער טראַכט: מיט איין פוס אין קייווער, הויבט מען ערשט אָן רעכט נאָך עפּעס צו בענקען. ווייזט אויס, אַז אַן ענלעכער געדאַנק קומט צו אַלע אַלטע פון אַלע צייטן, האָט דאָך אַ אידישער אַלטער אַמאָל געזאָגט: „אין אָדם מת וחצי תאותו בידו”, ד. ה. קיין מענטש שטאַרבט נישט און זאָל האָבן דערגרייכט כאָטש אַ העלפט פון זיינע פאַרלאַנגען. און ער קלערט, אַז אויב עפּעס זאָל קומען נאָכן טויט וועט עס נישט זיין דאָס וואָס ער

דזשאָן גאָלסוואָרטי

וויל, נישט דאָס פּלאַץ, נישט די בלומען, נישט די פֿויגל, נישט שיינע פּענימער.

דער זון דזשאָליאָן און דזשון זיינען אַף אַ רייזע איבער שפּאַניע; אין דער גאַנצער דירע לעבט בלויז ער מיט דזשאָליאָנס קינדער, זיינע אייניקלעך. און דאָ איז ער ווייט פֿון זיינע געשעפֿטן: די נאַטור מיט אירע פּראַכטן — די זון, די לעוואָנע מיט די שטערן, די רייכעם פֿון בלומען און פּלאַנצונגען, די שירע פֿון פֿייגל — האָבן צעעפֿנט דעם אַלטנס כּושים און שווער איז אים געווען זיך פֿאַרצושטעלן, אַז אַמאָל וועט ער דאָס אַלץ איבערלאָזן, וועט צומאַכן די אויגן, וועט טויב און טויט ווערן צו דעם אַלץ. שטענדיק האָט ער, דער גרויסער סוחר, געהאַט וויכטיקע אינטערעסן. איבערלייענען „די טיימס" איז אויך שטענדיק געווען אַ נויטווענדיקייט. אויך אַצינד האָט ער איר געלייענט, אָבער ער האָט איר גלייך אָוועקגעלייגט און אין אַלץ פֿאַרגעסן, ווי נאָר ער האָט דערהערט אַ פֿייגעלע זינגען. „דאָס געזאַנג פֿון פֿייגעלעך און די גאָלדענע שקיעס האָבן אים קיינמאָל נישט מיד געמאַכט, זיי האָבן בלויז אַרויסגערופֿן בײַ אים אַן אומאָנגענעם געפֿיל, אַז ער קען זיך מיט זיי נישט אָנזעטיקן...

דער אַלטער הויבט זיך אויף, ער מאַכט אַ שפּאַציר איבער זיין גאָרטן. פּלוצים דערמאָנט ער זיך אין אַ געזיכט, וואָס ער האָט געזען אין דער אָפּערע מיט אַ צייט צוריק. דאָס איז געווען איירין, סאָאַמסעס ווייב. אַ פּרעכטיק וועזן, ער האָט איר שטענדיק פֿאַרערט. ער האָט געהערט, אַז זי האָט באַלד נאָך באָסינים טויט פֿאַרלאָזט סאָאַמסן. און דזשאָליאָן פֿילט מיטלייד צו געהאַרגעטן אַרכיטעקט, אים דאַכט זיך, אַז זיין גייסט שוועבט אַרום אין דעם גאָרטן און איבערן הויז, וואָס איז געווען זיין לעצט ווערק, און פֿאַרקירעווענדיק זיך אין אַ זייט אַריין באַמערקט ער עפּעס אַ פֿרויען-פֿיגור זיצן אַף אַ פֿאַרוואָקסענעם קלאָץ.

דער ערשטער געדאַנק איז: „זי טרעט אַריבער אין אַ פֿרעמדן רעשות!" ער מוז אויפֿהענגען אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפֿט, אָבער באַלד פֿאַרבייט דעם געדאַנק אַ צווייטער: „ווי פּרעכטיק זי איז!" און פּראַכט האָט בײַ דעם אַלטן אָפֿט מער די ווערט געהאַט איידער אייגנטום. און ס'איז טאַקע איירין. זי קומט ביגנייווע אַהער, וואו זי האָט איבערגעלעבט גליקלעכע מאָמענטן מיט איר געליבטן, וואו יעדעס גרעזעלע, יעדעס בלימעלע רופֿט אַרויס בײַ איר אַזוי פֿיל זכרוינעס און געדאַנקען.

דער אַלטער לאַדט איר איין אין שטוב, פֿירט איר ווייזן די צימערן. ער פֿאַרפֿירט מיט איר אַ געשפּרעך. ער בעט איר עפּעס שפּילן אַפֿן קלאַוויר. זי פֿרעגט אים, צי וויל ער זי זאָל שפּילן עפּעס פֿון גלוק, „ער פֿלעגט שרייבן זיין מוזיק אין אַ זוניקן גאָרטן, מיט אַ פֿלאַש ריינווייַן בײַ דער זייט". דער אַלטער ענטפֿערט אַז יאָ און איירין זעצט זיך שפּילן. דער אַלטער דזשאָליאָן הערט, „אַ לאַנגער בלויער ספּיראַל הויבט זיך אויף פֿון זיין ציגאַר און ווערט פֿאַרשוואונדן", און דער אַלטער טראַכט: „אַזוי גייען מיר אויס! אויס שיינקייט! ווערן מיר טאַקע גאָרנישט?"

איירין, עמאַציאַנירט פון דער מוזיק, ברעכט צוזאַמען און דער אַל־טער „מיט דער כאַכמע פון אַ לאַנג לעבן האָט נישט גערעדט”... זי דער־ציילט אים, אַז אין יענער נאַכט, ווען באַסיני האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטער אַ וואַגן, איז זי אַוועק צום טייך, האָט זיך געוואָלט וואַרפן אין וואַסער, האָט איר אַ גאַסנפּרוי אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד, און האָט איר דערציילט איר אייגענע טראַגעדיע, און „ווען מ'דערוויסט זיך וואָס פאַר אַ צאָרעס אַנדערע לעבן איבער, שעמט מען זיך פאַר וואָס מ'מאַכט אַזאַ וועזן פון אייגענע ליידן”... דאַן האָט זי באַשלאָסן צו העלפן דידאַזיקע פרויען און צו בלייבן לעבן. זי איז געוואָרן אַ מוזיק־לערערן. דער אַלטער דזשאָליאַן פרעגט: „וועמען לערנט איר?” און זי ענטפערט: „צום גליק זיינען עס מייסטנס אידישע פאַמיליעס. זיי האָבן ליב מוזיק און זיינען זייער ליבע מענטשן”.

אין האַרצן פונעם אַלטן דזשאָליאַן צעשטראַלט זיך אַ ליבע־פלאַם צו איירינען. ער, דער פינפאונאַכציקיאָריקער, גרייז דערפילט אין דער דריי־סיק־יאָריקער גאָלדהאָריקער איירין דעם סימוואָל און פאַרקערפּערונג פון דער שיינקייט אין דער נאַטור.

איירין ווערט פון אים פאַרבעטן צו באַזוכן אים אָפטער; זי נעמט אָן די איינלאַדונג מיט פאַרגעניגן, ווייל עס וועט איר אַזוי אַרום אויך מעג־לעך זיין לייכטער צו קומען אויף איר באַליבטן אָרט. אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק מאַכט דאָס בילד וואָס ווייזט אונדז דעם אַלטן דזשאָליאַן שטיין און קוקן אויף זיין שלאָפנדיק אייניקל האָלי. אַ קליין מיידעלע, וואָס דו ווייסט נישט אויף וועמען זי איז מער ענלעך, אויף דער מאַדאָנע אָדער אויף וועמען און עפּשער האָט זי אין זיך די שיינקייט פון ביידע. קליינע קינ־דער זיינען דעם אַלטנס פרייד און „צו טראַכטן, אַז קינדער זאָלן קומען צו אַזאַ שטאַנד ווי די וועמען איירין האָט געהאָלפן! פרויען וואָס זיינען אַלע אַמאָל געווען אַזעלכע קליינינקע נעשאָמעלעך, ווי די וואָס שלאָפט פאַר אים! איך מוז איירינען געבן אַ טשעק!” און ער גיט איר פופציק פונט.

דער אַלטער דזשאָליאַן האָט פיינט געהאַט ווייבער מיט גרויסע מויי־לער, וואָס מאַכן געזעצן און וויסן שטענדיק מער. „איין איינציקע אייגנ־שאַפט אין אַ פרוי האָט אַפּעלירט צו אים — רייץ; און וואָס רואיקער דער רייץ איז געווען אַלץ מער איז ער אים געפעלן געוואָרן”. רואיקע מוזיק און שוואַכע ציגאַרן האָט ליב געהאַט דער אַלטער דזשאָליאַן, אָבער... ער איז שוין אַלט פינפאונאַכציק יאָר, דער געדאַנק לאָזט אים נישט אָפּ. און אַמאָל, ווען דער ערשטער שטערן האָט אויפגעשיינט איבערן דעמב, האָט דער אַלטער געקלערט: פאַוסט האָט פאַרהאַנדלט זיין נעשאָמע פאַר עט־לעכע יאָר פון אַ צווייטער יוגנט, די צאָרע איז וואָס ס'איז בלויז אַ פאַנ־טאַזיע. „עס איז מער נישט געבליבן ווי זיך נאַכעסן, קאַלזמאַן דו קענסט, פון דער שיינקייט פון דער ווייטן, און איר עפּעס לאָזן אין דיין צוואָע”...

איירין קומט אָפט צו אים, ער בעט זי זאָל שפּילן שאָפּענען, זי טוט אים צוליב. ער קוקט אויף איר בעאיים זי שפּילט און געפינט אַן ענלעכקייט

צווישן איר און שאָפּענען. ער ווערט ווי אינגער, באַוועגט זיך לעבעדי־קער, היט נישט אָפּ זיין דיעטע און רעכנט זיך נישט מיט די פאַרשריפטן פון די דאָקטוירים פאַר אַ מענטשן פון זיין עלטער. ער דערציילט איר גע־שיכטעס פון זיינע רייזעס און זיינע דערפאַרונגען, וועלכע ער האָט נישט געקענט מער דערציילן זיין זון און אייניקל, ווייל זיי האָבן זיי שוין גע־וואוסט... ער באַשליסט איר צו לאָזן אין זיין צוואָע פופצן טויזנט פונט שטערלינג „אַ טייל פון זיין רייכטום, פון זיינע שטרעבונגען, מייסים, איי־גנשאַפטן, אַרבעט — אַלץ וואָס האָט געשאַפן דאָס אייגנטום". און אַזאַ סומע לאָזט ער איר, ווייל דאָס וועט איר נישט לאָזן אַלט ווערן פאַר דער צייט, און די „גרויקייט וועט נישט פאַרשוועכן אירע גאָלדענע האָר".

דער אַלטער דזשאָליאָן קען אָן איירינען נישט לעבן. מיט דער גרעס־טער אומגעדולד וואַרט ער אַלע מאָל אַף איר קומען. שאָען גאַנצע שטייט ער און קוקט אין דער ווייט איידער ס'קומט די קאַרעטע וואָס דאַרף איר ברענגען. און די צעבראָכענע איירין פילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צום גוטן פעטער דזשאָליאָן, וואָס פאַרמאָגט אַ פיין געהער און אַ גוט האַרץ. ווען ער האָט פאַרכאַסמעט דעם קאָנווערט פון בריוו, וואָס ער האָט גע־שיקט צו זיין אַדוואָקאַט ער זאָל פאַרעכענען 15 טויזנטער אין זיין צאַ־וואָע פאַר איירינען, איז ער צוריק צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט טיף איינגעאָטעמט אין זיך די לופט. „עס איז געווען פינצטער, אָבער אַסאַך שטערן האָבן אַצינד געשיינט אויבן"...

אַז מען טוט אַ גוטע זאַך צינדן זיך, ווייזט אויס, אין הימל אָן אַסאַך שטערן...

לאַנג האָבן די באַציונגען צווישן די ביידע נישט געקענט אָנהאַלטן. עס קומט אַ טעלעגראַמע, אַז דער זון דזשאָליאָן מיט אייניקל דזשון קערן זיך אום פון שפּאַניע. דאָס האָט נאָך פריער אַ סאַך נעכט נישט געלאָזט שלאָפן דעם אַלטן. ער האָט געהאָפט, אַז דזשון וועט פאַרגעבן איירינען. איירין זאָגט אים, אַז אייך פרוי פאַרגיט קיינמאָל נישט דער אַנדערער אַזאַ זאַך... און ווען אַפילו נישט ווילנדיק איז זי דאָך געווען דער גורעם פון איר אומגליק... באַלד נאָכדעם ווי דער אַלטער דערציילט איר, אַז דזשון קערט זיך אום, שרייבט אים איירין, אַז זי קען מער צו אים נישט קומען. דאָס איז פאַרן אַלטן אַ שרעקלעכער קלאַפּ. ער ווערט קראַנק. ער שרייבט איר אַ בריוו און זי ענטפערט מיט אַ טעלעגראַמע: „אייער בריוו דערהאַלטן איך קום היינט באַטאָג, כ'וועל זיין מיט אייך האַלב פינף. איירין".

דער אַלטער דזשאָליאָן נעמט צונויף די לעצטע קויכעס און גייט אַראָפּ אין גאָרטן וואַרטן אַף איר. ער זעצט זיך אונטערן דעמב, אָבער... די קויכעס הויבן אָן אויסצוגיין, ער פאַרמאַכט די אויגן, און עפּעס פילט ער, אַז ער וועט זיי שוין קיינמאָל מער נישט עפענען. „ער הערט נישט קיין פייגל, קיין בייעס, קיין בלומען, קיין אינזעקטן — בלויז שאָטנס". דאָס לעבן פון אַלטן דזשאָליאָן, וואָס קען זיך נישט זעטיקן מיט שיינ־

קייט, ווערט אויסגעלאָשן אינמיטן פון אַ יאַם בלומען־דייכעס און פייגל־געזאַנג.

## 3.

## „די פאַרסייט זאַגע"

דעם אַלטן דזשאָליאָן פאָרסייטס זון, דער מאָלער דזשאָליאָן, ווערט לויט דער צוואָע באַשטימט פאַר איירינעס אַפּעקון. ער דאַרף רעגולער איר אָפּשיקן דאָס פּראָצענט פון די 15 טויזנט פונט וואָס זיין פאָטער האָט פאַרן טויט איר איבערגעלאָזט. איירין לעבט צוריקגעצויגן און שטיל. פון דעם פּראָצענט מאַכט זי אַ שיין באַשיידן לעבן. און עס לויפן אַזוי די יאָרן. סאָאַמס האָט, אָבער, טיף אין האַרצן, נאָך ניט אויפגעגעבן אינגאַנצן די האָפנונג איר ווען עס איז צוריק צו געווינען. אַ שאָד אַזאַ שטיקל אייגנטום צו פאַרלירן. ער לעבט באַם פאָטער און זיין טאַטע וויל אַ אייניקל, אַ יוירעש פון זייער ביידנס היפּש פאַרמעגן. נאָכקומענדיג דעם פאָטערס וואונש, שליסט סאָאַמס קענטשאַפט מיט אַ פראַנצויזישער רעסטאָראַטאָרשע וואָס פאַרמאָגט אַ טעכטערל, אַנעט, אינגער פון סאָאַמסן מיט אַ יאָר 35... אָבער, דעריקער, איז דאָך דער יוירעש. עמעס, דער שידעך וועט ניט קענען געשלאָסן ווערן ביז ער וועט ניט אָפּגעטן איירינען — איז טאַקע גוט: וועט ער נאָך 12 יאָר זיין „געפּענטעט" פּרוואון מאַכן אַ לעצטן וויזיט איירינען און... אָדער אָדער.

אָבער קומענדיק צו איירינען פלאַקערט ווידער אין אים אויף זיין ליידנשאַפט צו איר און ער בעט מיט טאַכנונים זי זאָל צוריקגיין צו אים — איר וועט קיין זאַך ניט פעלן. איר סעקסועלע אַנטיפּאַטיע איז אָבער אַזוי שטאַרק, אַז זי ענטפערט: „איך וואָלט גיכער געוואָלט שטאַרבן"! אַ צעבראָכענער, דערשלאָגענער גייט ער אַוועק. איירין קומט צום מאָלער דזשאָליאָן, איר איינציקער באַשיצער, און דערציילט אים וועגן סאָאַמס באַזוך און זיין פאָרשלאָג. סאָאַמס איז די גאַנצע צייט כוישעד אַז די ביידע געפינען זיך אין באַציונגען און ער מאַכט אַ פאַרצווייפלטן שריט: ער קומט אומגעבעטן און, טרעפנדיק זיי ביידע אין דער דירע וואָס באַסיני, דער אומגעקומענער אַרכיטעקט, האָט פאַר אים געבויט, מאַכט ער אַ סצענע, זאָגנדיק אַז זיי געפינען זיך אין ליבע באַציונגען. ניט איירין און אויך ניט דזשאָליאָן לייקענען עס אָפּ און סאָאַמס פאַרלאָזט זיי מיט אַ קלאָלע קעגן דזשאָליאָנען: „גאָט זאָל דיר העלפן זי זאָל דיך אַזוי באַהאַנדלען ווי זי האָט מיך באַהאַנדלט!"

דער רוישעם פון דעם באַגעגעניש איז אומפאַרגעסלעך... די איבערלעבענישן פון די דריי פּערזאָנען, דאָס רעאַגירן פון יעדן איינעם אַף זיין באַזונדערן אויפן, דער אַספּעקט פון זייער אויסערלעכער סוויווע, מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע בילד לעבט און שניידט זיך טיף איין אין זיקאָרן און האַרצן.

סאָאמסעס וויזיט טרייבט דאָס פּאָרל צו פאַרקניפּן אויף אייביק זייער גורל און דאָס לעבן ברענגט זיי אַ זונעלע — דזשאָליאָן, לעשעם קורצקייט דזשאָן.

סאָאמס פאַרפירט אַ געט-פּראָצעס און האָט כאַסענע מיט דער פראַנצויזן. ווען די צייט קומט דאַרף אַנעט געליגן ווערן מיט אַ יוירעש. דאָס קאַפּיטל הייסט „דאָס געבוירן פון אַ פּאָרסייט". דער דאָקטאָר זאָגט סאָאמסן אַז ער מוז אַנטשיידן אָדער די קינפּעטאָרן זאָל אָפּערירט ווערן ווייל זי לעבן בלייבן און דאָס קינד — טויט, און זי וועט אויך מער קיין קינדער ניט האָבן, אָדער לאָזן ווי עס גייט דאַן וועט ער האָבן אַ קינד, נאָר די פרוי איז אין גרוים סאָקאָנע.

מוירעדיק איז דער געראַנגל אין סאָאמסעס נעשאָמע—אַ קאַמף פון טאַטע און מאַמע געפיל — און אויסער דעם איז דאָך אַ פּראַגע פון אַ יוירעש... דער פּאָרסייט אין אים איז מנעאַצייעך אַלע אַנדערע געפילן, ער הייסט דעם דאָקטאָר ניט אָפּערירן. ער זאָגט: „אַנעט איז שטאַרק, אַנעט מוז לעבן!" פאַרשטייט זיך, אַז ווען עס זאָל זיך געווען האַנדלען פון איירינען וואָלט ער אָן שום סאָפעק, איר ניט געווען איינגעשטעלט, אַפילע צוליב אַ יוירעש. איירין איז געוועזן זיין „גרויסע ליידנשאַפט" און אַנעט איז קאַלטער כעשבן. דער סאָף איז אַז אַנעט און דאָס קינד בלייבן ביידע לעבן, אָבער אַנשטאָט אַ יוירעש ווערט געבוירן אַ יוירעשטע... אַ נייע העלדן-פלעיר פּאָרסייט.

ווי אַ קאָנטראַסט צום פּאָרל סאָאמס-אַנעט ווערט געשילדערט דאָס גליקלעכע צוזאַמענלעבן פון דזשאָליאָן-איירין. אין דער „זאַגע" קומט דאַן אַ אינטערלודיע „דערוואַכונג", איז דאָס אַן און פאַר זיך אַ מייסטערווערק. געציילטע שטעלן אין דער וועלט ליטעראַטור קענען זיך מיט דער אינטערלודיע פאַרגלייכן.

* * *

אין אַ גאָלדענעם ביינהאַשמאַשעס שטייט דער אַכט יעריקער דזשאָן, איירינס זון, איבער די טרעפּ פון לייטער באַ זיך אין הויז. אַ ליכטפּאַס פון דער פלאַמיקער שקיע רייסט זיך אַריין דורכן גלעזערנעם דאַך און פאַרפלייצט דאָס קינד מיט שיין. ער טראַכט וועגן אַלערליי קונצן מיט וועלכע ער וואָלט געקענט זיך אַראָפּגליטשן איבער דער פּאַרענטשע. אין דעם פאַרנאַכט קומט באַם קינד זיין סעקסועלע דערוואַכונג. די עלטערן, וואָס זיינע געוועזן אויף אַ שפּאַציר באַם ברעג יאַם, קערן זיך אום און דער קליינער דערפילט די פרוואישע שיינקייט אין זיין מוטער...

דאָ איז דער פּלאַץ צו דערמאָנען אַז גאָלסוואָרטים שילדערן די נעשאָמע פון אַ הונט, פון אַ שטומער כאַיע איז אומפאַרגלייכלעך. ער האָט אַ בילד וואו עס שטאַרבט אַ הונט, איז דער מאָמענט אַזוי רירנד אַז דער לייענער לעבט מאַמעש איבער די ליידן און די לעצטע מינוטן פון הונטס עקזיסטענץ, אָבער דאָס אַריינדרונגען אין דער נעשאָמע פון דעם אַכטיעריקן קינד און שילדערנדיק מיט האַלבע ווערטער און לייכטע אָנדייטונ-

גען די סעקסועלע דערוואַכונג פונעם מאַן זאָל אַזוי רעליעף און דעליקאַט אַרויסגעבראַכט ווערן דער גאַנצער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס, איז אַפילע אַסאַך שווערער און שוין אַוודע קאָמפּליצירטער ווי די פּסיכיק פון כאַ־יעם און קען בלויז געלינגען אַ עכטן, ערשטקלאַסיקן קינסטלער.

די צייט רוקט זיך; ביידע קינדער וואַקסן; פלעיר איז שען און דזשאָן איז געראָטן. און צופעליק באַגעגענען זיך איירינגע מיט איר זון מיט סאָ־אַמסן און זיין טאָכטער. אַ קעגנזייטיקע ליבע פלאַמט אויף אין די הער־צער פון דזשאָן און פלעיר. די עלטערן דערפילן עס און, פאַרצווייפלטע, ווענדן זיי אָן אַלע קויכעס זיי צו דערווייטערן איינס פון ס׳אַנדערע. ביז איצט ווייסן זיי גאָרניט פון זייער פאַמיליע געשיכטע און אָף הונדערטער זייטן ווערן פאַנאַדערגעוויקלט נייע בילדער, געשילדערט נייע צוזאַמענ־שטויסן, איבערלעבענישן און קאָנטראַסטן. דער מעכאַבער ברענגט אונדז ביז יאָר 1902. דזשאָן באַשליסט כאַסענע צו האָבן מיט פלעירן. דער אַל־טער דזשאָליאָן (אויך ער איז שוין אַ אַלטער) שטרענגט אָן זיינע לעצ־טע קויכעס און שרייבט אַ בריוו זיין זון אין וועלכן ער דערציילט אים זיין מאַמעס גאַנצע לעבנס געשיכטע וועגן איר אומגליקלעכן הייראַט מיט סאָאַמס פאָרסייט. ער ראָט אים זיך ניט פאַרבינדן מיט סאָאַמסעס טאָכ־טער. דזשאָן גייט אַוועק מיטן בריוו. דער פאָטער, אַ אויפגערעגטער, לאָזט זיך איבערן גאָרטן אים זוכן, און אַזוי ווי ער ליידט אָפן האַרצן און טאָר זיך ניט אויפרעגן, און דאָס מאָל איז ער שטאַרק דערשיטערט, רייסט זיך אים דאָס האַרץ אָפּ. ער רקט זיך, אַ האַלב טויטער, אַריין אין שטוב און גייט אויס אָנשרייבנדיק בלויז: איירין! מאַמע און זון געפינען אים טויט אָף זיין פאָטערס, דעם אַלטן דזשאָליאָנס שטול.

* * *

באַ סאָאַמסן איז קויטיק. זיין ווייב, די פראַנצויזן, וואָס איז אַ פער־ציקער ווען סאָאַמס איז אַ פינפאונזיבעציקער, טרייסט זיך מיט גוטע פריינד... ער זעט און מוז שווייגן. די טאָכטער שיקט אים צו איירינען בעטן דערלויבעניש כאַסענע צו האָבן מיט איר זון. ווי פיינלעך די שלי־כעס איז ניט, גיט סאָאַמס נאָך אין יווירעשטע — ער גייט; איירין „דער־לויבט”... אָבער דער זון ענטפערט אַז ער וועט האַנדלען ווי זיין טאַטע האָט פאַרן טויט געוואָלט. סאָאַמס איז מוירעדיק איינזאַם.

די גאַנצע צייט שאַדכנט זיך אַ זונדל פון אַ באַראָנעט (מישעל מאָנט) צו פלעיר. נאָך די ניט געלונגענע פאַרזוכן זיך צו פאַרקניפּן מיט דזשאָן פאָרסייט, גיט זיך סאָאַמסעס טאָכטער אָפּ דעם באַראָנס זונדל. דזשאָן מיט איירינען לאָזן זיך קיין אַפריקע און די דירע בלייבט ליידיק, צום פאַר־דינגען. אַזוי הייסט טאַקע די לעצטע טייל פון דער „זאַגע”, **„צום פאַר־דינגען”.**

עס שטאַרבט דער עלטסטער פון די פאָרסייטס, טימאָטי, אַ זאָקן פון 101 יאָר, סאָאַמס קומט אָפן בייס אוילעם, זיין אויג פאַלט אָף אַ זעלטן שיינעם קיווער ער גייט צו און, באַטראַכטנדיק די 4 הויכע ביימער וואָס

האָבן זיך געוויגט איבער דער מאַרמאָלנער פּליטע, לייענט ער איבער: „באָסיני"... עפּעס הויבט אים אָן נאָגן באַם האַרצן, די וועלט איז אַזוי שיין און ליבע איז פאַראַן אין איר, אָבער ער געניסט ניט פון ביידע זאַכן...

אַזאַ איז די ענדע פון דער „זאַגע". פאַרשטייט זיך, אַז ווען איך זאָג די ענדע איז עס רעלאַטיוו ווייל פלעיר און מישעל, ווי אַנדערע יונגע העלדן, פירן זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ אין דער „מאָדערנער קאָמעדיע", אַן אַנדער עפּאָפּעיע פון 1920 און ווייטער, ביז 1930. גאָלסוואָרטי ווייסט אַז דאָס לעבן איז אומענדלעך און אויב מענשן און געשעענישן בייטן זיך, בלייבט דער מענש און דאָס לעבן אייביק און ער שפּינט זיין קונסט געוועב אָן אויפהער.

מ׳וואָלט געקענט שרייבן און שרייבן איבער דזשאָן גאָלסוואָרטיס אייגנאַרטיקע פאַרגלייכן, איבער זיין צאַרטן זיידענעם סטיל; אַנאַליזירן אַלזייטיק און ברייט דעם גאַנצן פּראָצעס פון זיין פאַרביקן שאַפן, אָבער מיך האָט אויסער דעם קינסטלערישן באַזונדערם אינטערעסירט דאָס סאָציאַלע. מיך האָט אינטערעסירט קלאָר אַרויסצוברענגען דעם טאַמצים פון גאָלסוואָרטיס דראַמאַטישן און בעלעטריסטישן שאַפן, ווי ער האָט קינסטלעריש אויפגעפּאַסט די אַלע אומגליקן און טראַגעדיעס וואָס קומען אַלס רעזולטאַט פון דער היינטיקער בורזשואַזער אָרדנונג מיט איר הויפּט יעסאָד — פּריוואַט אייגנטום.

* * *

סאָאַמס פאָרסייט, דער מענש פון אייגנטום, דער סימוואָל פונעם אויבערשטן ענגלישן מיטלקלאַס, פונקט ווי דער סימוואָל פונעם אַלוועלטלעכן מיטלקלאַס, איז אָפּגעשפּיגלט און פאַראייביקט געוואָרן אַלס וועלט טיפּ מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן אין דער פונדאַמענטאַלער עפּאָפּייע „די פאָרסייט זאַגע" און דאָס ווערק פאַרזיכערט דעם מעכאַבער אַ פּלאַץ אין דער מיזרעך וואַנט פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. פון דער „פאָרסייט זאַגע" אַליין קען מען זיך שאַפן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דזשאָן גאָלסוואָרטי דעם דראַמאַטורג און בעלעטריסט, דעם גרויסן מייסטער פון סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע קאָנטראַסטן.

# לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי

פון זיינע קינדער יאָרן ווייסט מען קימאַט גאָרניט. דאָס איינציקע וואָס מ'ווייסט איז, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון דעם שטעטל ווינטשי; אַז זיין טאַטע איז געווען אַן אַדוואָקאַט און זיין מאַמע, קאַטערינע, דעם פאָטערס אַ געליבטע. ווי זיין קינדהייט איז פאַרביי אונטער די פּרעכטיקע איטאַליענישע הימלען אין דעם געבורטס דערפל וואָס האָט זיך געפונען צופוסנס פון די אַלבאַנישע בערג, איז פול-שטענדיק אומבאַקאַנט.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס לעבנס-געשיכטע הויבט זיך, אייגנטלעך אָן פון דעם מאָמענט וואָס זיין פאָטער האָט אים געבראַכט קיין פלאָרענץ און האָט אים איבערגעגעבן, פאַר אַ טאַלמיד, אין רעשוס פונעם באַרימטן גאָלדשמיד, סקולפּטאָר און מאָלער, אַנדרעאָ דעל וועראָקיאָ. וועראָקיאָ איז אויך באַרימט געווען אַלס גרויסער לערער. בײַ אים האָט לעאָנאַרדאָ באַקומען זיינע ערשטע יעדיעס אין מאָלעריי און סקולפּטור, און אין ווע-ראָקיאָס אַטעליע האָט צוערשט אויפגעבליצט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס זשעני.

לעאָנאַרדאָס ביאָגראַף און צייט-כאַווער, דער קינסטלער וואַזאַרי, דערציילט, אַז וועראָקיאָ האָט געהאַלטן אין מאָלן אַ בילד וואָס האָט באַ-דאַרפט פאָרשטעלן דאָס טויפן פון יעזוסן, האָט לעאָנאַרדאָ אויסגעמאָלט אין דער לינקער טייל פון בילד אַ קניענדיקן מאַלעך. ווען וועראָקיאָ האָט דערזען לעאָנאַרדאָס אַרבעט איז ער בײַ זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן און האָט אַ ניידער געטון ניט צו נעמען מער דעם פּענזל אין האַנט. דאָס בילד האָט לאָענאַרדאָ געמאָלן ווען ער איז אַלט געווען אַכצן אָדער צוואַנציק יאָר. צי וועראָקיאָ האָט טאַקע שוין מער ניט גענומען קיין פּענזל אין האַנט אָדער ס'איז בלויז אַ לעגענדע איז ניט וויכטיק, ווייל ווען אַפילע אַ לעגענדע ווייזט זי דעם איינדרוק וואָס דעם שילערס פעיקייטן האָבן געמאַכט אַפן מייסטער.

פון דער צייט וואָס לעאָנאַרדאָ האָט פאַרבראַכט אין פלאָרענץ קריצט זיך באַזונדערס איין אין זיקאָרן פאָלגענדער פאַקט.

פיעראָ דאַ ווינטשי, אַזוי האָט געהייסן לעאָנאַרדאָס פאָטער, האָט פאַרבראַכט אַף זיין דאַטשע אין דער פּראָווינץ, איז איינמאָל געקומען צו אים אַ באַקאַנטער פּויער, האָט אים געבראַכט אַ שילד וואָס ער האָט אַליין געמאַכט פון אַ פייגנבוים, האָט אים געבעטן מיטצונעמען דעם שילד קיין פלאָרענץ און אים איבערגעבן אַ מאָלער ער זאָל אַף אים עפּעס אויסמאָלן. לעאָנאַרדאָס פאָטער האָט דעם שילד געבראַכט צום זון: ער האָט אים ניט געזאָגט פון וועמענס שילד דאָס איז און האָט אים געבעטן עפּעס אויסצומאָלן. לעאָנאַרדאָ האָט אים גענומען אין האַנט, אָבער ער האָט אים פריער געמוזט אָוועקגעבן אַ טאָקער ער זאָל אים אויסגלייכן און פאַרקיילעכיקן, ווייל ער איז געווען געמאַכט גראָב און

קרום. נאָכדעם האָט ער אים באַדעקט מיט גיפּס און איידער ר'האָט זיך געגומען צו דער אַרבעט האָט ער צונויפגעבראַכט אין זיין אַרבעטס-צימער, וואוהין קיינער האָט קיין צוטריט ניט געהאַט, יאַשצערקעס, איזשאַקעס, שלענג, היישעריקן, פלעדערמייז, זומער-פייגעלעך און אַנדערע מאָדנע באַשעפענישן וואָס ער האָט נאָר געקענט באַקומען, דאַן האָט ער זיך פאַרשלאָסן, האָט פאַרגעסן אין עסן און טרינקען, און האָט גאַנצע טעג און נעכט פאַרבראַכט בײַ דער אַרבעט. די כאַיעלעך זיינען אויסגעפּייגערט און האָבן אָנגעפילט זיין צימער מיט אַ שרעקלעכן איפּעש, לעאָנאַרדאָ האָט אָבער דערפאַר ניט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט. אין זיין פייערדיקער פאַנטאַזיע האָבן זיך די צורעס און געשטאַלטן פון די כאַיעס צוזאַמענגעגאָסן און זיך איבערגעפלאָכטן און ווען ער האָט פאַרענדיקט, אַ דערשעפּטער, זיין אויפגאַבע, איז אַרויסגעקומען אַן אָפּשטויסנדער שווידערלעכער מאָנסטער, וואָס אָטעמט גיפט און פלאַמען און איז אַרומגערינגלט פון אַ פייערדיקער אַטמאָספערע". דער פּויער איז דעם שילד ניט געקומען מאָנען, דער פאָטער האָט שוין געהאַט אין אים פאַרגעסן, ווען לעאָנאַרדאָ האָט אים דערמאָנט אַז דער שילד איז פאַרטיק און ער קען שיקן נאָך אים. ער האָט ניט געשיקט נאָר איז אַליין געקומען. לעאָנאַרדאָ האָט אים ווי געהעריק באַלויכטן און ווען דער פאָטער האָט אַף אים אַ קוק געטון איז ער אין שרעק אָפּגעשפּרונגען און איז אַרויס אין דרויסן, אָבער לעאָנאַרדאָ האָט אים פאַרהאַלטן און שמייכלנדיק געזאָגט: „דער שילד וועט דינען דעם נויטיקן ציל, נעם אים צו ווייל דאָס איז דער איינדרוק וואָס ער דאַרף מאַכן".

זיין טאַטע האָט דעם פּויער אָפּגענאַרט. ער האָט אים געגעבן אַן אַנדער שילד אַף וועלכן ער האָט געלאָזט אויסמאָלן אַ האַרץ וואָס איז דורכגעשאָסן פון אַ פייל און לעאָנאַרדאָס מייסטערווערק האָט ער פאַרקויפט סאָכרים פאַר הונדערט דוקאַטן, וועלכע האָבן אים, פון זייער זייט, פאַרקויפט דעם מילאַנער דוקעס פאַר דריי הונדערט דוקאַטן.

ער האָט קימאַט ווי גאָרניט געלערנט פון די אַלטע גריכישע קינסטלער; זיין לערערן איז געווען די נאַטור אַליין. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פאַרשליסן אָפּגעזונדערט, ווייט פון מענטשן און לעבן בלויז מיט זיינע זעונגען און געדאַנקען און אַמאָל פלעגט ער אַרוים און אויפקלייבן אַרום זיך אַ שלעפּערישע אָרימע באַנדע, זיך וויצלען מיט זיי און זיי דערציילן פריילעכע מייסעס ביז זיי האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. און דאָס אַלץ האָט ער געטון קעדיי צו קענען גוט באַטראַכטן זייערע לאַכנדיקע צורעס.

צו אונדז איז דערגאַנגען זיינען אַ פּאָרטרעט וואָס שטעלט אים פאָר אין די פופציקער יאָרן פון זיין לעבן. די אויסדרוקפולע אויגן, די אַריסטאָקראַטישע נאָז, די דינע פיינגעשניצטע ליפּן, זיין באָרד און דאָס אַמאָליקע היטל וואָס זעט אויס ווי אַ שטריימל, מאַכט אַף אונדז דעם איינדרוק פון אַ באַל-שעם, אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט. פון זיינע אינגערע יאָרן

האָבן זיינע צייט כאַוויירים דערציילט אַז ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אוילעם, מיט זיינע גערדיכטע גאָלדענע האָר, בלויע אויגן אין אַ ראָזעווען מאַנטל ביז די קני, און האָט גענומען פאַר זיי רײדן זײנען זיי זוי באַצויבערט געוואָרן און האָבן געגלויבט אין אַלץ וואָס ר'האָט זיי געזאָגט. און ווען ער האָט אַזוי איינמאָל זיי גענומען שילדערן ווי מען קען אַ קלויסטער אינגאַנצן אויפהויבן, אונטערלעגן אונטער אים טרעפּ און אים נאָכדעם צוריק אַראָפּלאָזן, האָט מען מאַמעש געזען בעכוש ווי עס ווערט געטאָן.

ווייל ניט בלויז אַ ריזיקער מאָלער און סקולפּטאָר איז געווען לעאָ־נאַרדאָ דאַ ווינטשי, נאָר אויך אַן אינזשעניר, אַרכיטעקט, מוזיקער, אַנאַ־טאָם, באָטאַניקער און אַן אַ שיר אַנדערע זאַכן. די ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ זאָגט: „ערנסטע געלערנטע פאַרזיכערן אונדז אַז ער איז גע־ווען איינער פון די גאָר גרעסטע און ווייטזעענדיקסטע, אַזוי גוט ווי איי־נער פון די פריסטע נאַטורפילאָזאָפן. ער איז געווען דער גרינדער פון דער אַנאַטאָמישער וויסנשאַפט און פון דעם קלאַסיפיצירן פלאַנצונגען לויט זייער סטרוקטור; דער גרינדער, אַדער, וויינקסטנס, דער הויפּט אויפלעבער פון דער הידראַאולישער וויסנשאַפט; ער האָט פאַראויסגע־מאַכט פיל געאָמעטרישע אַנטדעקונגען פאַר קאָמאַנדינין, אַנטאָליקוס און מאַרטאַגליאַ, האָט אָנגעטאַפּט דאָס גראַוויטאַציאָנס געזעץ, די באַוועגונג פון דער ערד, די מאָלעקולאַרע צוזאַמענשטעלונג פון וואַסער; האָט דער־לערנט די באַוועגונג פון די כוואַליעס, און זאָגאָר די טעאָריע פון ליכט און היץ כוואַליעס. ער האָט אַנטדעקט דעם געבוי פונעם אויג און די אָפּ־טישע געזעצן פון דער ריע; ער האָט דערפונדן די פינצטערע קאַמערע, ער האָט אויסגעפאַרשט דעם צוזאַמענשטעל פון אויפּריים שטאָפּן און דאָס אָנווענדן פון דאַמף קראַפט; ער האָט אָנגעוואָרפן אומצאָליקע פּלע־נער פאַר קריגס מאַשינען, טונעלן און קאַנאַלן", און אַ. וו.

ער האָט באַזוכט מיצראַים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די ברעגן פון קליין אַזיע, די געגנט אַרום דעם טאַוורוס באַרג און אַרמעניע, און האָט איבער־געלאָזט צייכנונגען און זעקס גרויסע געאָגראַפישע מאַפּעס וואָס ער האָט אַליין געמאַכט און וואָס שליסן איין קימאַט די לאַנצע טאָסקאַנישע ערד. זיין קאָפּ איז שטענדיק פול געווען מיט נייע דערפינדערישע פּלענער און גרויסע אידייען ווי אַזוי אָנצואווענדן אין דער ווירקלעכקייט די מעכאַ־נישע קראַפטן. ער האָט געפּלאַנירט און געבראָכן זיך דעם קאָפּ צו דער־פינדן אַ פליי־מאַשין, און כאָטש עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן האָט ער פאַרצייכנט אין איינעם פון זיינע נאָטיץ ביכער: „ס'וועלן זיין פליגלען!"

און אָט דער לעאָנאַרדאָ, דער אַלזייטיקער זשעני, דער אַסטראָנאָם, כע־מיקער, פיזאָלאָג, געאָלאָג, געאָגראַף און וואָס איר ווילט אַליין, האָט באַ־דאַרפט פאַרשווענדן די גרעסטע טייל פון זיין צייט אַף צוגרייטן די דע־קאָראַציעס און אילומינאַציעס פאַר די יאָנטויווים פון די נישטיקע הער־שער פון זיין צייט, ווען ער האָט געדינט. זיין צייט איז געווען די צייט

פון צעזאַר באָרדזשיאַ, פון דעם אָפּשיילעכן דעגענעראַט און אויסוואורף, ווי ביכלאַל די צייט פון דעמאָראַליזאַציע און צעפוילונג. דאָן איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך אַז די „קאָנדאָטיערי”, דאָס הייסט, די געדונגענע מי־ליטאָרן זאָלן היינט דינען איין פירשט און מאָרגן אַ צווייטן און אויך די קינסטלער זיינען געשטאַנען ווייט פון פּאָליטיק און האָבן געדינט דעם, וואָס האָט זיי געגעבן בעסערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער טאַלאַנט. אויך לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט פריער געדינט לודאָ־וויקאָ מאָראָ, נאָכהער צעזאַר באָרדזשאָ, דעם פראַנצויזישן לואיס דעם צוועלפטן א. א. וו., גלייך ער זאָל האָבן אינטואיטיוו געפילט אַז נישטיק און געמיין זיינען די אַלע הערשער מיט זייערע רייסערייען און אינטרי־געס אין פאַרגלייך מיט די אומשטערבלעכע קינסטלערישע און וויסנ־שאַפטלעכע אַמביציעס וואָס וועלן אויסגעברייט אין זיין מויעך.

אַלס מאָלער איז לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי געווען דער ערשטער צו באַגרייפן אַז ליכט און שאָטן זיינען די וויכטיקסטע עלעמענטן אין דער מאָלעריי און ניט קאָליר און ליניע, ווי מען האָט געמיינט פריער. אים האָבן געררייצט און צוגעצויגן מאָדנע בערג־פאָרמען, אויסערגעוויינלעכע כאַיעס און פלאַנצונגען, מעשונעדיקע צורעס און רעטזועלהאַפטע שמייכ־לען און געזיכטס אויסדרוקן. זיין דזשיאָקאָנדאַ, אָדער מאָנאַ ליזאַ, איז וועלט באַרימט. דאָס איז איינס פון די צוויי בילדער וואָס ער האָט געמאָלט אין דער צייט פון 1500 ביז 1505, דאָס הייסט, פון זיין אַכט און פערציקסטן ביז דעם דריי און פופציקסטן יאָר פון זיין לעבן. איין בילד פון דער פרוי בענטשי איז פאַרלוירן געגאַנגען און דאָס צווייטע פון מאָנאַ ליזאָן איז צו אונדז דערגאַנגען. דזשיאָקאָנדאַ איז אַ פּאָרטרעט פון דער נעאַפּאָלי־טאַנערן מאָנאַ ליזאַ וואָס איז געווען די דריטע פרוי פון פראַנטשעסקאָ דזשיאָקאָנדאָ. מיר זעען דזשיאָקאָנדאָן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, זי קוקט אייך אַריין אין דער נעשאָמע אַריין און שמייכלט זיך צו. און וואָס דער שמייכל באַטייט איז שווער צו זאָגן. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז וועגן דעם שמייכל אָנגעשריבן געוואָרן. וואַזאַרי דערציילט אַז דער קינסטלער האָט אין דעם בילד געקאָנקורירט מיט דער נאַטור, אַז מען האָט געקענט זען די וויאָלעטע אָדערלעך פון די אויגן לעפלעך, דאָס ליכט און דעם פייכטן גלאַנץ אין די אויגן, דעם פולס־שלאַג אָפן האַלדז. די פּראַטים זיי־נען מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער אַלע וואָס זעען דאָס בילד באַהויפּטן אַז נאָך היינט מאַכט עס אָן אומפאַרגעסלעכן רושעם. מען דערציילט אַז דאַ ווינטשי פלעגט באַם מאָלן זיך באַנוצן מיט פּאַיאַצן און מוזיקער וואָס האָבן אַרויסגערופן באַ מאָנאַ ליזן דעם סוידעספולן שמייכל, ווייל אַלס מאָלער פילאָזאָף האָט אים ניט אינטערעסירט בלויז דער אוי־סערלעכער פּאַרצעף פון דעם געמאָלטן נאָר די טיפסטע טיפעניש פון דער נעשאָמע, וואָס זאָלן זיך אָפּשפּיגלען אָפן לייוונט. דער קייסער פראַנ־ציסקאָ דער ערשטער האָט באַצאָלט פאַר דער דזשיאָקאָנדאַ 4.000 גאָל־דענע פלאָרינס און היינט הייגט זי אין פּאַריז, אין לואוור. אין יאָר 1911

האָט מען זי צוגעגאַנוועט און פאַרקויפט אין פלאָרענץ, אָבער אין 1913 האָט מען דאָס בילד צוריקגעפונען און אומגעקערט קיין לוווער.

מיר קענען באַזונדערס לערנען לעאָנאַרדאָ פון פאָלגנדן פאַקט:

די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט איבערגעגעבן לעאָנאַרדאָן און, דעם מיט 20 יאָר אינגערן פון אים, מיקעל אַנדזשעלאָ אויסצומאָלן אַ מוסטער-בילד פון עפּעס אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון פלאָרענץ. האָט מיקעל אַנדזשעלאָ אויסגעמאָלט ווי פלאָרענטישע סאָלדאַטן באָדן זיך און בעאיים זיי זיינען אין טייך זאָגט מען זיי אַן אַז דער סוינע קומט. עס ווערט צווישן זיי אַ טומעל און געלויף, זיי כאַפּן זיך אָנטאָן אַפּשנעל. און מיקעל אַנדזשעלאָ האָט די געלעגנהייט צו ווייזן וואונדערלעכע קענטעניש אין אַנאַטאָמיע. דרייסיק עלאַסטישע קערפּערס פון די קריגער ווערן געוויזן אין פאַרשידענע פּאָזעס און באַוועגונגען. דאַקעגן לעאָנאַרדאָ, וועלכער האָט געהאַלטן אַז מילכאָמע איז אַ כאַיעשע ליידנשאַפט, האָט געשאַפן אין דעם פויפטן-זאַל פון דעם קלויסטער סאַנטאַ מאַריאַ נאָוועל זיין באַרימט בילד וואָס שטעלט פאָר די שלאַכט באַ אַנגיאַרי און דעם זיג פון די פלאָרענצער. לויט אַזעלכע איידעס ווי ראַפאַעל און אַנדערע, האָט דאָס בילד געזאָלט זיין איינס פון לעאָנאַרדאָס גרעסטע ווערק, ווי וואַזאַרי דערציילט האָט עס געוויזן די גאַנצע ווילדקייט און מעשוגאַעס פון מילכאָמע, אַלע גרוילן פון פּיין און ליידן, און קיין פּאַטריאַטיזם האָבן די פלאָרענצער פון דעם בילד ניט געקענט אויסלייענען; עס האָט בלויז אַרויסגערופן האַס צו מילכאָמע אין אַלגעמיין. עס איז געווען ווי אַן אָביעקטיווער פּראָטעסט — איז קיין כידעש ניט וואָס מיקעל אַנדזשעלאָס בילד, וואָס איז, אַגעוו, אין קינסטלערישן זין ניט געווען קלענער, בעסער געפעלן געוואָרן די פלאָרענצער.

ביידע מייסטערווערק זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען און מיר קענען פיל פּראָטים געוואויר ווערן וועגן די מאָלערישע אַספּעקטן פון דער שלאַכט אין לעאָנאַרדאָס „טראַקטאַט וועגן מאָלעריי".

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשים מאָלערישער זשעני איז אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק אין זיין „לעצעטער אוונט סעודע".

לויט דער עוואַנגעליע האָט יעזוס, זיצנדיק באַם טיש מיט זיינע טאַלמידים צום לעצטן מאָל, געזאָגט: „איינער פון אייך וועט מיר אַרויסגעבן". דער דראַמאַטישער מאָמענט האָט באַוואויגן ניט איין קינסטלער פאַר לעאָנאַרדאָן, אים פּרוּווון פאַרייביקן אַפן לייוונט, אָבער די העכסטע קינסטלערישע הויך האָט דערגרייכט לעאָנאַרדאָ. אַף אַ וואַנט פונעם עס-צימער אין מילאַנער קלויסטער סאַנטאַ מאַריאַ דעלע גראַציע האָט ער, נאָך יאָרן אַרבעט, אונדז געגעבן זיין יעזוס מיט די אַפּאָסטאָלן אין דעם מאָמענט ווען זיי ווערן דערשיטערט פונעם כשאַד. יעזוס, אין צענטר, און צוועלף טאַלמידים איינגעטיילט אין פיר גרופּעס, צו דריי. אַ באַזונדער אויסדרוק אַף יעדנס פּאָנים, אַ באַזונדער באַוועגונג אין יעדנס הענט און זשעסטן. דער פאַרעטערישער יודאַש, קערט אויס,

אין זיין צוטומלקייט, אַ זאַלץ-מעסטל און בויגט זיך איבער שעפּטשנדיק געמיין עפּעס צו זיין כאַווער אין אויער. היינט איז עס כּאַרעוו. בלויז עטלעכע פאַרב-פלעקן זיינען געבליבן דערפון. סאָלדאַטן וואָס זיינען אַמאָל, אין צייט פון מילכאָמע, אין דעם קלויסטער איינגעשטאַנען, האָבן אַף דעם געוואָרפן שטיינער, די גאַלאָכים האָבן, פאַרברייטערנדיק דעם דורכגאַנג דורך דער וואַנט, פאַרטשעפּעט יעזוסעס פיס און אייניקע אייווערים פון די אַפּאָסטאָלן. עס פעלט וויניק עס זאָל פון דעם גאָרניט בלייבן, אָבער עס געפינען זיך אַריבער צוואַנציק גוטע רעפּראָדוקציעס פון דעם בילד.

אינטערעסאַנט איז דער אַנעקדאָט וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם ווערק. לעאָנאַרדאָ האָט קריסטוסן געלאָזט ניט פאַרענדיקט, ווייל ער האָט ניט געפונען, ווי ער האָט געזאָגט, קיין גענוג פּערפעקטן קאָפּ וואָס זאָל פּאַסן פאַר דער פיגור, און ער האָט אויך אַף לאַנג איבערגעריסן די אַרבעט איידער ער האָט אויסגעמאָלט יודאַשעס קאָפּ. די גאַלאָכים האָבן אים דערקוטשעט און אָנגעקלאָגט פאַרן הערצאָג. דער לעצטער האָט אים געשיקט רופן. לעאָנאַרדאָ האָט געענטפערט אַז ער אַרבעט אַלע טאָג 2 שאָ אַף דעם בילד. איין גאַלעך האָט אים אָבער באַזונדער דערקוטשעט און האָט געזאָגט דעם הערצאָג אַז עס איז שוין אַריבער אַ יאָר אַז מען זעט לעאָנאַרדאָן ניט אין קלויסטער. דער הערצאָג האָט אים ווידער געשיקט רופן, און אַ צאָרנדיקער געפרעגט פאַרוואָס ער ענדיקט ניט אַרויס דאָס בילד. דאַן האָט אים לעאָנאַרדאָ געענטפערט: וואָס פאַרשטייען די גאַלאָכים אין מאַלעריי! עס איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך גיי קיין באָרגעטאָ (אַן אָרט אַזאַ וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן געמיינע ברואים און אויסוואורפן), און איך קען קיין פּאַסיקן קאָפּ פאַר יודאַשן, וואָס זאָל זיין דער סימוואָל פון פאַרברעכערישקייט און פאַראַט ניט געפינען, וועל איך סאַפּקאָלסאָף זיך באַנוצן מיט דעם גאַלעכס פּאַרצעף פאַר מיין יודאַש...

דער הערצאָג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און, פאַרשטייענדיק בעסער לעאָנאַרדאָן איידער די גאַלאָכים, האָט ער אים צורו געלאָזן.

עס איז אויך באַוואוסט אַז זעכצן יאָר האָט ער געאַרבעט אַף אַ רייטער סטאַטוע פון פראַנצעשסקאָ ספאָרצאַ, לודאָוויק מאָראָס פאָטער, וואָס איר מאָדעל האָט עקזיסטירט בלויז דריי יאָר און איז נאָכדעם, אין אַ מילכאָמע, פאַרניכטעט געוואָרן. ניט בלויז די סטאַטוע נאָר דער גרויסער ראָוו פון לעאָנאַרדאָס בילדער איז פאַרלאָרן געגאַנגען. צו אונדז זיינען דערגאַנגען ניט מער פון צען אויטענטישע בילדער זיינע. צווישן זיי איז באַרימט „די מאַדאָנע צווישן פעלזן", „די הייליקע אַנע" און אַנדערע.

ס'האָבן ניט געפעלט קיין מעשוגאָים וואָס האָבן אין דעם שיינעם סוידעסדיקן פּאָנים אויסגעלייענט סעקסועלע קרענקלעכקייט און... לעאָנאַרדאָס מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט. (זע צ. ב. דעם מיסטישן וואָלינסקים „דאַ ווינטשי". דער דאָזיקער רוס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וואו ער באַמיט זיך „אַראָפּצורייסן" לעאָנאַרדאָן.)

לעצטנס האָט מען אַנטדעקט אין מילאַנער קאַסטעלאָ ספאָרצעסקאָ, אַפּן צווייטן גאָרן דעם "Sala della Asse" אַ זאַל פון האָלצשניט, וואו די סטעליע איז לעאָנאַרדאָס אַ וואונדער ווערק. עס שטעלט פאָר ווי פון די קאָרניזן פון די פיר ווענט וואַקסן אַרויס פיל צווייגיקע בוימער וואָס פלעכטן זיך איבער מיט זייערע בלעטער איבער דער סטעליע און שאַפן ווי אַ מין געצעלט פון בלעטער דורך וועלכע עס לויכטן זיך שטיקלעך הימעל. בלויז ער וואָס האָט אַזוי פּערפעקט געקענט די סטרוקטור און דעם וואוקס פּראָצעס פון די פלאַנצונגען האָט געקענט שאַפן אַזאַ פלאַפאָן.

זיין זעלטן שיינע פיגור איז פול געווען מיט פרייד און לעבנסלוסט. ער פלעגט ליב האָבן אָפּצוטאָן שפּיצלעך זיינע שטובמענטשן, ווי צ. ב., ער האָט צוגעטראָכט אַזעלכע אַפּאַראַטן וואָס ער פלעגט אומבאַמערקט אונטערלייגן אונטער זייער צוקאָפּנס. באַנאַכט פלעגט עס זיי אין שלאָף אַראָפּוואַרפן פון די געלעגערס און אינדערפרי האָבן זיי מיט שרעק און ערנסט דערציילט לעאָנאַרדאָן וועגן די מוירעדיקע זאַכן וואָס ס'האָט מיט זיי פּאַסירט באַנאַכט און לעאָנאַרדאָ האָט מיט אַלע קויכעס זיך איינגעהאַלטן ניט צו לאַכן.

ווען לעאָנאַרדאָ האָט זיך גענומען ברענגען אין אָרדנונג זיינע מאַנוסקריפּטן, נאָטיצן און אויספאָרשונגען האָט ער זיך אַרומגעזען ווי ווייניק ער האָט דורכגעפירט פון דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט. מילאַן פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלן באַנד פון לעאָנאַרדאָס מאַנוסקריפּטן, וואָס איז פּילייכט דער ווייכטיקסטער, און ווערט אָנגערופן, איבער זיין גרויס „דער אַטלאַנטישער קאָדעקס". אַנדערע פערצן בענד קסאָווים געפינען זיך אין דעם „אינסטיטוט פון פּאַריז". און נאָך אַנדערע זיינען צעשפּרייט אין פאַרשידענע ענגלישע קאָלעקציעס — פון וועלכע די ווייכטיקסטע איז די פון דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין ווינדזאָר.

די אַלע קסאָווים ליגן נאָך אונטערן שטויב און בלויז אַ נישטיקע טייל איז פאַרעפנטלעכט און דערקלערט. פּילייכט האָט אַביסל געשטערט דאָס, וואָס לעאָנאַרדאָ האָט געשריבן פון רעכטס אָף לינקס. אייניקע זאָגן אַז ער האָט דאָס געטאָן, איינפאַך ווייל ער איז געווען אַ גלינקטער, ווי מען קען דאָס זען פון זיין רעטושירן אייניקע בילדער, וואָס איז געמאַכט פון רעכטס אָף לינקס — די לייכסטע זאַך פאַר אַ גלינקטן, און אַנדערע, ווידער, מאָטיווירן עס, מיט זיין ווילן אויסצובאַהאַלטן זיינע געדאַנקען און פלענער פון די שפּיאָנען וואָס האָבן געמוזט זוכן אַריינצוקוקן אין דער אינערלעכסטער וועלט פון אַזאַ ריז. ווי ס'זאָל ניט זיין ווייסט נאָך די וועלט ניט אַלץ וואָס דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדישער גאָען האָט געטראַכט און געפּלאַנט — פּילייכט האָט ער אויך איינשטיינס רעלאַטיוויטעט אָנגעטאַפּט ווי ער האָט דערשפּירט ניוטאָנס גראַוויטאַציאָנס געזעץ...

אָף די פינגער קען מען אָנציילן אין דער וועלט־געשיכטע די געוינים



לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי

וואָס מען קען פאַרגלייכן מיט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. ער איז געווען אויפריכטיק און גוט מיט אַלע מענטשן, אַ גוטער כאַווער און איבערגע־געבענער פריינט; איידל געווען צו זיין מוטער און פאָטער, האָט אויסגע־מיטן אָנצוגרייפן און האָט אָפט געליטן פונעם אָנגריף פון אַנדערע. אַזאַ איז געווען דער גרעסטער מייסטער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע. ער איז געשטאָרבן אין פראַנקרייך דעם 2־טן מאַי 1519, אַפן זיבן און זעכציקסטן יאָר פון זיין לעבן.

* * *

צו געבן אַ באַגריף וועגן לעאָנאַרדאָס אַרט שרייבן, זעץ איך איבער פאָלגנדן קורצן עסעי פון זיינע „נאָטיץ ביכער".

## וועגן לעבן און טויט.

אָ דו, שלאָפנדיקער, וואָס איז שלאָף? שלאָף איז אַן אָפּבילד פון טויט. אַך, פאַרוואָס זאָל דיין ווערק נישט זיין אַז נאָכן טויט זאָלסטו ווערן אַן אָפּבילד פון אומשטערבלעכקייט, ווי דו ווערסט אין שלאָף, ווען דו לעבסט, ענלעך צום אומגליקלעכן טויט.

יעדער שלעכטס לאָזט אַ צאַער אין זיכּאָרן אויסער דעם העכסטן שלעכטס — טויט, טויט צושטערט דעם זיכּאָרן צוזאַמען מיטן לעבן.

ווי אַ גוט אויסגענוצטער טאָג ברענגט פריידיקן שלאָף, אַזוי ברענגט אַ גוט פאַרבראַכטע לעבן פריידיקן טויט.

ווערנד איך האָב געמיינט, אַז איך האָב געלערנט ווי אַזוי צו לעבן, האָבן איך בלויז געלערנט ווי אַזוי צו שטאַרבן.

די צייט אין איר פליען שלייכט זיך דורך אומבאַמערקט און נאַרט אַלעמען; קיין זאַך איז נישט מער פאַרגענגלעך ווי די יאָרן, אָבער דער וואָס זייט טוגנט שניידט אַכטונג.

אייזן זשאַווערט ווען מ'נוצט עס ניט; שטייענדיק וואַסער פאַרלירט זיין לויטערקייט און אין אַ קאַלטן וועטער פרירט עס; אַזוי גראָבט אונ־טער ליידיקגיין דעם קויעך פון גייסט.

אַ לעבן וואָס ווערט גוט פאַרבראַכט איז לאַנג.

אין די טייכן איז דאָס וואַסער, וואָס דו רירסט אָן דאָס לעצטע פון דעם וואָס איז אַוועק און דאָס ערשטע פון דעם וואָס קומט: דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן דער קעגנוואַרטיקער צייט.

אומגערעכט באַקלאָגן זיך די מענטשן אַף דעם לויף פון דער צייט, באַשולדיקנדיק איר אין גרויסער שנעלקייט; זיי באַגרייפן נישט, אַז דער פּעריאָד, וואָס ווערט זיי צוגעטיילט איז גענוג; אָבער דער גוטער זיכּאָרן מיט וועלכן די נאַטור האָט אונדז באַשאָנקען מאַכט אַז יעדע זאַך וואָס איז שוין לאַנג צוריק אַוועק זאָל אויסזען קעגנוואַרט.

אונדזער פאַרשטאַנד באַנעמט ניט זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט אין פאַרשידענע צייט־פּעריאָדן אין זייער עקזאַקטער און געהעריקער אָרדע־

נונג; ווייל פיל זאַכן, וועלכע זיינען געשעען מיט פיל יאָרן צוריק וועלן אויסזען גלייך זיי האָבן אַ נאָענטע שייכעס צו דער קעגנוואַרט, און פיל זאַכן, וואָס זיינען פריש וועלן אויסזען אַלט, פירנדיק צוריק צו אונדזער ווייטער יוגנט. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט אונדזער אויג: ווייטע זאַכן, זעען אויס נאָענט ווען עס באַלויכט זיי די זון, בעאיים פיל נאָענטע זאַכן זעען אויס ווייט פאַרן אויג.

אָ, צייט, דו וואָס פאַרצערסט אַלע זאַכן: אָ, דו, נישט פאַרגינערן, וואָס צושטערסט אַלץ, און פרעסט אויף אַלץ מיט די שטאַרקע ציין פון די יאָרן, טויטנדיק פּאַמעלעך!

העלענע האָט געוויינט ווען זי האָט אַ קוק געטון אין איר שפּיגל און האָט דערזען די פאַרוועלקטע קנייטשן, וואָס די אַלטע צייט האָט געמאַכט אַף איר פּאָנים; זי האָט זיך געכידעשט פאַרוואָס מען האָט איר צוויי מאָל צוגעכאַפּט.

אָ, צייט, דו וואָס פאַרצערסט אַלץ! אָ, דו נישט־פאַרגינערן, דורך וועלכער אַלץ ווערט געשטערט!



# מיקעלאַנדזשעלאָ בּואָנאַראָטי

מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף ניט ווייט פון פלאָרענץ; ניט ווייט פון דער שטאָט וואו ס'איז געבוירן געוואָרן דאַנטע, דער מעכאַבער פון דער „געטלעכער קאָמעדיע", וועמען ער האָט אַזוי פאַרערט, אַז ער האָט אים געהאַלטן פאַרן גרעסטן מענטשן אין דער וועלט, און, ניט ווייט פונעם שטעטל וואו „דער צוויבערער פונעם רענעסאַנס" לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז געבוירן געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר פאַר אים.

זיין ניינצן-יעריקע מוטער האָט אים איבערגעגעבן אַן אַם, אַ פרוי פון אַ שטיינהאַקער, און ווי מיט דער מילך פון דער אַם האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט די גוואורע פון אַ פעלז.

זיין פאָטער לודאָוויקאָ סימאָנע בואָנאַראָטי, אַליין אַן אָפּגעקומענער פּאַרעץ, וואָס האָט בלויז געשטאָלצירט מיט איכעס פון זיינע טויטע עלטערן, האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אַפן זון. ער האָט געכאָלעמט אים צו זען אַ גענעראַל, אָדער אַן אָנגעזעענעם מעלוכע באַאַמטן. שטענדיק פלעגט ער דעם קליינעם זון זיינעם לערנען ווי ער זאָל ציען די הוט און באַגריסן דאָס מיליטער, וואָס האָט אָפט פאַרביימאַרשירט זייער הויז. דאָס קינד אָבער פלעגט ניט פאָלגן דעם טאַטן. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס פאַרטוך און איבערגעקרימט די אָפיצירן און מיליטער-שעפן. איינמאָל האָט אים דער פאָטער געזאָגט ער זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט זיין צורע ווי זי איז, און ער זאָל זיך ניט פאַרקרימען, ווייל ער וועט אַמאָל אָנטרעפן אַף זיינעם וועט מען אים אַף אַן עמעס פאַרקרימען דאָס פּאָנים...

די דאָזיקע בייזע נעוויעס פון זיין טאַטן איז מעקויעם געוואָרן. ווען ער האָט שוין געשטודירט מאָלעריי אין דעם בראַנקאַטשי-קלויסטער וואו דער גרעסטער ראָוו פלאָרענטינער מאָלער האָבן געקראָגן זייער ערשטע מאָלערישע אויסבילדונג צו יענער צייט, האָט ער זיך עפּעס געפונען מיט איינעם אַ מיטשילער טאָרידזשיאַנאָ, וועלכער האָט אים אַ זעץ געטון אין דער נאָז אַריין און איר צעבראָכן. טאָרידזשיאַנאָס קינע-סינע האָט אַף אייביק געלאָזט איר צייכן אַף מיקעלאַנדזשעלאָס פּאָנים.

ווען ער איז אַלט געוועזן צוועלף יאָר האָט דער פאָטער באַמערקט ווי זיין זון ווערט פאַרפאַלן שאָען לאַנג אין די קלויסטערס, וואו ער פאַרברענגט מיט די מאָלער און סקולפּטאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער דערעך איז אים גאָרניט געפעלן געוואָרן. לודאָוויקאָ בואָנאַראָטי האָט געהאַלטן מאָלער און סקולפּטאָרן פאַר אַ פיל נידעריקערן מין מענטשן איידער גענעראַלן און מעלוכע באַאַמטע. און ער האָט גענומען אָפּגעוויינען זיין זון פון מאָלן אַף די ווענט און פון שניצן, מיט קלעפּ און סטוסאַקעס. די מוטער האָט רעזיגנירט און געטיינעט: אויב אונדזער קינד טויג נאָר פאַר אַ מאָלער און סקולפּטאָר טאָ לאָמיר אים זען מאַכן אַ גוטן מאָלער!

מיקעלאַנדזשעלאָ איז געוואָרן אַן אַריינגייער צום באַרימטן גירלאַנ-

דאַיאָ אין אַטעליע. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט ביז דער דאָזיקער מייסטער האָט אָפּגעשאַצט די געווינישע פֿעיִקייטן פֿון זיין יונגן פֿאַרערער.

געוויינלעך צאָלן עלטערן די מאָלער זיי זאָלן לערנען זייערע קינדער, אין דעם פֿאַל אָבער איז עס געווען פֿאַרקערט. גירלאַנדאַיאָ האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט לודאָוויקע בואָנאַראָטי און אים געבעטן ער זאָל איבערגעבן אין זיין רעשוס זיין זון. דער פֿאָטער האָט געצעגערט און גירלאַנדאַיאָ האָט אים פֿאָרגעלעגט אַ סומע געלט, ערשט דאַן האָט לודאָוויקע בואָנאַראָטי נאָכגעגעבן און פֿאַרקאָנטראַקטירט דעם זון אַף דריי יאָר. מיקעלאַנדזשעלאָ איז דאַן אַלט געווען פֿערצן יאָר.

דער דאָזיקער נאָבעלער מייסטער האָט אַריינגעפֿירט מיקעלאַנדזשעלאָן אין פּאַלאַץ פֿון לאָרענצאָ מעדיטשי, וואו ס'האָבן אין די גערטנער געאַרבעט באַ אַ הונדערט באַגאַבטע יונגעלייט. דאָרט האָט ער, אויסער די גריכישע אַלטע סטאַטוען, וועלכע ער האָט געקאָפּירט, אויך געקענט הערן לעקציעס איבער פּלאַטאָניזם. לאָרענצאָ האָט אים באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד, אָבער ווען מיקעלאַנדזשעלאָ איז אַלט געוואָרן 18 יאָר איז לאָרענצאָ געשטאָרבן.

לאָרענצאָס זון פּיעראָ מעדיצי איז געווען אַ קנאַפּער שעצער פֿון קונסט און אויך ווייניקער פֿיינפֿילנד פֿון זיין פֿאָטער.

איינמאָל איז אין פֿלאָרענץ אויסגעפֿאַלן אַ שניי — אַ זעלטענע דערשיינונג אין יענע מעקוימעס — האָט פּיעראָ איינגעלאַדן גוטע פֿריינט אין זיינע גערטנער. צווישן זיי איז אויך געווען מיקעלאַנדזשעלאָ. פּיעראָ האָט אים געבעטן מאַכן אַ סטאַטוע פֿון שניי אָבער אַף גיך, ער מיט זיינע געסט זאָלן ניט דאַרפֿן וואַרטן אין דער קעלט אַ גאַנצן טאָג. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געמאַכט אַ סאַטיר וועלכער איז אַזוי ענלעך געווען צו פּיעראָן אַז די געסט זיינען שיר ניט צעזעצט געוואָרן פֿון געלעכטער. „גענוג”! האָט אויסגערופֿן פּיעראָ, „איר, אַזוי ווי גאָט, מאַכט זאַכן אין אייער אייגענעם געשטאַלט”... אייניקע פֿון דער קאָמפּאַניע האָבן אים צוגעוואָרפֿן עטלעכע מאַטבייעס אָבער ער האָט זיי געלאָזט ליגן דאָרט וואו זיי זיינען געפֿאַלן.

באַלד נאָכדעם האָט מען די מעדיטשיס אַרויסגעטריבן פֿון פֿלאָרענץ און מיקעלאַנדזשעלאָ איז געקומען קיין באָלאָניע אָן אַ סענט. דאָרט האָט ער נויסע כיין געווען באַ אַן אָנגעזעענעם מאָלער. אַדאַנק אים איז ער אַריינגעפֿירט געוואָרן אין דער באָלאָנער קולטור־סוויווע, וואו ער האָט געשעפּט מוט און באַגייסטערונג פֿאַר זיין ווייטערדיקער אַרבעט. דאָרט האָט ער אויך געשאַפֿן זיין באַרימטן קופּיד (אַ סטאַטוע פֿונעם גאָט פֿון ליבע), וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿאַר אַן אַלט גריכישער אַרבעט.

אָבער זיין שטאַרקסטע שטרעבונג איז געווען צו קומען קיין רוים, און אַדאַנק דעם קאַרדינאַל סאַן דזשיאָרדזשיאָ איז ער אַהין גערופֿן געוואָרן. זיין ערשטע אַרבעט אין רוים איז געווען אַ סטאַטוע פֿונעם וויין־גאָט באַקכוס, אָבער וואָס האָט באַזונדער גרויס געמאַכט זיין רעפּוטאַציע אַלס עסקולפּטאָר איז די סטאַטוע „פּיעטאַ”, ראַכמים, וואָס שטעלט פֿאַר דעם

דערמאַרדעטן יעזוסן אַף די קני פון זיין מאַמען, אַ קורצע ווײַלע נאָכדעם ווי ער איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון צײַלעם. דער הילפסלאָזער יעזוס, וואָס איז בלויז כוימער נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהויכט זיין נעשאָמע אַפן צײַלעם, און די אַראָפּגעהאַנגענע הענט און פיס; דער בלוטיקער צאַער אין די אויגן פון זיין מאַמען און איר אונטערהויבן זיין לינקע פאַרוואונדעטע האַנט, ווי שטום פרעגנד פאַרוואָס קומט עס אים? בלייבט לאַנג פאַר די אויגן, און ווירקט דערשיטערנד. מ׳קען זיך לייכט פאָרשטעלן ווי אַזאַ ווערק האָט באַאיינפלוסט די פינצטערע רעליגיעזע האַמוינים פון צוריק מיט פיר הונדערט יאָר.

מ׳דערציילט אַז אין דעם טאָג, וואָס די סטאַטוע איז צוערשט אויפגעדעקט געוואָרן איז גאַנץ רוים אַוועק אין קלויסטער וואו זי איז געשטאַנען. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט מיקעלאַנדזשעלאָ געהערט ווי צוויי געלערנטע לייט לויבן שטאַרק דאָס ווערק, אָבער איינער האָט באַהויפּטעט אַז ס׳איז די אַרבעט פון דעם באַלאָנער מייסטער, וועלכער האָט אים פּראָטעזשירט, איז ער באַנאַכט אַריין אין קלויסטער מיט אַ לאַמטערנע, און אין דער טויטער שטילקייט האָט ער בײַ דער שוואַכער שיין פון דער לאַמטערנע אויסגעקריצט זיין נאָמען אין גאַרטל פון דער מאַדאָנע. מער פלעגט ער קיינמאָל ניט באַסמענען זיינע ווערק ווייל זיין „אַרבעט איז ניט ענלעך צו עמיצן אַנדערש — און קיין מיוון ועט קיין טאָעס ניט האָבן”, — האָט מען טאַקע אַסאַך נאָכגעמאַכט און פאַלסיפיצירט...

„פּערזענלעכקייט איז אַ באַליידיקונג”, זאָגט איינער פון זיינע פיל ביאָגראַפן, און די פיגמייען פון זיין צייט האָבן אינטריגירט קעגן אים. ס׳איז אים ענג געוואָרן אין רוים און דערחייל האָבן אים די פלאָרענטינער גערופן.

אַ פלאָרענטינער סקולפּטאָר אַגאָסטינאָ ד׳אַנטאָניאָ האָט מיט פערציק יאָר פאַר מיקעלאַנדזשעלאָן אויסגעהאַקט אַ שטיק מערמלשטיין מיט דער קאַוואָנע דערפון עפּעס צו מאַכן. ער האָט עס אָבער בלויז איבערגעפירט און ס׳איז געבליבן ליגן איינגעזונקען אין דער ערד, לעבן די טויערן פון שטאָט. האָט מען גערופן מיקעלאַנדזשעלאָ ער זאָל זאָגן צי קען מען נאָך דערפון עפּעס שאַפן.

בײַ צוויי יאָר האָט מיקעלאַנדזשעלאָ אָפּגעאַרבעט איבער דעם שטיין און פאַר דער וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ קאָלאָסאַל ווערק; אַן אומשטערבלעכע סימפאָניע אין מערמלשטיין — דאַוויד האַמיילעך.

דער יוגנטלעכער דאַוויד קוקט געשפּאַנט ערגעץ ווייט וואו ס׳מוז זיך געפינען דער אומזיכטבאַרער פאַר אונדז גאַליאַס. די ברעמען זיינען צונויפגעצויגן און דער בליק איז אַ קאָנצענטרירטער, טיפער, קאַלטער און קלוגער; זיין רעכטע האַנט האַלט פאַרקלעמט דעם שטיין, גרייט צום שלײַדערן. ווען די נאַטור זאָל פיזיש שאַפן אַזוי רעוואָלוציאָנערע קעמפער ווי זי שאַפט זיי גייסטיק, וואָלטן זיי זיכער אויסגעזען ווי מיקעלאַנדזשעלאָס „דאָוויד”.

אינטערעסאַנט איז פאָלגנדער אַנעקדאָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווערק. ווען מיקעלאַנדזשעלאָ האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער צווישן אַנדערע, איינגעלאַדן אויך זיין אינטימען פריינט, דעם הערשער פון פלאָרענץ, סאָדעריני; פרעגנדיק זיין מיינונג, האָט אים סאָדעריני געענטפערט, אַז די אַרבעט געפעלט אים, נאָר... די נאָז איז אַביסל צו גרוים. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אומבאַמערקטערהייד אַנגענומען אַ הויפן מיט זאַמד און שטיינדעלעך, איז גלייך אַרויף אַף דעם לייטער ביזן סאַמע שפּיץ פון „דאַווידן", האָט אויפגעהויבן דעם האַמער און קלוימערשט ווי געקלאַפּט, אַרויסלאָזנדיק בעשאַס מייסע דורך די פינגער די שטיינדעלעך מיטן זאַמד; באַלד איז ער אַראָפּ, ווענדנדיק זיך צו זיין פריינט: נו אַצינד, וואָס זאָגסטו? — גרויסאַרטיק, אַצינד איז די נאָז ווי ס'באַדאַרף צו זיין, — איז געווען דער ענטפער...

אַזוי קלוג האָט ער געוואוסט ווי צופרידענשטעלן אַ הערשער און אַ פריינט.

ווען די פלאָרענטינער האָבן דערזען די סטאַטוע איז צו זייער פרייד ניט געווען קיין גרעניץ. מ'האָט צונויפגערופן אַלע אָנגעזעענסטע מאָלער, סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטן (צווישן זיי איז אויך געווען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי) און זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג וואו איר אוועקצושטעלן. אין פאַרלויף פון 369 יאָר איז זי געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און האָט אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס פון דער צייט ביז 1873 ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן איר אוועקצושטעלן אונטער אַ דאַך.

דאָס פאָלק האָט „דאַווידן" אַ נאָמען געגעבן „דער ריז", און זיין אַטלעטישע קאָלאָסאַלע פיגור מאַכט ווירקלעך דעם איינדרוק פון אַ ריז.

קורץ נאָכן פאַרענדיקן דאַווידן און אַנדערע קלענערע אַרבעטן איז ער צוזאַמען מיט לעאָנאַרדאָן באַאויפטראָגט געוואָרן צו דעקאָרירן יעדער אַ וואַנט פון דער שטאָט-ראַט געביידע. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געשאַפן די שלאַכט בא אַנגיאַרי, וואו ער שילדערט קריגער וואָס ווערן אַלאַרמירט בעייסן באָדן זיך אין אַרנאָ טייך. בא דער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגעוויזן זיינע גרינטלעכע קענטעניש אין אַנאַטאָמיע. און לעאָנאַרדאָ האָט געשאַפן זיין קאַמף איבער דער פאָן. ווענןביידע בילדער זע אויבן „לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי".

דער דעמולטיקער פּויבסט יוליוס דער צווייטער, וואָס האָט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ קריגער איידער פּויבסט, האָט פאַרטראַכט זיך אויסצובויען אַ דריישטאָקיגן קייווער מיט אַ דרייסיק סטאַטועז וואָס זאָל מיט זיין גלאַנץ, פּראַכט און גראַנדיאָזיטעט איבערשטייגן אַלע מאַוזאָלייען, וואָס זיינען ביז דאַן אויפגעשטעלט געוואָרן — אַ מין מיטלעלטערלעכע פּיראַמידע אין רוימיש-גריכישן סטיל. האָט ער נאָכדעם ווי ער איז דערוויילט געוואָרן, אין 1503, גערופן פון פלאָרענץ מיקעלאַנדזשעלאָן, און אים באַאויפטראַגט אויסצובויען דעם קייווער. פאַר דעם צוועק איז ער אוועקגעפאָרן קיין קאַראַראַ און האָט אַנגעהאַקט 84 וועגענער מערמל-

שטיין, האָט געשאַפן אַ פּלאַן און זיך גענומען צו דער אַרבעט. יוליוס איז אָבער בעטעווע געווען אומגעדולדיק; ער האָט געוואָלט אַז מיים־טערווערק זאָלן געשאַפן ווערן אַפן מאָמענט. אויסער דעם איז ער געווען אַ קאַמצן, האָט ניט אויסגעצאָלט דאָס נויטיקע געלט, און דערצו האָט דער באַרימטער וואַטיקאַן־אַרכיטעקט בראַמאַנטע, אויס קינע, אינטריגירט קעגן מיקעלאַנדזשעלאָ. די אַלע סיבעס האָבן געפירט דערצו אַז דער פּויבסט זאָל וואָס ווייטער אַלץ מער באַשרענקען זיינע הויצאָעס, און איינמאָל ווען מיקעלאַנדזשעלאָ איז געקומען נאָך געלט האָט מען אים פּאָשעט אַרויסגעטריבן. דאַן האָט ער איבערגעלאָזט די אַרבעט און איז אַנטלאָפן צוריק קיין פלאָרענץ. דער פּויבסט האָט אים געשיקט ברענגען מיט געוואַלד. ער האָט געדראָעט, געבעטן, אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. דער באַליידיקטער זשעני האָט ניט געוואָלט צוריקקומען. דערווייל איז אויך דעם פּויבסט פּאַרלאַנג צו פּאַרענדיקן זיין קייווער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער האָט פּאַרטראַכט עפּעס אַנדערש.

אָבער איידער מיר גייען איבער צום גרעסטן, צום וויכטיקסטן לעבנסווערק מיקעלאַנדזשעלאָס, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן בא זיין „מוישע" — די איינציקע פּאַרענדיקטע גרויסע אַרבעט פונעם ניט אויפגעבויטן פּויבסטלעכן מאַוזאָליי.

דער סקולפּטאָר האָט אויסגעדריקט אין שטיין דעם מאָמענט ווען מוישע ווערט געוואויר אַז זיין פאָלק איז אַראָפּ פון וועג, און בוקט זיך צום קאָלב.

מוישע זיצט נאָך; אונטערן אָרעם האַלט ער די לוכעס; די פינגער פון דער רעכטער האַנט וואָס זיינען אַריינגעשטעקט אין זיין אויסערגעוויינלעך לאַנגער געקרייזלטער באָרד, הויבן זיך אָן נערוועז צו רירן — אָט וועלן זיי, דאַכט זיך, פּאַרמאַכט ווערן אין אַ פויסט. אין די אויגן ריקט זיך אָן אַ שטורעם און אינגאַנצן איז ער איבערנאַטירלעכע גוואורע. אָט באַלד וועט מוישע אויפשטיין; ער וועט נעמען שטורמען אַז הימל און ערד וועלן אויפגעציטערט ווערן!

דאָס וואָס מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אָנשטאָט שטראַלן געמאַכט אויף מוישעס קאָפּ הערנערלעך באַווייזט אַז ער האָט דעם „כי קרן עור פני משה" געטייטשט ניט געשטראַלט, נאָר אויסגעדריקט גוואורע.

נאָך לאַנגע פּאַרהאַנדלונגען צווישן דעם פּויבסט און מיקעלאַנדזשעלאָ, נאָכדעם ווי עס זיינען אים געגעבן געוואָרן די פּאַרלאַנגטע גאָראַנטיעס האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוים.

מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געוואָלט פּאַרענדיקן דעם קייווער, אָבער דער פּויבסט האָט אים באַאויפטראָגט צו באַמאָלן די סטעליע פון דער סיקסטינער קאַפּעלע. מ'האָט געשמועסט אַז דאָס איז געווען די פּרוכט פון בראַמאַנטע דע אורבינאָס, דעם אויבנדערמאָנטן אַרכיטעקטאָרס, אינטריגעס. בראַמאַנטע איז געווען זיכער, אַז מיקעלאַנדזשעלאָ וועט מיט דער אַרבעט דורכפאַלן, ווייל אין מאָלעריי האָט ער אים געהאַלטן שוואַכער,

אײדער אין סקולפּטור. אינטערעסאַנט איז װאָס מיקעלאַנדזשעלאָ אַלײן האָט ניט גערן אָנגענומען דעם אָנבאָט. ער האָט אױך געזאָגט דעם פּױבסט, אַז זײנע אױגן דינען אים ניט און מיטן פּענזל און פֿאַרבן װײסט ער ניט צי װעט עס אַזױ אַרױסקומען װי װען ער אַרבעט מיט דער דלאָטע. מיט אײן װאָרט, ער האָט זיך געזוכט אַרױסצודרײען, אָבער ס'האָט אים ניט געהאָלפֿן — אינעם ציקל פֿון זײנע שאַפֿונגען האָט געפֿעלט די גרעסטע קינסטלערישע דערגרײכונג צו װעלכער אײן אײנציקער מענטש האָט װען עס איז זיך דערהױבן, און דער אָנבאָט איז אָנגענומען געװאָרן.

פֿאַר אים האָבן גירלאַנדאַיאָ, באָטיטשעלי, לוקאַ סיניאָרעלי, פּערודזשינאָ און אַנדערע באַמאָלן די װענט פֿון דער קאַפּעלע, אָבער די סטעליע װאָס פֿאַרנעמט צען טױזנט קװאַדראַט פֿוס איז איבערגעגעבן געװאָרן מיקעלאַנדזשעלאָן אַלײן. עס הײסט, ס'איז אים ניט פֿאַרבאָטן געװאָרן זיך נעמען צו הילף אױך אַנדערע קינסטלער; און טכילעס האָט ער טאַקע אַזױ געטאָן. ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדױערט און די אַלע קינסטלער מיטהעלפֿער האָבן זיך אַרױסגעװיזן פֿאַר מיטלמעסיקײטן אין פֿאַרגלײך מיטן גײסטרײכן פּלאַן פֿון זײן קינסטלערישער קאָנצעפּציע. ער האָט זײ אַלע מעשאַלײעך געװען, אָפּגעװישט זײער אַרבעט, האָט אױפֿגעשטעלט רעשטאָװאַניעס, האָט זיך פֿאַרשלאָסן און אײנער אַלײן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען. עסן פֿלעגט מען אים דערלאַנגען אַרױף; מיט אַ שטריק האָט ער עס אַרױפֿגעצױגן, און אָפֿט פֿלעגט ער בלײבן אױך שלאָפֿן אין די קלײדער אַף דער רעשטאָװאַניע. און נאָכדעם װי ער האָט אָפּגעאַרבעט דאָס ערשטע יאָר, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, ליגנדיק אַף דער פּלײצע מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ, האָט דער פּױפּסט געפֿאָדערט מיקעלאַנדזשעלאָ זאָל אים װײזן די אָפּגעטוענע אַרבעט. ער האָט אױפֿגעשלאָגן אַ טײל פֿון דער רעשטאָװאַניע און דער רױשעם װאָס די פּרעכטיקע געשטאַלטן האָבן געמאַכט אַפֿן פּױבסט, איז געװען אַזױ גרױס, אַז ער האָט אָנגעהױבן טאַנצן פֿאַר פֿרײד. זעקס און פֿופֿציק כאַדאָשים האָט מיקעלאַנדזשעלאָ אָפּגעאַרבעט און האָט אָנגעפֿילט די סטעליע מיט דרײהונדערט דרײ און פֿערציק װאונדערלעכע פֿיגורן אין פֿאַרשידענע פּאָזעס און באַװעגונגען, װאָס שטעלן פֿאָר די מײסעס פֿון כומעש פֿון אָדאָם האָרישן ביז נאָכן מאַבל.

גאַנצע ביכער זענען װעגן דער סטעליע אָנגעשריבן געװאָרן. און װיפֿל מ'זאָל ניט שרײבן, רײדן און באַװאונדערן די אַרבעט איז, דאַכט זיך, אַלץ װײניק. זיבעציק מעטער איז פֿון דער סטעליע ביזן גרונט; מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געאַרבעט אַ פּאָר מעטער פֿון איר און אין געדאַנק האָט ער באַדאַרפֿט האָבן דעם עפֿעקט, װאָס די אַרבעט דאַרף מאַכן אַפֿן צושױער אונטן. װער ס'האָט בלױז געזען די רעפּראָדוקציעס, קען זיך שאַפֿן אַ גענוגענדע פֿאָרשטעלונג. אָט, צ. ב., דאָס באַשאַפֿן אָדעמען: שװעבט אַרום אין רױם דער גרײז גרױער גאָט; אין זײן מאַנטל שיצן זיך יונגע נעפֿאַשעס, און אָט האָט ער מיטן ריר פֿון זײן פֿינגער באַשאַפֿן אָדעמען,

וואָס איז ענלעך צו אים. אַדער אָט זיצט ירמיה, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, פאַרזונקען אין זיין וועלט, זיין רעכטע האַנט פאַרדעקט דאָס מויל — פאַרשטומט איז דער נאָווי; ווער דאַרף זיין וואָרט: דער כורבן איז געקומען און ער האָט ניט געקענט העלפן אים אויסמיידן. וויפל איעש און טרויער עס ווייעט פון דעם בילד!

פיר הונדערט יאָר רופט אַרויס דאָס וואונדערווערק די באַגייסטערונג פון אַלע קולטור מענטשן. קיינער האָט פריער אַזאַ ווערק ניט געשאַפן און נאָך אים ביז היינט.

פון דער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג און דעם אַרבעטן מיטן פּנים אַרויף, האָט דער מייסטער אַ צייט ניט געקענט האַלטן גלייך דעם קאָפּ נאָר אויפגעהויבן צו די הימלען. ער פלעגט זאָגן אַז זיין לעבן האָט ער געאָפּפערט אַף דער סיקסטינער סטעליע.

אַזוי איז מאָלעריי, וואָס איז אים אָפט געווען דערווידער, געוואָרן זיין העכסטער באַרוף און האָט אים פאַרשאַפט אומשטערבלעכן רום.

ער האָט אויך געשאַפן אַ מאַוזאָליי פאַרן קייוער פון לאָרענצאָ מעדיטשי. די אימפּאָזאַנטע זיצנדיקע פיגור פון לאָרענצאָ, מיט איר מאַיעסטעטישקייט און זעלבסטווירדע רופט אַרויס רעספּעקט. עס באַצירן דעם קייווער נאָך צוויי פיגורן — אַ פרוי, וואָס שטעלט פאָר דעם פרימאָרגן (אַוואָרע) און אַ מאַן וואָס סימוואָליזירט די נאַכט. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אויך געשאַפן אַ בראָנזענע סטאַטוע פונעם פּויבסט יוליוס דעם צווייטן, וואָס האָט אים פאַרגעשטעלט אין זיין גאַנצן הייליקן מונדיר מיט די שליסלען פון גאַניידן אין איין האַנט און די צווייטע אויפגעהויבן צו בענטשן. פּופּצן כאַדאָשים האָט ער אַף איר אָפּגעאַרבעט און האָט פאַרדינט פון דער אַרבעט פיר דוקאַטן. מ'זאָגט אַז ס'איז געווען אַ יויפי, אין קינסטלערישן זין, נאָך שטאַרקער פון מוישען, האָט מען איר איבערגעשמאָלצן אַף אַ קאַנאָן...

איך אַן אינזשעניר איז ער געווען דער דאָזיקער גיגאַנט. איינמאָל דאַכט מיר, אין יאָר 1527, ווען ער האָט געאַרבעט אין רוים אַף דער סטעליע איז אים אָנגעקומען אַ יעדיע אַז פלאָרענץ איז באַדראָט פון די בורבאָנען, האָט ער איבערגעלאָזט די אַרבעט, איז אַוועק אַהין, האָט אויפגעשטעלט באַריקאַדן און פאַרטיידיקט די שטאָט 9 כאַדאָשים. אַ פאַרעטער האָט אָנגעוויזן די סאָנים דורכוואַנען זיך אַריינצורייסן, איז די שטאָט געפאַלן און מיקעלאַנדזשעלאָ איז אַנטלאָפן.

אין מעשעך פון זיין גאַנץ לאַנג לעבן איז ער געווען פאַר דער וועלט פאַרשלאָסן; ער האָט זיך באַהאַלטן פון די נייגעריקע אויגן פון די געמיינע פּראָפּאַנען און אינטריגירנדע ריוואַלן אונטערן רעגן שטיינשפּליטער, וואָס האָט געשפּריצט פון אונטער זיין סקולפּטור דלאָטע. אים איז באַשערט געווען אַריינצוהויכן לעבן און אָנצופילן מיט פאַרבן די עפּאָכע פון פּאַראַזיטן און אויסוואָורפן מער ווי אַנדערע קינסטלער פון זיין צייט.

אין פּערזענלעכן לעבן האָט ער זיך באַגנוגנט מיטן קלענסטן, ער האָט

געלעבט אַליין און איז געמיין אויסגענוצט געוואָרן פון זיין פאָטער און ברודער. אין די עלטערע יאָרן, שוין בא אַ פּאָר און זעכציק, האָט ער זיך פאַרליבט פּלאַטאָניש אין אַן אַלמאָנע, וויטאָריע קאָלאָנע, און אַדאַנק דער „ליבע" האָבן מיר זיינע סאָנעטן, וואָס צייגן אים אַלס פּאָעט ניט קלע־נער פון דעם סאָנעטן דיכטער שעקספּיר.

אפן שוועל פון זיין ניינציקסטן יאָר איז ער אוועק אהין פון וואַנען ער איז געקומען. זיינע ווערק דערציילן פון לעבן, גוואורע און פּראַכט. דער זעלבער קויעך וואָס האָט אַרויסגערופן מיט דרייהונדערט יאָר שפּע־טער, די דונערנדע אַקאָרדן פון בעטהאָוונס סטיכישע סימפאָניעס, האָט געפורעמט די געשטאַלטן פון מיקעלאַנדזשעלאָס האַרמאָנישער סימע־טריע.

יאָ, געוויס האָבן זיי אַ שייכעס איינער צום אַנדערן, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער איניען.

# רעמבראַנדט וואַן ריין

האָלאַנד לעבט אין יאַמס רעשוס; האָלאַנד האָט פאַרטריבן דעם יאַם פון זיינער אַ פּראָווינץ און האָט זיך אַרומגעבויט מיט פעסטונגען קעגן אים. זי האָט אויפגעבויט דאַמבעס און אָנגעשיט זאַמד-בערגלעך בײַ די ברעגן פון אירע פלאַך-לענדער — וואַרפט ער זיך דער יאַם, דער בייזער און ברומט; פּראָטעסטירט ער מיט שוימיקן צאָרן, שלאָגט זיינע כוואַ-ליעס און דראָעט צו פאַרפלייצן, ווידערצודעראָבערן זיין פאַרלאָרענע טעריטאָריע.

אָבער דאָס פאָלק וואָס האָט זיך אַף דער טעריטאָריע באַזעצט לאַכט פון אים, פון דעם אַלטן גרייז דעם יאַם. די האָלענדער האָבן אויפגע-שטעלט אַ דאַמבע און ניט ווייט איז געוואָרן אַ שטאָט, אויסגעבויט אַ דאַמבע און לעבן איר איז אויסגעוואַקסן נאָך אַ שטאָט. אַזוי איז אין יאָר **1257** אויסגעבויט געוואָרן די דאַמבע פון אַמסטעל, וואָס איז געוואָרן די מאַמע פון אַמסטערדאַם, אַזוי ווי די דאַמבע פון יע (Ye) האָט געבוירן די שטאָט עדאַם, און אַזוי ווייטער.

און גרויס זיינען די שטעט פון האָלאַנד און באַרימט. אַמסטערדאַם דערמאָנט אַ סאַך דעם אידישן מענטשן. דידאָזיקע שטאָט וואו אידן האָבן געפונען שוץ און רו נאָכן שפּאַנישן גייערעש. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָ-נען אין שפּינאָזאַן עס זאָל אויפשטיין פאַר די אויגן אַ גאַנצע גאַלעריע אידישע היסטאָרישע פיגורן ווי ר' מענאַשע בען איסראַעל, ר' איצכאַק אבוהב, ר' שאול מאָרטייראָ, און די גאַנצע אַמאָליקע גרעסטע און רייכסטע אידישע קעהילע אין דער גאָרער וועלט. און ראָטערדאַם. און, באַזונדערס, די הויפּטשטאָט האַאַג. ווער נאָר וואָס לייענט אַ צייטונג האָט ניט געהערט וועגן האַאַגער שאָלעם-פּאַלאַץ און די אינטערנאַציאָ-נאַלע קאָנפערענצן וואָס קומען אין אים פאָר.

אויך אַ קאָלאָניאַלע אימפּעריע, אַ גרעסערע פון דער היינטיקער ברי-טישער, איז האָלאַנד אַמאָל געווען. אירע שיפן האָבן געגרייכט ווייט אין די יאַמים און „די פאַראייניקטע פּראָווינצן" (אַזוי האָבן האָלאַנד און בעל-גיע אַמאָל געהייסן), זיינען געווען די שטאַרקסטע יאַם-מאַכט אַף דער גאָרער וועלט. די היינטיקע ניו-יאָרק האָט דאַן געהייסן ניי-אַמסטערדאַם, ווייל דער האָלענדישער גענעראַל גובערנאַטאָר, פּעטער מינואיט, וואָס האָט דאָרט געוועלטיקט, האָט אָפּגעקויפט בײַ די אינדיאַנער **(1626)** דעם גאַנצן מאַנעטן אינדזל, ד. ה. גאַנץ ניו יאָרק פאַר **60** גילדן, אָדער פאַר **75** אַרגענטינער פּעזעס...

האָלאַנדס גרויסקייט אַלס יאַם-מאַכט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צווייטער העלפט פונעם 17-טן יאָרהונדערט, ווען גרויס-בריטאַניע האָט איר באַזיגט אַפן יאַם און פאַרנומען איר פּלאַץ צווישן די פעלקער.

איז דאָס לאַנד פון דאַן ניט מער קיין קאָלאָניאַלע אימפּעריע, אָבער פריי פון פרעמדן יאָך איז עס געבליבן אַף שטענדיק. און האָט ווער גע-

פּרוואווט אַריינדרינגען און ליגן זיין האַנט אויף די דאָזיקע פּויערים און פישער פון נאָרד-יאַם האָט אים דער וואַסער-גרייז אַליין מעשׂאַלייעך געוועזן.

און עס געדענקט זיך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון דער האָלענדישער געשיכטע:

אַמאָל, מיט אַריבער אַ דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען וויליאַם דע אָראַנזש איז געווען שטאַטהאַלטער פון האָלאַנד, האָבן די שפּאַניער באַלאַגערט די שטאָט לײדען. די איינוואוינער האָבן איבערגעלעבט אַ שווערע צייט. אין משך פון צוויי כאַדאָשים האָבן די באַלאַגערער ניט צוגעלאָזט קיין עסן פאַר די איינוואוינער. דער הונגער איז געווען גרויס, אָבער דער הערשער האָט געשיקט צעטעלעך אָנגעבונדן אויף די פיסלעך פון די פּאָסט-טויבן אין וועלכע ער האָט די איינוואוינער געמוטיקט און צוגעזאָגט עפענען די וואַסער-ווענט און אַרויפלאָזן דעם יאַם אויף די באַלאַגערער.

דערווייל איז דער הונגער געוואָרן גרעסער און שווידערלעכער. מייז און שצורעס האָבן זיך געצאָלט מיט גאָלד גלייך און די באַלאַגערטע איינוואוינער האָבן אָװעקגעשיקט מיט די טויבן אַ וואָרט צו זייער הערשער, אַז מען וועט זיך מוזן אונטערגעבן, ווייל ער האָט זיי, וואַרשיינלעך, פאַרגעסן, אויף וואָס וויליאַם דע אָראַנזש האָט געענטפערט: „מיר וועלן גיכער אומקומען אַלע, מיט אונדזערע פאַרמעגנס, איידער מיר וועלן דיך פאַרגעסן, אָ, לײדען!" האָבן זיך די לײדענער העלדיש ווייטער געהאַלטן ביז איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט האָט אַ מייערעװ-ווינט אַ קער געטאָן דעם יאַם אין די געעפנטע שליוזן און ער האָט אָפּגעשווענקט די שפּאַנישע באַלאַגערער. וויליאַם דע אָראַנזש איז אונטערגעקומען מיט זיינע שיפן, האָט געוואָרפן ברויט דער אויסגעהונגערטער איינוואוינערשאַפט און האָט זיי פאַר זייער העלדישקייט געגעבן איינע פון די צוויי פּריווילעגיעס: באַפרייט צו ווערן פון שטייערן אָדער זיי אויסבויען אַן אוניווערסיטעט.

די שטאָט לײדען האָט געבעטן דאָס צווייטע און דער לײדענער אוניווערסיטעט איז אויסגעבויט געוואָרן.

אַזוי האָט דער באַוועלטער יאַם אַליין זיי געהאָלפן אין צייט פון נויט פאַרטרייבן דעם סוינע.

אויך ווינט-מילן זיינען פאַראַן אין האָלאַנד, אַן אַ שיר ווינט-מילן. זיי מאָלן מעל און פּאָמפּען דאָס וואַסער צוריק אין יאַם אַריין; אין שאָלעמצייט דאַרף מען אים ניט צוגאַסט...

איז אָט אין דער שטאָט לײדען און אין איינער פון די ווינט-מילן וואָס איז געשטאַנען אויפן ברעג יאַם, איז אין יאָר 1606 געבוירן געוואָרן דער „שעקספּיר" פון דער מאַלעריי, דער גרויסער האָלענדישער דיכטער-מאָלער פון ליכט און שאָטן, רעמבראַנדט וואַן ריין, וועמענס לעבנסגעשיכטע איך וועל פּרוּוון יעצט דערציילן.

* * *

רעמבראַנדט איז געווען דער פינפטער פון די זעקס קינדער וואָס זיין פאָטער, דער מילנער, האָט פאַרמאָגט. די מישפּאָכע האָט געלעבט אין מיל, די איבעריקע פינף קינדער האָבן געהאָלפן דעם פאָטער; רעמבראַנדט האָט ניט געוואָלט אַרבעטן אין מיל, ער איז געווען אַ קינד אַ טרוימער און פלעגט פאַרברענגען גאַנצע שאָען, מאָלנדיק אויפן זאַמד.

ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר האָט אים דער פאָטער אַוועק־געפירט אין אַ שולע מיטן געדאַנק אויסצולערנען אים אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע. אָבער אויך אין שולע האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויס כיישעק צו לערנען, און איינמאָל ווען דער לערער האָט אים אָנגעפּאַטשט, האָט ער זיך דערזען אויפן צווייטן טאָג אָפּגעמאָלט אויפן טאָוול ניט אין קיין זייער שיינער פּאָזע. ער האָט, אַ צאָרנדיקער, געשיקט רופן רעמ־בראַנדטס פאָטער, האָט מיט קאָעס געטייטלט אויפן טאָוול און אים גע־וויזן זיין זונס אַרבעט. דער מעיושעוודיקער האָלענדער האָט לאַנגזאַם באַטראַכט דאָס בילד און האָט ענדלעך אַרויסגעזאָגט: „נו, יאָ, דאָס איז דאָך ריכטיק אייער בילד!...” דער לערער, ווי עס איז זיך לייכט פאָרצו־שטעלן, איז פון אַזאַ ענטפער נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן און דער פאָטער האָט געמוזט אָפּנעמען דעם שטיפערישן טאַלמיד.

דער פאָטער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם זון, דעם טויגע־ניכטס, וואָס וויל ניט לערנען און מאָלט נאָר מענטשעלעך אַ גאַנצן טאָג. ער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר זיין פרוי, און די מוטער, אַ קלוגערע, ווי דאָס ראָוו מוטערס פון גרויסע מענטשן, האָט זיך פאַרטראַכט און האָט זיך דערמאָנט אַז אין די קלויסטערס האָט זי געזען שיינע בילדער און האָט, מיסטאָמע, געקלערט אַז אויך די מאָלער פון די בילדער זיינען ניט קיין פּוסטע מענטשן, און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אין ליידען לעבט אַ מייסטער יאַקאָב וואַן שוואַנענבורך, אַן אָנגעזעענער מאָלער און כאָ־שעווער מענטש, האָט זי גענומען עטלעכע גאָלדענע מאַטבייעס און האָט אַוועקגעפירט צו דעם מאָלער איר ווילדן זון.

בא יאַקאָב וואַן שוואַנענבורך האָט ער דאָס ערשטע יאָר קימאַט ווי גאָרנישט נישט אויסגעלערנט. ערשט אויפן צווייטן יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו באַגרייפן זיין לערערס מעטאָד. וואַן שוואַנענבורך האָט פאָרגעלעגט רעמבראַנדטן אַ צימער בא זיך, ער האָט אָבער בעסער געוואָלט בלייבן אַרבעטן אין דער אַלטער מיל, און האָט פאַרוואַנדלט אַ ווייץ־שפּייכלער אין זיין אַטעליע. די מעבל איז באַשטאַנען פון אַ דרייפוס, אַ מאָל־ברעט, אַ רענצל און אַ בעטל.

אין דעם שפּייכלער איז געווען בלויז איין פענצטער, וואָס פון דעם ביז דער ערד איז געווען זעקס פוס די הויך. די שיין וואָס איז אַריין דורך דעם פענצטער האָט, ווי אַ גאָרב גאָלדשטראַלן בלויז באַלויכטן דאָס גע־זיכט פון דעם, וואָס איז אַהין אַריינגעקומען און דער גאַנצער קערפּער איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין שאָטן. און מען קאָן מעשאַער זיין, אַז אין



**רעמבראַנדט וואַן ריין**

אַף דער עלטער ווען ער איז געווען קראַנק און אָרים.

אַ ניט לאַנג צוריק אַנטדעקטער אויטאָפּאָרטרעט.
געמאָלן אין יאָר 1660.

דער שיין פון דעם שפּייכלער איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן דער סאָד ווי צו באַגיסן זיינע בילדער מיט דער רעמבראַנדישער גאָלדענער ליכט, וואָס איז די וואונדערלעכע אייגנשאַפט פון זיין אומפּאַרגלייכלעכער געניאַליטעט. נישט אומזיסט האָט סאָלאָמאָן ריינאַך געזאָגט: „דער אופן צו פאַרשטיין די ליכט איז דער וועזנטלעכער כאַראַקטער פון רעמבראַנדטס סטיל. פּונקט ווי מיקעלאַנדזשעלאָ האָט פאַר זיך באַשאַפן אַ ראַסע פון ריזן, האָט רעמבראַנדט באַשאַפן אַ ליכט וואָס איז זיין אייגענע שאַפונג, וואָס איז אַנגעמבאַר, כאָטש זי איז ניט רעאַל און ער האָט אונטערגעטוקט די נאַטור אין אַ באָד פון גאָלד”.

פיר יאָר האָט ער געלערנט באַם אַלטן שוואַנענבורך. נאָכדעם איז דער כאַשעווער לערער געקומען צו רעמבראַנדטס עלטערן און האָט זיי דערקלערט, אַז ער האָט מער ניט וואָס צו לערנען זייער זון און האָט זיי געראָטן אים שיקן קיין אַמסטערדאַם צו פּעטער לאַסטמאַן, אַן אַנדער אַנגעזעענער מאָלער פון יענער צייט.

רעמבראַנדט איז אַוועק קיין אַמסטערדאַם, אָבער מער ווי זעקס מאָנאַטן האָט ער באַ לאַסטמאַנען נישט געאַרבעט. דער דאָזיקער מאָלער איז געווען אַ מיטלמעסיקייט און האָט ניט פאַרשטאַנען רעמבראַנדטן. די טעכניק פלעגט פאַרשלינגען די טאַלמידימס אינדיווידואַליטעט און רעמבראַנדט איז, אַן אַנטוישטער אין לערער ביכלאַל, אַוועק פון אים. נאָך אַ לאַנגן אַרומוואַנדערן איבער דער שטאָט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם מאָלער ענגלברעכטס און דעם גרויסן טאַלמיד זיינעם, לוקאַס-וואַן-ליידן. זייער שאַפן האָט געמאַכט אַף אים אַ גרויסן רושעם.

אין אָנהויב פון זיבעצעטן יאָרהונדערט האָבן ליטעראַטור און וויסנשאַפט געבליט אין די האָלענדישע אוניווערסיטעטן. דאָס לאַנד איז געווען פּראָטעסטאַנטיש און די קירכע האָט ניט געהאַט אַזאַ מאַכט, ווי דער קאַטויליציזם אין אַנדערע לענדער, צו שמידן דעם גייסט פון אַ קינסטלער און פאַרוואַנדלען אים אין אַ דינער פונעם קלער, האָט רעמבראַנדט געמאָלט, אַנשטאָט מאַלאָכים און פּויפּסטן, בעטלער, אידן און פאָלקס-מענטשן. כוץ דעם האָט ער דאָך אַליין געשטאַמט פון דעם אַרבעטנדן פאָלק. און ווען דאָס ערשטע וויכטיקע בילד וואָס ער האָט געשאַפן אין אַמסטערדאַם — באַהאַנדלט אַ רעליגיעזע טעמע, איז דאָס אויך רעאַל, ניט מיסטיש. אין זיין צייט איז אין אַמסטערדאַם אויסגעבויט געוואָרן אַ אידישע שיל, וואָס איז, ווי מען זאָגט, שענער געווען פונעם בית-המיקדעש. איז רעמבראַנדטן איינגעפאַלן צו באַנוצן די שיל פאַר אַ פאָן, אַף וועלכן ער זאָל אויסמאָלן אַן עפּיזאָד פון דער עוואַנגעליע.

דער פּראַכטפולער הייכל פון דער אידישער אַמסטערדאַמער שיל זאָל הייסן דער בית-המיקדעש. אַפן שטיינערנעם פאָל נעבן די טרעפּ זיצט שימען מיטן קינד יעזוס אַף די הענט, אַ שיין באַגילדט זייער ביידנס געזיכטער און קליידער. מיריאַם שיינט אויך נעבן זיי; יאָסעף זיצט אַף דער ערד און האַלט אַ פּאָר ווייסע טויבן מיט שנעבעלעך ווי רובינען פאַר אַ

קאָרבן, און איבער זיי שטייט דער קויהען גאָדל מיט צעשפּרייטע הענט און בענטשט זיי. מיר זעען בלויז זיין פּלייצע, וואָס איז באַדעקט מיט אַ טונקל-רויט פּליושענעם מאַנטל, און איז פונעם קאָפּ ביז איבער די הענט באַשטראַלט מיט דער ספּעציפיש רעמבראַנדישער שיין פון צושמאָלצענעם גאָלד.

אָפט די טרעפּ פאַרלירט זיך אין שאָטנס אַ גאַנצע פאָלקס-פאַרזאַמלונג און איבער זיי זעט זיך אַ ריזיקער אויפגעהויבענער שוואַרצער פאָרהאַנג. די זיילן, די ראַכוועס פונעם היכל און די גאַנצע אַרכיטעקטור איז אימפּאָזאַנט און אומפאַרגעסלעך.

אין יענער צייט, אין 1632, איז געוואָרן אַ מאָדע צווישן די מאָלער צו מאָלן אַ גרויסן דאָקטאָר בעאיים ער פּאַלמעסט אַ טויטן און האַלט אַ לעקציע וועגן אַנאַטאָמיע פאַר זיינע שילער. אַ סאַך האָבן פאַר רעמבראַנדטן געמאָלן אָפּ דער טעמע. און עס פלעג פּאַסירן, ווען אין איין דאָקטאָר האָט זיך אָנגעצונדן אַ קינע, האָלעמיי זיין כאַווער, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר נידעריקער פון זיך, איז אַזוי שיין אַרוים אָפּ אַ בילד, אַלס פּראָפעסאָר וואָס לערנט די שילער, האָט ער באַשטעלט אַ צווייט בילד וואו ער האָט געזאָלט ווערן אויסגעמאָלט אַלס פּראָפעסאָר און דער צווייטער פאַר זיין שילער. אַזאַ כוצפּע האָט דעם כאַווער אויפגעבראַכט און ער האָט ווידער באַשטעלט אַ בילד, וואָס זאָל פאָרשטעלן דעם ערשטן פּראָפעסאָר אַלס דעם טויטן, וואָס ווערט פון אים געפּאַלמעסט, איז געקומען רעמבראַנדט און האָט געמאַכט אַ סאָף צו דעם מאַכלויקעס...

ער האָט גענומען דעם דאָקטאָר טולפּ, אַ גרויסן צייט כאַווער, און אים מיט זיינע זיבן שילער אָפּגעמאָלט בעאיים ער שניידט אויף די לינקע האַנט פון טויטן און גיט זיין לעקציע וועגן אַנאַטאָמיע, אָבער ער האָט עס אַזוי געמאַכט, אַז די אַנדערע מאָלער פון זיין צייט זיינען בלאַס געוואָרן, האָבן פאַרביסן מיט די ליפּן אוים קינע און זיינען שוין מער ניט צוגעטראָטן צו דער טעמע.

די קאָנצענטרירקייט און כשיוועס פונעם דאָקטאָר טולפּ און די אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט פון זיינע שילער איז דאָס העכסטע צו וואָס דער פּענזל פונעם גרעסטן מאָלער קען דערגרייכן.

ער איז באַרימט געוואָרן אַלס דער גרעסטער פּאָרטרעטיסט, איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט באַשטעלונגען און ער האָט פאַרדאָפּלט די פּרייזן קעדיי צו פאַרקלענערן די צאָל באַלאָנים אָפּ זיין אַרבעט. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

איינמאָל, אין יאָר 1634, איז צו אים געקומען פאָזירן דער בישאָף וואָן אוילנבאָרך. עס האָט אים באַגלייט אַ יונגע מיידל וואָס האָט געהייסן סאַסקיאַ. ווען רעמבראַנדט האָט געאַרבעט האָט ער פיינט געהאַט מ׳זאָל אים שטיין הינטער די פּלייצעס. ער האָט געהאַט געוויסע טעכנישע סוידעס און האָט ניט געוואָלט עמיץ זאָל זיך פון זיי דערוויסן. דאָס מיידל האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, האָט זיך געשטעלט באַ זיין זייט,

אָבער צו איר האָט ער ניט געהאַט דעם ווידערגעפּיל וואָס צו אַנדערע, בעאיים זיי האָבן אים אַרײַנגעקוקט אין דער אַרבעט, פאַרקערט, עפּעס איז עס אים געפעלן געוואָרן...

רעמבראַנדט האָט געהייראַט סאַסקיאַ און האָט מיט איר אָפּגעלעבט עטלעכע גליקלעכע יאָר. ער האָט געהאַט מיט איר איין זון טיטוס. איין בילד האָט ער געמאָלן (ווער ווייסט, עפשער אין האָניק כוידעש) ווי ער איז געקליידעט אין אַ אוניפאָרם פון אַן אָפיציר מיט אַ שווערד, ער זיצט און האַלט אָפן שויס זיין ווייבל. מיט דער לינקער האַנט האַלט ער איר פאַר דער טאַליע, מיט דער רעכטער אַ גלאָז ווײַן, און אינגאַנצן שמייכלט ער און שטראַלט.

די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון ווייב, ווײַן און געזאַנג!

פון זיך האָט ער געמאָלן אַ זעכציק בילדער און פון זיין מאַמען אַ הונדערט. ער האָט איר געמאָלן אַלס קייזערן, פּרינצעסן, נאַגע און פאַלקס פרוי, אין פאַרשידענע פּאָזעס און פאַרשידענע קליידער האָט ער איר געמאָלן, (ווייזט אויס אַז זי האָט אים לענגער און מיט מער געדולד געפּאָזירט), אָבער שטענדיק מיט ליבע און פאַרערונג.

און די אידן-בילדער!

ווער האָט נאָך ווי רעמבראַנדט מיט אַזוי פיל ליבע און פאַרשטענדעניש געמאָלן אידן?

די אַמסטערדאַם פון זיין צייט האָט אים געליפערט גענוג עכט אידישע, ביבלישע טיפּן און אונדזער קינסטלער האָט זיי ווי עס געהער צו זיין אויסגענוצט. לעמאָשל, זיין בילד „יאַנקעוו בענטשט עפראַים און מענאַשען".

דער אַלטער יאַנקעוו איז אין בעט, ער לייגט אַרויף זיין רעכטע האַנט אַף דעם קאָפּ פון עפראַים צו בענטשן. יאָסעף, וואָס שטייט לעבן אים, פּרוּווט אים אַראָפּנעמען די האַנט און זי לייגן אָפן קאָפּ פון מענאַשען, ווייל ער איז דער עלטערער. (ווייזט אויס, אַז רעמבראַנדט האָט געלערנט כומעש...) אויב איר האָט איינמאָל געזען דעם פּאָנים פון יאַנקעוון וועט איר עס שוין ניט פאַרגעסן. און יאָסעפס פרוי, פאַרדינט זי דען ניט צו זיין „מים איסראָעל", פאַר אירע אויגן, אידישן צאַער, אידישער צניעס און אַלט אידישן כיין!

אַזוי מאָלן אידן האָט נאָר געקענט רעמבראַנדט.

אָבער באַרימט און רייך איז ער געווען בלויז ביז 1642, ווען די אַרקיבוסער גילדיע האָט באַשטעלט בײַ אים אַ בילד, וואָס האָט געזאָלט פאַרשטעלן אַלע זעכצן שטאָט באַלעבאַטים אָפן לייוונט. דערפאַר האָט יעדער פון זיי באַצאָלט צו הונדערט גילדן. ווי דערשטוינט אָבער זיינען זיי געווען, ווען נאָכדעם, ווי דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן, האָבן בלויז צוויי זיך דערקענט.

עס איז פאַראַן אַן אַנעקדאָט, אַז אַ שיפס-מאַגנאַט האָט געפרעגט

רעמבראַנדטן וואו איז זיין בילד, האָט אים רעמבראַנדט געענטפערט: „איר זעט דעם פּלאַץ אַפן בילד, איר זיינט הינטערן פּלאַץ..."

דאָס בילד שטעלט פאָר אַ שפּאַציר פון דער גווארדיע אין מיטן העלן טאָג. עס איז פול מיט קאָליר, באַוועגונג און ליכט. דער אָנצוג פון הויפּט איז פון טונקל בלויען פליוש, אַ רויט פליושענער פּאַס איז איבערגעוואָרפן פונעם רעכטן אַקסל ביז דער דיך און דער געהילף זיינער איז געקליידט אין אַן אָנצוג פון לימענע קאָליר; די פאָן לינקס איז אַזוי פיל אָנגעזאַפּט מיט ליכט, אַז לעכאַטכילע קען מען איר אָננעמען פאַר אַ פענצטער. דאָס בילד איז ריזיק גרויס און איז לאַנג אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ „נאַכטוואַך". עס איז לעכאַלאַדייעס אַ ערשט קלאַסיק קונסטווערק, אָבער דורך דעם איז רעמבראַנדט געוואָרן אַ יוירעד, ער האָט פון דעם מאָמענט וואָס דאָס בילד איז אויסגעשטעלט געוואָרן, פאַרלאָרן דעם גלאַנץ און האָט אָנגעהויבן פאַלן און פאַלן.

סאַסקיאַ איז נאָך 9 יאָר פון גליקלעכן צוזאַמענלעבן געשטאָרבן; די פּריצים האָבן זיך באַליידיקט און האָבן אויפגעהערט צו באַשטעלן בא אים בילדער; רעמבראַנדטס שאַפונגען און זעלטענע קונסט-קאָלעקציעס האָט מען עפנטלעך פאַרקויפט פאַר זיינע כויוועס. ער האָט געהאַט אַ קינד פון זיין שיינער הויז-האַלטערן הענדריקע סטאָפעלס און ער האָט געמוזט אַרומגיין איבער די שענקען מאָלן צו אַמוזירן דעם אוילעם און אַזוי אַרום פאַרדינען ברויט פאַר ווייב און קינד.

רעמבראַנדט איז געווען אַזאַ וואונדערלעכער פּייזאַזשיסט און גראַווירער, ווי פּאָרטרעטיסט, אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן ער זאָל ניט שטאַרבן אָרים און פאַרגעסן.

צו באַערדיקן האָט מען באַדאַרפט האָבן, לויטן היינטיקן געלט, זיבן מיט אַ האַלבן דאָלער, האָט עס צענויפגעקלאַפּט די צדאָקע פּושקע...

און פאַרבליבן פון אים זיינען 600 בילדער און 300 גראַווירן. אין 1897 האָט זיך זיינס אַ בילד פאַרקויפט פאַר 31 טויזנט דאָלאַר און אין 1911 האָט לאָרד לאַנסדאַון פאַרקויפט דער נאָרד אַמעריקאַנער רעגירונג, דעם דאָזיקן מילנערס זונס אַ לאַנדשאַפט „די ווינט מיל", פאַר הונדערט טויזנט פונט שטערלינג...

# בערנאַרד שאָו

1. — „דער מישפּעט איבער בלאַנקאָ פּאָזנעט".

2. — „דער וואָגן עפּל".

געווידמעט פריינט עליע סאַלאַדאַווניק און זיין פאַמיליע.

גאַנץ לאַנג האָב איך געלייענט אין אַ צויבער מייסעלע, אַז די קינ־דערלעך זיינען די צויבערער. אין דעם מאָמענט, ווען אַ קינד הערט אויף צו לאַכן און שטוינען און זאָגט איך ווייס, איז געשטאָרבן אַ צויבערער. אַלע ווײַלע, יעדן מאָמענט, שטאַרבן מיליאָנען צויבערער: — מיליאָנען קינדער ווערן אויס קינדער, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין גרויסע און פאַר־לאָזן אַף אייביק דאָס צויבערלאַנד...

פאַראַן אָבער צווישן אונדז (און ווען אַפילע ווייניק) אַזעלכע, וואָס בלייבן שטוינענדיקע, לאַכנדיקע, פּראָטעסטירנדיקע ביזן סאָף פון זייע־רע יאָרן — דאָס זיינען די געניאַלע קינסטלער, די קינדישע געאָוינים אָדער געאָוינישע קינדער, וואָס ווערן ניט מיד צו פרעגן, פאַרוואָס? צו פּראָטעסטירן. זיי ווילן ניט און קענען ניט צוגעוואוינט ווערן, דעריבער זיינען זייערע ווערק שטענדיק פריש און אָריגינעל. און וואָס איז דען אָרי־גינאַליטעט, אויב ניט אַ פּאָר פרישע אויגן (ווי עמיץ האָט זיך שוין לאַנג אויסגעדריקט), צו זען זאַכן, אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן שוין טויזנ־טער יאָרן, גלייך ערשט איצט זיינען זיי דערשינען און, ווי יעדע נייע זאַך, מוזן זיי אַפּסניי באַטראַכט און דיסקוטירט ווערן.

בערנאַרד שאָו, איינער פון די אויבנדערמאָנטע, האָט געזען אַ זע־אונג. ער האָט איר פאַרצייכנט אונטערן נאָמען „**בלאַנקאָ פּאָזנעט**“, — אַ מעלאָדראַמע (ווייל דראַמע, קאָמעדיע איז דער הויפּט־אויפן פון זיין אויסדרוק).

און דאָס איז דער אינהאַלט פון דער „מעלאָדראַמע“:

ערגעץ אין אַ ווילדן העק, אַף די פעלדער פון נאָרד אַמעריקע, אין אַ דאָרף צווישן די „פּיאָנערן פון דער ציוויליזאַציע“ שפּילט זיך אַפּ די האַנדלונג.

אין אַ גרויסן שפּייכלער, וואָס דינט אַלס געריכט־זאַל, זיצן ווייבער און פירן אַ געשפּרעך:

— דער וואָס גאַנוועט פערד איז פּעאיק אַף אַלצדינג, — זאָגט איינע.

— נאָך גוט, וואָס אונדזער שעריף איז אַ שטאַרקער מאַן, ער האָט ניט מוירע צו שיסן און הענגען; מיט אַזעלכע גראָבע מענטשן ווי אונדזע־רע דאָרף מען האָבן אַזאַ שטרייגגן שעריף, — זאָגט אַ צווייטע.

— איך וואָלט געוואָלט זען אַ שעריף, וואָס האָט ניט מוירע **ניט** צו שיסן און **ניט צו הענגען**, — זאָגט אַ דריטע.

און נאָך איינע דריקט אויס איר מיינונג: — איך זאָג, אַז גאַנוועגען אַ פערד איז צען מאָל ערגער איידער הארגענען אַ מענטשן. און אויב פּאָ־ליציי וועט אייך פּאַקן, זאָלט איר בעסער האָבן דערמאָרדעט צוואַנציק

מענטשן, איידער האָבן צוגעגאַנגעוועט אַ זאָטל אָדער צוימל פון אַ פערד...

און ווי זיי שמועסן אַזוי געמיטלעך, קומט אָן דער גאַלעך פון דאָרף און בעט זיי מאַכן פּלאַץ פאַר אָן אַרעסטירטן. מ'האָט געכאַפּט אַ פערד-גאַנעוו, זאָגט ער, באַלד וועט מען אים ברענגען, וועט ער פּרוּאוון אָף אים ווירקן ער זאָל פאַרן טויט טשוּווע טון, קעדיי ער זאָל אַ געלייטערטער קומען פאַר גאָט... אין דעם, ווי ער רעדט מיט די ווייבער, הערט זיך אַ געוויש אין דרויסן און מ'ברענגט אַריין, מיט אַ שטריק אָפן האַלדז, בלאַנקאָ פּאָזנעט. די ווייבער גייען אַרויס און דער גאַלעך מיט בלאַנקאָן בלייבן אַליין. בלאַנקאָ פּאָזנעט זעט אויס ווי אַ מענטש פון אַ יאַר פער-ציק און מאַכט אָן איינדרוק פון אַ לומפּ. דער גאַלעך איז זיינער אַ ברו-דער, ער שעמט זיך אָבער מיט בלאַנקאָן און וויל ניט מ'זאָל וויסן, אַז ער איז זיין ברודער... צווישן זיי קומט פאָר אַזאַ געשפּרעך:

בלאַנקאָ: נו, אַ ברודער! נו, אַ שיקער!

גאַלעך: זיי וועלן קיינמאָל ניט גלויבן, אַז מיר זיינען ברידער.

בלאַנקאָ: האָסט מוירע. מיינסט, אַז איך שטראָף זיך אין דיר. דו ביסט אַ פאַרפוילטער ברודער, אַ שיקער! דיין גאַנצע אַרבעט, ווען איך האָב געהאַט געלט, איז באַשטאַנען צו באַרגן בא מיר אָף צו שיקערן. אַצינד לייסטו יענעם געלט אָף פּראָצענט און פאַרקויפסט בראָנפן אַנדע-רע. איך שעם זיך מיט דיר. איך וויל דיך ניט האָבן פאַר אַ ברודער. גאָט האָט דיך מיר געגעבן פאַר אַ ברודער אָבער איך קער אים אום די מאַ-טאָנע אָן אַ דאַנק.

דער גאַלעך ווערט בא זיך ניט געפאַלן און פרעגט זיך נאָך אָפן פערד און בלאַנקאָ פּאָזנעט ענטפערט אים:

ווען דער טאַטע און מאַמע זיינען געשטאָרבן, האָסטו אַרויפגעלייגט דיין האַנט אָף אַלעמען. איך האָב בא דיר גאָרניט געבעטן אויסער דער מאַמעס שאַרף מיטן לאַקן פון אירע האָר צום אַנדענק, אָבער אַזוי ווי דו האָסט עס מיר ניט געוואָלט געבן, האָב איך צוגענומען דאָס פערד, דיר אָפּצוטאָן אַ שפּיצל.

דער גאַלעך: איצט וועט מען דיך הענגען. ווען דו זאָלסט בלויז געווען טאָן אַזוי ווי איך (מיין קורסיוו, א. א.) וואָלסטו דאָך היינט געווען אַ פרייער אָן כאַשעווער מענטש, אַנשטאָט צו ליגן דאָ מיט אַ שטריק אָפן האַלדז.

בלאַנקאָ: טון ווי דו! וואָס מיינסטו, שיקערן ווי דו, אַ? לעצטנס האָב איך אויך אָנגעהויבן דיר נאָכצוטון...

דער גאַלעך: צו שפּעט, בלאַנקאָ, צו שפּעט. פאַרוואָס האָסטו ניט גע-שיקערט, ווי דער אויבערשטער האָט געפירט איך זאָל שיקערן, ביז ס'איז געקומען די צייט איך זאָל אויפהערן? איך האָב אין דעם געזען באַשיינ-פערלעך די כאָכמע פון דער האַשגאָכע און דעם כעסעד פון גאָט. גאָט באַווייזט זיך אָף פאַרשידענע אויפאַנים. איך פאַרקויף איצט אַנדערע דעם טרונק, ווייל ס'ווירקט גוט אָף זייערע כאַראַקטערן...

בלאַנקאַ: נאַר זיך ניט אָפּ, שיקער! דו פאַרקויפסט בראָנפן, ווייל קענסט באַ דעם מער פאַרדינען איידער, ווען דו זאָלסט פאַרקויפן טיי. און אַליין האָסטו אויפגעהערט צו שיקערן, ווייל האָסט זיך דערשראָקן, נאָכ־דעם, ווי ס'האָט דיר אָנגעכאַפּט אַן אַטאַקע שיקערערהייט און דער דאָק־טער האָט געזאָגט, אַז וועסט שטאַרבן אויב דו וועסט ווייטער שיקערן. און וואָס באַלאַנגט גאָט, זיי פאַרזיכטיק דו שיקער! ער שפּילט קאַץ און מויז מיט דיר. ער לאָזט דיר פריי אַרומלויפן ביז דו מיינסט, אַז ביסט שוין זיכער פון אים; און פונקט דאַן, ווען דו דערוואַרסט אים אַמווייי־ניקסטן, גיט ער דיך אַ פּאַק.

דער גאַלעך: רייד מיט דרעכערעץ, בלאַנקאַ — מיט מער רעס־פּעקט.

בלאַנקאַ: דערעכערעץ! ווער האָט דיך אויסגעלערנט דיין צוויעסדיקן דערעכערעץ? ער קומט ווי אַ גאַנעוו באַנאַכט — ווי אַ פערד־גאַנעוו! אָט אַזוי האָט ער מיך געכאַפּט און אַרומגעוויקלט מיין האַלדז מיט אַ שטריק, אין מיר זיך נויקעם זיין, ווייל כ'בין זיך באַגאַנגען אַן אים. ווייל כ'האָב געלעבט מיין אייגענעם לעבן און בין געגאַנגען מיין אייגענעם וועג און האָב זיך ניט צוגעהערט צו זיין „טו ניט דאָס", „טאָרסט ניט טון יענץ" און „וועסט זיין אין געהענעם אויב וועסט טאָן עפּעס אַנדערש", איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און בין אויסגעקומען אָן אים אַלע מיינע יאָרן. אָבער ער האָט מיך ענדלעך געכאַפּט.

דער גאַלעך וויל אים איינשמועסן, אַז דאָס האָט אים דער טייוול אָנ־גערעדט צו גאַנווענען דאָס פערד ניט גאָט, אַף וואָס בלאַנקאַ ענטפערט אים אַז ניט גאָט, ווי אויך ניט דער טייוול האָבן אים אָנגערעדט צו גאַנ־ווענען דאָס פערד. גאָט האָט אים אָפּגעטאָן אַן ערגער שפּיצל. ווען ער גיט אַ קלער, אַז ער וואָלט אין דעם מאָמענט פונעם געשפּרעך שוין גע־קענט זיין פופציק מייל ווייט פון דאָרף און ניט ליגן אַ געפּענטעטער און וואַרטן אַפן טויט, און עפּעס איז אַף אים געקומען וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ נאַר און אים געצוואונגען אַוועקצוגעבן ס'פערד. און ער רופט אויס: וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט? וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַזאַ נאַר? דאָס וואָלט איך וועלן וויסן. דאָס איז דער גרויסער סאָד (מיין קור־סיוו, א. א.).

אייגנטלעך איז אָט וואָס געשען: ווען בלאַנקאַ האָט צוגענומען, אוים נעקאָמע, דאָס פערד באַ זיין ברודער דעם גאַלעך און האָט אַף דעם אַוועק־געריטן, איז אים פאַרבייגעגאַנגען אַ מוטער מיט אַ קראַנק קינד. דאָס קינד האָט געפיבערט. ס'האָט געהאַט די קרופּ און די מוטער האָט ניט געהאַט קיין פערד עס צו פירן אין שטאָט אַריין צו אַ דאָקטער. דאָס קינד האָט מיט די הענטלעך אַרומגענומען בלאַנקאַן, אים גערופן טאַטע און די פרוי האָט באַ אים געבעטן דאָס פערד. בלאַנקאַ האָט ראַכמאָנעס געהאַט, איז אַראָפּ פון פערד און עס אָפּגעגעבן דער מוטער, וועלכע איז אַף דעם אַוועק מיט איר קינד צו אַ דאָקטער.

לויט בלאַנקאָס פילאָזאָפיע קומט אויס, אַז אַזוי ווי ער האָט געטון אַ גוטע זאַך און דאָך האָט מען אים געכאַפּט, איז עס אַ בייזער שפּיצל פונעם בייזן גאָט. איצט וועלן קלאָר ווערן זיינע ווערטער צום ברודער-גאַלעך אַף דער באַקאַשע צו זאָגן, וואָס האָט ער געטאָן מיטן פערד: עס איז נישט דיין זאַך, וואָס כ'האָב דערמיט געטאָן. מ'האָט עס באַ מיר צוגענומען און גענוג. און ווען דער גאַלעך פרעגט ווייטער פאַרוואָס ער גיט ניט אויס דעם מאַן, וואָס האָט עס באַ אים צוגענומען, ענטפערט בלאַנקאַ: ווייל ער וועט זיין קלוגער פון אייך, פונקט ווי ער איז געווען קלוגער פון מיר. דער גאַלעך פאַרשטייט אים ניט און ער שרייט אַלץ, אַז ער האָט מוירע פאַר זיינע שפּיצלעך. ער קען אים הענגען, אָבער ער קען אים ניט אָפּשרעקן. די פרוי איז ניט געווען קיין ווירקלעכע פרוי און דאָס קינד קיין ווירקלעך קינד... ער שווערט, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין ווירקלעכע.

אין דעם קומט אָן פּאָליציי און מיט איר אַ פּראָסטיטוטקע, פימי עוואַנס, אַף וועמען בלאַנקאָ האָט זיך, זייענדיק אין דאָרף, קיינמאָל ניט געוואָלט אומקוקן. זי דאָרף עס פאַלש איידעס זאָגן, אַז זי האָט אים געזען רייטן אַפן פערד. בלאַנקאָ לאַכט פון איר און זאָגט, אַז זי איז געווען שיקער צו וויסן, וואָס ס'איז געווען דאָס פערד און וואָס דער רייטער. זי האָט באַציאונגען מיטן גאַנצן דאָרף, שרייט ער, וואַרפט איר אַריין אין מיסטקאַסטן! און צום שעריף זאָגט ער: מיין קורצע טפילע איז: גאָט, לאָז מיך בלייבן פאַרדאַרבן ביז צו דער ענדע! איצט בין איך גרייט. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז איך בין שולדיק. דאָ איז אַ פאַרפוילטער מאָקעם.

דער שעריף פרעגט די פּאָליציי-לייט צי אַלץ איז פאַרטיק און בלאַנקאַ דערשיינט פאַר די געשוואוירענע. דער שעריף פרעגט ווייטער צי מען האָט בלאַנקאָן געטראָפן אַפן פערד, ווען מ'האָט אים גענומען און דער ענטפער איז, אַז ער האָט עס פריער פאַרקויפט... בלאַנקאָ פרעגט, וואָס איז גערעכטיקייט? און דער שעריף ענטפערט: הענגען פערד-גאַנאָווים, דאָס הייסט גערעכטיקייט... איין געשוואוירענער זאָגט: שולדיק! און דער האָמוין, וואָס פילט אָן דעם שפּייכלער, שרייט נאָך: שולדיק, שולדיק! הענגט אים! אַ שטריק! אַ שטריק! אָבער אין דעם מאָמענט, ווען אַלע וואַרפן זיך אַף אים, שטעלט זיך איין פאַר אים דער שעריף מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און פאָדערט אַליין דורכצופירן די שטראָף, נאָר פריער וויל ער הערן די מיינונג פונעם גאַלעך, צו וועמען ער ווענדעט זיך: זאָגט דעם ריינעם עמעס, נאָר דעם עמעס! און ווען באַם גאַלעך גיט זיך אַ ריר דער געוויסן און ער ענטפערט, אַז ס'איז אים שווער צו העלפן צונעמען דאָס לעבן באַ זיין ברודער... האַקט אים איבער דער שעריף: רעליגיע איז איין זאַך און געזעץ אַ צווייטע: אין רעליגיע זיינען מיר אַלע ברידער און ווען ס'האַנדלט זיך פון געזעץ, האַרגענען מיר אַוועק אונדזער ברודער, ווען ער גאַנוועט פערד... אויסער דעם וועט ער, דער גאַלעך, אַליין דאָך אים ניט הענגען... און דאָס הייליקע ברודערל בעט זיך באַ

בלאַנקאַ ער זאָל זיך מוידע זיין. יעדער ווייסט, זאָגט ער, אַז ער האָט באַם שעריף געליען אַ פערד, ווייל זיינס האָט אָנגעהויבן הינקען; יעדער ווייסט, אַז בלאַנקאַ איז נעכטן געקומען און איז צו אים פאַרפאַרן און אינדערפרי איז דאָס פערד פאַרשוואונדן. בלאַנקאַ פרעגט אים דערויף צי איז עמעס, אַז זיי האָבן געהאַט אַ סיכסעך נעכטן אָוונט איבער עפּעס אַ זאַך, וואָס איז געבליבן פון זייער מאַמען? און זאָל דער גאַלעך זאָגן, צי האָט ער אים דערמאָנט, אַז ס'פערד איז ניט געווען זיינס. דאָ מישט זיך אַריין די פּראָסטיטוטקע און זאָגט, אַז זי האָט געזען בלאַנקאָן אַפן פערד. מ'הייסט איר שווערן, מ'דערלויבט איר אָבער ניט צו קושן די ביבל. זי פּראָטעסטירט: „ערגערע פאַר מיר האָבן געקושט דאָס בוך... אין מיינע אַלע זינד האָט דאָך דער גרעסטער טייל פון אייך אַ כיילעק... איך דאַרף דאָך לעבן, דאַרף איך דאָך? אַזוי ווי איר אַלע"...

דער אוילעם טומלט זיך אַזוי לאַנג באַם „מישפּעט" ביז ס'דערהערט זיך אַ גערויש; מ'האָט געפונען דאָס פערד. דאָס שטוינען ווערט גרויס, אַ קאָל דערטראָגט זיך, אַז מ'האָט אויך געכאַפּט דעם גאַנעוו — אַ פרוי. מ'הייסט איר אַריינברענגען. ווען בלאַנקאַ דערזעט זי, צעשרייט ער זיך אַ דערשראָקענער: שעריף! די פרוי איז ניט קיין ווירקלעכע, זייט פאָרזיכ-טיק! זי האָט אַף מיר געבראַכט דעם אומגליק. דער שעריף הייסט אים פאַרמאַכן ס'מויל און די פרוי הויבט אָןריידן.

די פרוי: איך האָב גענומען דאָס פערד צו ראַטעווען מיין קינדס לעבן. איך האָב געמיינט, ס'וועט מיך ברענגען צו אַ דאָקטער אין צייט. ס'האָט זיך געשטיקט פון קרופּ.

בלאַנקאַ: אַ דערוואַרגער פון קליינע: דאָס איז דער נאָמען פאַר אים. זיין שטיקן זיך איז ניט געווען קיין ווירקלעכס: וואַרט, וועט איר זען מיינס. (ער טאַפּט אָן זיין האַלדז און כליפּעט).

דער שעריף: וואו איז דאָס קינד?

איינער פון דער כעוורע: ס'איז טויט. מ'מאַכט אַ טרומנע פאַר דעם.

בלאַנקאַ (מיט שרעקלעכע קאָנוואולסיעס אין גאַרגל — ווי מעשוגע) טויט! דאָס קינד, פאַר וועמען איך האָב אָפּגעגעבן מיין לעבן! (ער ברעכט אויס אין אַ שרעקלעך געלעכטער).

איינער דערציילט: ווען איך בין איבער איר געקומען, איז זי געזעסן מיטן טויטן קערפּערל אַף איר שויס. דאָס פערד האָט געשפּיצט דאָס גראָז אַף דער אַנדער זייט וועג. דער שעריף פרעגט די פרוי פאַרוואָס האָט זי געגאַנוועט דאָס פערד פונעם גאַלעך און זי ענטפערט: איך האָב עם גענומען באַ אַ מאַן. איך האָב געמיינט, אַז גאָט האָט מיר אים צוגעשיקט. איך האָב אָהער געריטן אַ מוטיקע, טראַכטנדיק אַזוי און ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזען — דאָס קינד ליגט ווי אַ שטיק בליי אין מיינע אָרעמס. גאָט וואָלט קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויזאַם צו שיקן דאָס פערד מיך אַזוי צו אָנטוישן.

בלאַנקאַ: נעמלעך דאָס איז, וואָס ער איז געווען...

די פרוי באַגרייפט וואָס דאָ קומט פאָר און זאָגט, אַז בלאַנקאָ איז ניט דער מאַן, וואָס האָט איר געגעבן דאָס פערד. זי שווערט, אַז ס'איז ניט געווען בלאַנקאָ. הענגט מיך אָנשטאָט אים, בעט זי זיך, איך האָב ניט איצט צוליב וואָס צו לעבן. איר טאָרט ניט שטעלן העכער דער פּראָסטי-טוטקעס וואָרט פון מיינעם, זי האָט קיינמאָל קיין קינד ניט געהאַט... דער שעריף פרעגט צום לעצטן מאָל די זוינע, פימי עוואַנס, צי דער אַרעסטיר-טער איז געווען דער מאַן אָפן פערד און איר געוויסן רירט זיך אויך און זי שרייט אוים: אָ, גאָט! ער האָט געפילט דעם קינדס הענטלעך אָף זיין האַלדז — איך קען ניט (אויסברעכנדיק אין אַ געוויין און זידלענדיק די אַרנטלעכע פרוי) ניין! ס'איז ניט געווען ער! איך האָב עם בלויז געזאָגט, ווייל ער האָט מיך באַליידיקט. זאָל איך דעם שלאַק באַקומען, אויב איך האָב אים ווען געזען אָפן פערד!

דער שעריף טראָגט אַרוים דעם פּסאַק, אַז אַזוי ווי דאָס פערד האָט זיך אָפּגעזוכט און אַזוי ווי נעמען אַ פערד צו פאָרן צו אַ דאָקטער הייסט ניט קיין גנייווע, באַפרייט ער בלאַנקאָ פּאָזנעט.

בלאַנקאָ האַלט אַ דראָשע: טייערע ברידער! דאָס איז אַ פאַרפוילטע וועלט.

דער גאַלעך באַמערקט: ס'איז פאַראַן איינער אין הימל, בלאַנקאָ, און בלאַנקאָ רעדט ווייטער:

וואָס ווייסטו וועגן אים? דו, וואָס רעדסט שטענדיק, גלייך ער זאָל קיינמאָל קיין זאַך ניט טון אָן דיין פאַרפוילטער דערלויבעניש? פאַרוואָס איז דאָס קינד געשטאָרבן? זאָג, אויב דו ווייסט. ס'איז אוממעגלעך, ער זאָל האָבן געוואָלט דערמאָרדן דאָס קינד. פאַרוואָס האָט ער דערוועקט מיין ראַכמאָנעס אָפן קינד, ווען ער אַליין איז אַזוי גרויזאַם געווען צו דעם? פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי גרויזאַם צום קינד און דערבאַרעמדיק אָף אַזאַ פאַרפוילטן נעפעש, ווי איך? פאַרוואָס בין איך אַליין ווייך געוואָרן? פאַרוואָס איז דער שעריף ווייך געוואָרן? פאַרוואָס איז פימי ווייך גע-וואָרן? וואָס איז די שפּיל, וואָס מאַכט צו נישט אונדזער שפּיל? ווייל מיר שיינט, אַז ס'זיינען פאַראַן צווייערליי שפּילן. אונדזער שפּיל איז אַ פאַר-פוילטע שפּיל, וואָס מאַכט מיך פילן, אַז איך בין שמוציק און אַז אַלע זיינט איר פאַרפוילטער שמוץ ווי איך. די אַנדערע שפּיל איז מעגלעך אַ נאַרישע שפּיל, אָבער זי איז ניט צעפוילט. ווען דער שעריף האָט איר גע-שפּילט האָט ער אויפגעהערט צו פוילן. ווען פימי האָט איר געשפּילט איז שיר די פאַרב ניט אַראָפּגעפאַלן פון איר פּאָנים. ווען איך האָב איר גע-שפּילט, האָב איך מיך געשאָלטן פאַר מיין נאַרישקייט; אָבער איך האָב דאַן פאַרלוירן דאָס געפיל פון צעפוילטקייט.

דער גאַלעך: גאָט האָט גערעדט צו דיין נעשאָמע, בלאַנקאָ.

בלאַנקאָ: אָ, יאָ! דו ווייסט אַ סאַך וועגן גאָט, ניט עמעס? דו ביסט גאָטס פּאַרטרויאונגס מענטש. ער וועט קיינמאָל ניט טאָן אַ זאַך, וואָס זאָל דיך אויפשוידערן, טייערער שיקער, ניט עמעס? יאָ! וואָס זשע זאָג-

סטו וועגן דער קרופּ? שוין לאַנג, אַז ער האָט באַשאַפן די קרופּ, רעכן איך. ס'איז געווען דאָס בעסטע צי וואָס ער האָט זיך דאַן געקענט דערטראַכטן; אָבער ווען ס'איז אויסגעקומען שלעכט, האָט ער באַשאַפן מיך און דיך צו באַקעמפן די קרופּ פאַר אים. דו וועסט זיך אַוודאי וועטן, אַז ער האָט אונדז ניט באַשאַפן צוליב עפּעס; און ער וואָלט אונדז ניט געווען באַשאַפן, ווען ער זאָל געווען קענען מאַכן זיין אַרבעט אָן אונדז. כ'שווער, אַז אָט צוליב דעם עקזיסטירן מיר! ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען געמאַכט אַזעלכע פּאַרפּוילטע, שיקערע גאַנאָווים ווי איך, און אַזעלכע נוצלאָזע זוינעס ווי פּימי. ער האָט מיך געמאַכט, ווייל ער האָט געהאַט אַרבעט פאַר מיר. ער האָט מיך געלאָזט פריי ביז די אַרבעט איז געוואָרן פאַרטיק און דאַן האָב איך באַדאַרפט קומען און עס דורכפירן, מען זאָל מיך יאָ אויפהענגען אָדער ניט אויפהענגען. און איך זאָג אייך, איך האָב זיך ניט געפילט צעפוילט; איך האָב זיך געפילט פריילעך. ווי ס'זאָל ניט זיין, איך האָב זיך באַפרייט פון מיין פאַרפוילטן געפיל אויף איין מאָמענט אין מיין לעבן און איך בין גרייט אין פייער צו שפרינגען זיך ווייטער דערפון באַפרייען. אָט קוקט! ווער ווייל כאָסענע האָבן מיט פּימי עוואַנס?

אַלע לאַכן פון פּימין און ווינקען זיך איבער און בלאַנקאָ רעדט ווייטער: פּימי איז געווען אַ רויז אָפן ברייטן וועג, ניט עמעס? איר האָט איר אַלע געהאַלטן פאַר דער ערגסטער פרוי פון דער געגנט און איך בין אַ שלעכטער מאַן. טאָ זאָל דער גאַלעך אונדז ביידע כאַסענע מאַכן. וואָס זאָגסטו, פּימי? זי ענטפערט אים ניט באַשטימט. ער ענדיקט זיין דראָשע: ס'איז מער ניט פאַראַן קיין וועגן. ס'איז מער ניטאָ קיין ברייטער און שמאָלער וועג. ס'איז ניטאָ קיין גוטס און שלעכטס; נאָר איך שווער, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרפוילטע שפּיל און אַ גרויסע שפּיל. איך האָב געשפּילט די פאַרפוילטע שפּיל, אָבער די גרויסע שפּיל האָט מיך איבערגעשפּיצט; און איצט בין איך גרייט צו דינען דער גרויסער שפּיל יעדן מאָמענט. פּימי, דערלאַנג אַ האַנט.

פּימי: אַוועק, דו גאַנעוו.

בלאַנקאָ: איך פיל איצט, ווי ווען דאָס קינד האָט מיך אָנגערירט. דערלאַנג אַ האַנט, פּימי. פּימי דערלאַנגט אים די האַנט... און דאָס איז די ענדע פון דער פּיעסע.

איך האָב איבערגעגעבן אויספירלעך דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, ווייל ער ווייזט אונדז בעסער איידער פיל קאָמענטאַרן, אַז בערנאַרד שאָו איז ניט פאַרקראָכן אין מעטאַפיזישן זומפּ, ווען ער האָט זיך צוגערירט צו רעליגיע. דורך בליציקע געדאַנקען און כאַראַקטעריסטישע פאַר זיין סטיל אָנדייטונגען, ברענגט ער אַרויס אין מויל פונעם הויפּטהעלד (בלאַנקאָ פּאָזנעט) די פילאָזאָפישע אידייע, אַז דאָס איינציקע באַווייזן זיך פון גאָט איז אין דער פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס. לויט בלאַנקאָס אויסדרוק זיינען פאַראַן צוויי שפּילן — איינע אַ צעפוילטע און די צווייטע אַ גרויסע. דאָס ראָוו דינט דער צעפוילטער שפּיל, הענגט פאַר גאַנוועגען אַ

פערד. קלאָרער גערעדט, דערמאָרדעט און עקספּלואַטירט מיליאָנען מענטשן טאָג טעגלעך צו האַלטן גאַנץ די פערד און די צוימלעך פון די באַלעבאַטים. ווי זאָגט אין אָנהויב פון דער פּיעסע איין פרוי, אויסדריקנדיק פּאָשעט דאָס „הייליקע רעכט" פון אייגנטום: „בעסער זאָלט איר דערמאָרדן צוואַנציק מענטשן איידער אָוועקגאַנווענען דאָס צוימל פון איין פערד"...

און דער קלער, גאָטס פאַרטרויאונגס מענטש, דער גאַלעך, פאַרקויפט אוילעם האַבע און פאַרשיקערט אוילעם האַזע און די אָרדענונגהיטער ווייסן, אַז „אין רעליגיע זיינען מיר אַלע ברידער און וואָס איז שייעך געזעץ, דערהאַרגענען מיר אונדזער ברודער, ווען ער גאַנוועט אַ פערד"...

מעגלעך, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענע קראַפט, רופט איר אָן גאָט. אָבער דער גאָט, לויט בערנאַרד שאָו, איז אין אונדז און קעמפט מיט דער צעפּוילטקייט פאַר דער גרויסער שפּיל. ער פאָדערט פון אונדז זיך צו דערהויבן און דערפילן די צעפּוילטע שפּיל אַרום אונדז; פול ווערן מיט ליבע און מיטגעפיל צו אַלע אונטערדריקטע און באַאוולטע; דורכגעדרונגען ווערן מיט פייער און גרייטקייט צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון קירבעס און אייגנטום מיט זייערע פּלאָגעס און ווען ס'פאָדערט פון אונדז אַפילע מעסירעס-נעפעש, ווי בלאַנקאַ פּאָזנעט האָט געטון יענעם מאָמענט, ווען דאָס קינד האָט פאַרוואָרפן די הענטלעך אַרום זיין האַלדז און ווי געבעטן פון אים הילף, בלאַנקאַ פּאָזנעט גלויבט אַז מיטן טויט קומט אַ סאָף צו אַלעמען. „מער ווי הענגען קען ער ניט", זאָגט ער, און ער האָט ניט מוירע פאַרן געהענעם און כאַלעמט ניט פון גאַניידן, ווייל ער ווייסט, אַז דאָ אונטערן בלויען הימל, און אַף דער גרינער ערד איז דער געהענעם מיטן גאַניידן... ווי זאָגט איעוו: „פּונקט ווי אַ וואָלקן וואָס ציט פאַרביי און ווערט פאַרשוואונדן, אַזוי וועט דער וואָס נידערט אַראָפּ אין קייווער שוין מער פון דאָרט ניט אַרויף". אָדער: „וועלן זיינע קינדער ליידן וועט עס דעם טויטן ניט וויי טאָן, און וועלן זיי געאַכטעט ווערן, וועט עס איז ניט פאַרשאַפן קיין פרייד".

אין 1909 איז די פּיעסע דערשינען און האָט אויפגעהויבן קעגן זיך אַ שרעקלעכן שטורעם. ביז היינט איז זי פאַרבאָטן אויפצופירן אין ענגלאַנד. ווייל „צעפּוילטע מאָראַל איז אַ קראַנקער צאָן וואָס טוט וויי, ווען מ'רירט זיך צו אים צו", היינט ווען מען נעמט מיט אַזאַ קויעך טרייסלען אירע וואָרצלען, ווי שאָו טוט עס אין דער פּיעסע!..

נאָך אַ פאַרביטערטן קאַמף צווישן ב. שאָו און דעם צענזאָר, איז אים קלוימערשט דערלויבט געוואָרן אויפצופירן די פּיעסע, אָבער שאָו האָט די דערלויבעניש ניט אויסגענוצט, ווייל „זי איז געגעבן געוואָרן מיט אַ טנאי אַרויסצולאָזן אַלע שטעלן אין דער געשיכטע פון בלאַנקאַ פּאָזנעט, וועלכע ציען אַריין גאָט. „די גאַנצע גראָבקייט, שווינדל, פּראָסטיטוציע, געוואַלט, שענק-כאַכמע, אַף וועלכן ס'ווערט געוואָרפן דאָס ליכט אין דער פּיעסע איז דערלויבט, נאָר דאָס ליכט אַליין איז אויסגעלאָשן. איך

פּאַרשפּאָר צו זאָגן אַז איך האָב זיך מיט דער דערלויבעניש ניט באַנוצט און קלער עס אויך אויף ווייטער ניט צו טון, גענוג דערלויבטע פינסטער־ניש איז פאַראַן אין אונדזערע טעאַטערס אויך אָן מיר".

ס'איז קעדאַי אַף אַ מאָמענט צו וואַרפן אַ בליק אַף בערנאַרד שאָוס סאָציאַלער דערציונג, ס'זאָל אונדז קלאָר ווערן ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין קריסטאַליזירטער וועלטאַנשויונג, אַדאַנק וועלכער קימאַט אַלע דערשיינונגען און פּראָבלעמען ווערן באַלויכטן אין זיינע שאַפונגען פונעם פאַביאַנישן קוקווינקל.

אין 1882, ווען בערנאַרד שאָו איז בלויז אַלט געווען זעקסאונצוואַנ־ציק יאָר, האָט ער געהערט הענרי זשאָרזשס אַ רעדע וועגן נאַציאָנאַלי־זאַציע פון ערד. די רעדע האָט אַף אים אַזאַ רוישעם געמאַכט אַז ער האָט פון דאַן אָן באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין די רייען פון די קעמפער פאַר אַ „באַפרייטער מענטשהייט". שעלי האָט אים באַאיינפלוסט מיט זיין הו־מאַניזם און וועגעטאַריאַניזם, און אָנשטאָט דעם לאָזונג קונסט לעשעם קונסט, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָדע, שליידערט ער אַ נייעם לאָזונג (אַ נייעם, וויניקסטנס, אין ענגלאַנד דאַן) קונסט לעשעם לעבן. „בלויז לעשעם קונסט, שרייבט ער, „וואָלט איך מיר ניט געגעבן די טערכע אָנצושרייבן קיין איינציקן זאַץ". ער ווערט באַפריינדעט מיט סידניי וועב, דעם פאַביאַנער טעאָרעטיקער (דעם היינטיקן לאָרד פּאַספיעלד), טרעט אַריין אין דער פאַביאַנער געזעלשאַפט פאַר אַ מיט־גליד, און ווערט אַ באַקאַנטע פיגור אַף די ראָגן פון די גאַסן, האַלטנדיק סאָציאַליסטישע רעדעס. אַף איין אָרט דריקט ער זיך אויס: „טאָמאַס קאַר־לייל און דזשאָן ראַסקין האָבן אָנגעהויבן, דער ערשטער מיט עסייען אי־בער דער דייטשער ליטעראַטור, דער צווייטער מיט קונסט־קריטיק, און זיינען געוואָרן רעוואָלוציאָנערע פּאַמפּלעטיסטן און געזעלשאַפטלעכע קעמפער; וויליאַם מאָרים דער דיכטער, מאָלער און דרוקער־קינסטלער, האָט איבערגעלאָזט זיינע פּאָעמען, גראַוויורן און די קונסט־דרוקעריי און איז אַוועק פּריידיקן אַף די גאַסן סאָציאַליזם, ווייל ווען מענטשן פאַלן פון הונגער פון אַלע זייטן און קיינער האָט קיין הארץ אָדער געהירן צו פּראָ־טעסטירן דערויף איז עס דער כוויו פון גרויסע שרייבער דאָס צו טאָן".

אין 1892 האָט ער באַשלאָסן צו ווערן דראַמאַטורג, צו פאַרוואַנדלען די בינע אין זיין טריבונע מיטן צוועק „צו באַקערן די נאַציע צו זיינע אָנ־שויאונגען" און צו „דערציען לאָנדאָן". אָבער דאָס איז אים ניט לייכט אָנגעקומען.

אין ענגלאַנד איז נאָך פאַרבליבן אַ וואָרט פון די צייטן פון די פּורי־טאַנער, אַז די טיר פון טעאַטער איז דער טויער פון געהענעם. ביז היינט נאָך גילט אַ דעקרעט פון (1843) וואָס פאַרבאָט צו עפענען אַ טעאַטער לעבן אַ קלויסטער, אָדער ניט וויט פון די לאָקאַלן פון דער „רעטונגס אַר־מיי", פון אַ שולע — מיטן טערעץ, אַז דער טעאַטער וועט אָפציען די פרו־מע שאָף פון די אָנשטעקנדיקע אינסטיטוציעס.

און אין פיל טעאַטערן איז טאַקע געקומען אוילעם ניט צוליב דער פאָרשטעלונג, נאָר צו נעמען אַביסל בראָנפן און באַטראַכטן די זוינעס, וואָס האָבן דאָרט אַרומגעשפּאַצירט. און שאָו ווי גאַלסוואָרטי, באַרי און אַנדערע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצוריייניקן דעם שמוץ און פאַרוואַנדלען דעם טעאַטער אין אַ בינע פאַר זייערע פאַרקערפּערטע אידייען.

דער לאָרד טשעמבערליין ד. ה. דער אַלגעמיינער צענזאָר, וועלכער האָט גערן אונטערגעצייכנט דערלויבנישן אָף זנוס-בירזשעס און טרינק-טעאַטערן האָט נאָך מערן גערן פאַרבאָטן שאָוס פּיעסן, וואָס עפענען די יאַטערדיקע וואונדן פונעם עקזיסטירנדיקן, צעפוילטן סאָציאַלן אָרגאַניזם.

ב. שאָו האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן און האָט ווי איבסען פאַר-געזעצט אומבאַראַכמאָנעסדיק אויפצודעקן די איבלען פון אונזער געזעל-שאַפט, מיטן איינציקן אונטערשייד, וואָס בעאיים איבסען האָט ניט אָנגע-וויזן ווי פאַטער צו ווערן פון די צאָרעס און האָט זיך אָנגעכאַפּט באַ די פּאָלעס פונעם העלדישן יאָכיד, האָט שאָו געפונען זיין שטיץ פּונקט אי-נעם מאַרקסיזם. ער ווערט פאַרכאַפּט פון די ריזיקע סאָציאַלע קאַמפן וואָס קומען היינט פאַר און דעריבער זיינען זיינע העלדן אַממיינסטן סימוואָלן פון סאָציאַלן פּראָטעסט און שטורעם, ווי מיר האָבן עס געפּרוּאווט אי-לוסטרירן, איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט פון „בלאַנקאָ פּאָזנעט".

פון 1892 ביז 1909 האָט בערנאַרד שאָו אָנגעשריבן 19 פּיעסן (ביז היינט האָט ער 39) אָבער איינמאָל איז עם געוועזן, ווען ב. שאָו האָט באַ-זונדערס אויפגעוועקט אָף זיך דעם שוואַרצן צאָרן פון דעם ענגלישן הערשנדן קלאַס, דאָס איז געווען אין יאָר 1909, ווען ער האָט פאַרעפענט-לעכט זיין „בלאַנקאָ פּאָזנעט".

איך וועל פאַרענדיקן מיט בערנאַרד שאָוס אַ כאַראַקטעריסטיש וואָרט: „צו געבן מיינע לייענער צו פאַרשטיין וואָס איז אַ פילאָזאָף, קען איך זיי בלויז זאָגן, אַז איך בין אַ פילאָזאָף. און אויב איר וועט ניט גלויבנ-דיק פרעגן, ווי אַזוי זשע זיינען אייערע אַרטיקלען אַזוי אינטערעסאַנט? וועל איך אייך ענטפערן, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי אינטערעסאַנט ווי פי-לאָזאָפיע, סיידן אירע מאַטעריאַלן זיינען ניט קיין עכטע".

דאַרף מען דען נאָך באַשטעטיקן, אַז שאָו איז אַ קינסטלער פילאָזאָף און זיינע מאַטעריאַלן — די מענטשהייט מיט אירע סאָציאַלע איבלען — זיינען פון העכסטער פּראָבע?..

# „דער וואָגן עפּל"

דערציילט ערגעץ-וואו בערנאַרד שאָו, אַז ר'איז דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז, וואו מוזיק האָט פאַרנומען שיר ניט דעם וויכטיקסטן פּלאַץ. ווען ער איז נאָך קיין גאַנצע צוועלף יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער אַף אויסווייניק געדיינקט אויסצופייפן גאַנצע מוזיקאַלישע סימפאָניעס אַזוי ווי, לעמאָשל, אַ העקער-יונג פייפט אויס די קאַפּע-לידלעך פון זיין געגנט. פאַרקערט, פאָלקס-מוזיק — ווי שטרוים וואַלצן, לעמאָשל, — פלעגן אים אָנקומען מיט צאָרעס אויסצולערנען און ר'האָט עס געטאָן ווי „רעפּובלי-קאַנישע פליכטן"... און אַז ער איז אַ באַגאַבטער מוזיק-קריטיקער איז דאָך געגנוג באַוואוסט; ער זאָגט אַף זיך אַליין איידעס, אַז אַפילע טויבע מעקלער קען ער צווינגען איבערצולייענען זיינע אַ פּאָר זייטלעך וועגן מו-זיק און מיר מעגן אים גאַנץ רואיק גלויבן.

אָט האָט דער דאָזיקער שאָו אונדז אָפּגעשפּילט אַף דער עלטער (צו פיר און זיבעציק יאָר) אַ „פּאָליטישע עקסטראַוואַגאַנץ", אַ מין ווילדע מו-זיקאַלישע סימפאָניע, אַ פּראַכטפולע שפּיל פון אַקאָרדן און געדאַנקן, אַ הויך-קינסטלערישע קאָמעדיע, וואָס ווירקט אָבער גאַנץ ערנסט נאָכדעם ווי דער ערשטער איינדרוק איז אַריבער. און טאַקע: ווייל „פאָלקס מוזיק" קענען אויספייפן אַנדערע, און ווער ס'זאָל טון „רעפּובליקאַנישע פליכטן" פעלט אויך ניט שטאַרק, האָט דער אַלט-יונגער מייסטער זיך פאַרגונען אויסצושפּילן אַ מייסטער-ווערק, וואָס האָט ניט געקענט ווערן שטאַרק פּאָפּולער, און פאַרקערט, האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אַלס אַ אָנפאַל אַף דעמאָקראַטיע און פּראַגרעס (אין דרעזדן האָט מען עס פאַרבאָטן אויפצופירן), אָבער וואָס וואַרפט אין דער עמעסן אַ העלע שיין אַף דער היינטיקער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס-טישקייט, ווייזט זי אין ריכטיקן געשטאַלט און צווינגט זיך צו פאַרקלערן. און מערקווירדיק, כאָטש בערנאַרד שאָו זעלבסט איז ווייט פון צו זיין אַף דער זייט פון די וואָס העלפן דער געשיכטע אויסוויקלען איר ריזיקן סאָ-ציאַליסטישן פּראָצעס, האָט אים זיין מויעך, זיין קלוג און ליכטיק אויג, אָנגעוויזן דעם באַנקראָט פון דאָס וואָס ס'איז אָן געגוויט, פון דער זייט אַפּילע, וואַרפן אַ בליק אַהין פון וואַנען די הילף וועט קומען. ווי ניט וועלנ-דיק כאַפּט זיך בא אים אַרויס: „איך מוז אייך וואָרענען, אַז נאָכדעם ווי אַלץ וואָס ס'איז מעגלעך וועט זיין אָפּגעטאָן, וועט ציוויליזאַציע נאָך זיין אָפּהייגיק פון דעם געוויסן פון די רעגירער און רעגירטע. אונדזערע נאַ-טירלעכע נויגונגען קענען זיין גוטע; אָבער מיר זיינען שלעכט דערצויגן געוואָרן, און מיר זיינען פול מיט אַנטיסאָציאַלע פּערזענלעכע אַמביציעס, פאָרורטיילן און סנאָביזמען. וואָלטן מיר ניט באַדאַרפט בעסער לערנען אונדזערע קינדער צו זיין בעסערע בירגער פון אונדז? מיר טוען עס ניט

מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי

אין דער קעגנוואַרט. די רוסן טוען עס. (אונטערגעשטראָכן פון ב. שאָו). דאָס איז מיין לעצט וואָרט. טראַכט וועגן דעם".

די אויבן ציטירטע ווערטער זיינען דער גרונד-געדאַנק פון דער קאָמעדיע. נו, און וועגן איר, דעמאָקראַטן, האָט שוין פאַרכאַפּט די מאַכט ווי, לעמאָשל, איצט אין דייטשלאַנד, טאָ וואו וועט איר נעמען נייע מענטשן, בעסערע בירגער, געוויסנהאַפטע רעגירער, זיינען דאָך די היינטיקע פול מיט אַנטי-סאָציאַלע פּערזענלעכע אַמביציעס, פאָרורטיילן און סנאָביזמען? און שאָו ענטפערט קלאָר: מ'וועט זיי דאַרפן אויפהאָדעווען, דערציען דאָס קליינוואַרג, אָבער קעדיי דער פּראָצעס פון סאָציאַלער איבערדערציונג זאָל קענען פאַרווירקלעכט ווערן, דאַרף מען נאָכטאָן די רוסן — דאָס איז זיין לעצט וואָרט... און די קינסטלערישע אָנרעגונג אַ שפּיל צו טאָן, לעבעדיק צו אילוסטרירן מיט בילדער, ווי דער דערעך איז פון אַ גרויסן קאָמעדיאַנט-דראַמאַטורג, איז געקומען פון פאָלגנדיקן פאַקט:

אין ענגלאַנד האָט געלעבט אַ גרויסער אַנאַנים, ס'הייסט, ר'האָט יאָ געהאַט אַ נאָמען: ר'האָט זיך גערופן אַלפרעד וואַרוויק גאַטי, אָבער קעדיי אויך איך, אין ב. איירעס, זאָל וויסן זיי נאָמען, האָט ער פריער געמוזט שטאַרבן... באַם לעבן איז ער געווען אַן אַנאַנים. האָט אָט דער מענטש אָנגעשריבן אַ דראַמע. ניט זייער קיין גרויסע, אָבער אויך הערכער פון אַ מיטלמעסיקער. ב. שאָו האָט זיך מיט דעם מענטשן באַקאַנט, די דראַמע איז אים אַפילע געפעלן, אָבער דער מענטש איז געווען אַ מאָדנער און צעשרויפטער און אַז ער זאָל זיך אַנטוויקלען און האָבן גענוג גלייכגעוויכט צו קענען שפּילן אויך ווייטער מיט מענטשן און זייערע גוירלס, האָט ער געצווייפלט. און אַז שאָו האָט זיך צו אים קאַלט באַצויגן האָט דאָך די „וועלט" געמעגט אים אינגאַנצן איגנאָרירן... איינמאָל, דערציילט שאָו, ס'איז געווען מילכאָמע-צייט, קומט צו אים זיינער אַ פריינט און לאַדט אים איין צו גאַטין אין ווערקשטאַט. אָט דער גאַטי, האָט יענער דערציילט, האָט געמאַכט אַ דערפינדונג, וואָס וועט איינשפּאָרן דעם פאָלק מיליאָנען און וועט מעגלעך מאַכן צו פאָרמירן די אַרמיי מיט טויזנטער סאָלדאַטן דורכן פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער אָף די פאַבריקן. שאָו האָט אויסגעשאָסן אַ האַמעריש געלעכטער, אָבער נאָכדעם ווי ר'האָט געזען, אַז זיין פריינט ווערט בערויגעז, האָט ער געפּרוווט ווערן ערנסט, ניט אַרויסווייזן אַזוי פיל סקעפּטיציזם און האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. אין באַשטימטן טאָג, איז ער מיט זיין באַוועראָוועק צו גאַטין. זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסער געביידע ערגיץ הינטער דער שטאָט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ אייזנבאַן-סטאַנציע. פון דער געביידע האָבן זיך געצויגן איבער אַ פעלד רעלסן און אָף זיי וואַגאָנדלעך געדעקטע מיט שטאָלענע פּלאַטן. אינווייניק איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש און אָף אים אין דער גאַנצער לייַנג איז געווען אַ גאַנצע ריי עלעקטרישע קנעפּ. מ'האָט אַרויפגעשטעלט אַ שטול אָף אַ וואַגאָנדל, שאָו האָט מען אַרויפגעזעצט אָפן שטול, אים צופוסנס האָט מען אַוועקגעשטעלט

אַ פולע גלאָז וואַסער. ר׳האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי מ׳זעצט אים אַף אַן עלעקטרישן שטול און איז געוואָרן אַביסל נערוועז. נאָר אָט האָט גאַטי זיך אַוועקגעזעצט מאַיעסטעטיש באַם טיש און האָט אַ דריק געטאָן אַן עלעקטרישן קנאָפּ; דאָס וואַגאָנדל אַף וועלכן שאָו איז געזעסן האָט זיך אַ לאָז געטאָן און אַ צווייטס, פּאַראַלעל מיט דעם; און ווען דאָס צווייטע איז פאַרביי זיינס האָט ער זיך ווי דורך קישעף דערזען זיצן אַפן צווייטן מיט דער פולער גלאָז וואַסער צופיסנס פון וועלכער ס׳האָט זיך קיין איינציקער טראָפּן ניט אויסגעגאָסן. ווען ער איז אַראָפּ, איז ער געווען ווי געפּלעפט פון דעם כידעש, און בעטנדיק אַנטשולדיקונג באַ גאַטין, האָט ער אים געזאָגט, אַז ר׳האָט ניט געוואוסט, אַז גאַטי איז אַן אינזשעניר. ר׳האָט געמיינט ר׳איז בלויז אַ דילעטאַנט. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען דער לעצטער האָט אים געענטפערט, אַז ר׳איז ניט קיין אינזשעניר. און שאָו דערציילט אָט וואָס: גאַטי האָט געדינט אין אַן עלעקטרישער פאַבריק. ער האָט אָבער דאָרט לאַנג ניט געקענט צוזען ווי ס׳ווערן אומזיסט צעבראָכן טויזנטער לעמפּעלעך און אַנדערע גלעזערנע קיילים, בעאיים די אַרבעטער טראָגן זיי פון איין אָרט אַפן אַנדערן, איז ער אַוועק און האָט דערפונדן ווי אַזוי איבערצופירן גלאָזוואַרג אַזוי, אַז אַפילע אַ גלאָז וואַסער זאָל זיך אַ ריר ניט טאָן. דאָס וואָלט איינגעשפּאָרט מיליאַנען שאָדן און וואָלט מעגלעך געמאַכט עקאָנאָמיזירן מענטשלעכע אַרבעט, האָט זיך אָבער דער געניאַלער דערפינדער אין דער בורזשואַזער ווירקלעכקייט אָנגעטראָפן אַף דער געזעלשאַפט „ברייקעדזשעס לימיטייד" (אַ געזעלשאַפט, וואָס מאַכט קאַפּיטאַל פון פאַריכטן צעבראָכענע קיילים), האָט מען אויפגעהויבן קעגן זיין דערפינדונג אַ גוואַלד, געדראָט אַז טויזנטער קינדער וועלן שטאַרבן פון הונגער, אויב מ׳זאָל אָננעמען די דערפינדונג, פיל אַרבעטער וועלן פאַרלירן זייער אַרבעט, לעבן דאָך גלעזער פון צעבראָכענע שויבן... און קעדיי די נאַציאָנאַלע אינדוסטריע זאָל ניט ליידן, האָט מען איגנאָרירט דעם מענטשן. ווי אַזאַ דערמוטיקונג האָט געווירקט אַף גאַטין, קען מען זען פון אַ צווייטן פאַקט.

דאָס לעצטע מאָל, וואָס שאָו האָט געזען גאַטין, איז געווען דעמאָלט ווען ער איז צוגעקומען צו אים אַהיים און „האָט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען פאַר אים אַ פּלאַן וועלכער האָט, לויט ער האָט דערקלערט, באַדאַרפט זיין גרעסער פון יענע ,וואַגאָנדלעך׳. ר׳האָט אָנגעהויבן שילדערן אַ לעבעדיק בילד פון די פּיראַטן, וואָס האָבן פאַרפּעסטעט די טעמזע אונטערן לאָנדאָנער בריק איידער מ׳האָט אויסגעבויט די דאָקן דאָרט". „ער האָט געשילדערט", דערציילט שאָו, „ווי אַזוי די דאָקן האָבן געדינט אַלס פעסטונגען קעגן די פּיראַטן. און ר׳האָט געוויזן אַ פּלאַן ווי אַזוי אויסצובויען אינמיטן טייך אַ לאָנדונגס פּלאַץ, וואָס זאָל זיך דירעקט קאָמוניקירן דורך אַ באַן מיטן ברעג. די שיפן זאָלן זיך שטעלן מיט דער גאַנצער ליינג פוןביידע זייטן לאַנדונגס פּלאַץ; און לויט אַן איינפאַכער סיסטעם פון הויבערס זאָלן זייערע מאַסאָס אַרויסגעהויבן און איבערגעפירט ווערן (ווי

איך אפן שטול) צו די באַן־וואַגאָנעס, מאָטאָר־וועגענער, ניט ווערנדיק אָנ־געדירט פון אַ מענטשלעכער האַנט און דעריבער אָן ריזיקע צעבראָכן צו ווערן. ס'איז געווען אַזוי מייסטעריש, אַזוי איינפאַך אין זיין קאָמפּליצירט־קייט, אַזוי איבערצייגנדיק בענויגע דער פּראַקטישקייט און אַזוי ווערט־פול פאַר דער געזעלשאַפט, אַז איך, נעמענדיק עס זייער ערנסט, האָב גע־וואָלט גלייך אָנהויבן דיסקוטירן וואָס קען געטאָן ווערן צו פּאַראינטערע־סירן די פּאַסיקע מענטשן". אָבער ווי איז שאָו דערשטוינט געוואָרן, ווען גאַטי האָט, אָן אויפגערעגטער און אַנטוישטער, אויסגערופן: „זעט אויס, איר פאַרשטייט מיך ניט. איך האָב די אַלע מעכאַנישע נאַרישקייטן גע־וויזן בלויז אַלס אילוסטראַציע. וועגן וואָס איך בין געקומען מיט אייך זיך בּאַראָטן, איז מיקויעך אַ גרויסער מעלאָדראַמע, וואָס איך וויל שרייבן, וועלכע דאַרף זיך אָפּשפּילן אַפן לאָנדאָנער טייך צווישן פּיראַטן!"...

„געמוטיקט" פונ'ם דערפאָלג פון זיין ערשטער וויכטיקער דערפינ־דונג, האָט דער דאָזיקער אויטאָדידאַקטישער גרויסער דערפינדער גע־מוזט זוכן אַ טרייסט אין באַנוצן די ווייטערדיקע פּלענער זיינע אַלס אי־לוסטראַציע צו אַ מעלאָדראַמע...

ער איז אַוועק אין קייוער מיט דער גאַנצער דערפינדערישער פּאַ־טענץ זיינער. איינער פון אַסאַך פון זיינס גלייכן. — די איראָניע פון אונ־דזער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפט. שאָו האָט אים גענומען אַלס אילוסטראַציע צו זיין „וואָגן עפּל".

אַצינד וועלן מיר איבערגיין צו דער קאָמעדיע גופא. אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטן. צווישן ערשטן און אַנדערן אַקט אַן אינטערלודיע. ביידע אַקטן שפּילן זיך אָפּ באַם ענגלישן קייסער מאַגנוס אין פּאַלאַץ אין די לעצטע יאָרן פונ'ם היינטיקן יאָרהונדערט. מאַגנוס איז, דאַרף מען וויסן, אַ גילגל פון גאָטין. פּאַרוואָס אַ קייסער, וועלן מיר שפּעטער פּרואוון פאַר־שטיין. לויט שאָון קומט אויס, אַז אַף דער גאַנצער וועלט איז מעגלעך ס'זאָלן פּאָרקומען רעוואָלוציעס, נאָר ניט אין ענגלאַנד. און אַזוי ווי די ציוויליזאַציע איז דעריבער דעמאָלט דיזעלבע וואָס די היינטיקע לאַבאָ־ריסטישע, קומט פאָר אין ערשטן אַקט, אין פּאַלאַץ, אַ געשפּרעך צווישן דעם קייסערס צוויי שרייבער, אין לויף פון וועלכן איינער דערציילט, אַז זיין טאַטע איז געשטאָרבן פון איינזאַמקייט: אין יאָר 1962 איז ער גע־פאָרן אַף אַ שיף, די שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער האָט זיך געראַטע־וועט אַף אַ אינדזל. גאַנצע דריי וואָכן איז ער דאָרט געווען אַליין, איז ער אַראָפּ פון זינען און איז געשטאָרבן פון איינזאַמקייט...

אַ געלונגענער כוויזעק איבערן היינטיקן מענטשן: קיין גייסטיקן אינ־האַלט האָט ער ניט. בלויז אויסערלעכע פאַרוויילונגען, טעאַטער־פאָרשטע־לונגען און פוטבאָל־שפּיל. הערסטו אים אויף צו פאַרווילן — לאַנגוויי־ליקט ער זיך און קען שטאַרבן פון איינזאַמקייט אין דריי וואָכן צייט....

נאָכדעם גייט אַוועק אַ סעדרע דער קעניג און זיינע פאָלקס מיניס־טאָרן. מאַגנוס, ווי דער נאָמען ווייזט, איז גרויס. שאָוס געדאַנק איז גע־

ווען צו שאַפן אַ גרויסן יאַכיד, וועלכער האָט טאַקע: מיט דער גאַנצער „שיינער" אַריסטאָקראַטישער טראַדיציע זיינער, אויך איבערגענומען קולטור. און דער פון פאָלק אויסדערוויילטער ערשטער מיניסטער הייסט פּראַטעוס אַנשטאַט פּראָמעטעוס. ס'קען הייסן אַ כויזעק אָף אַ העלד, וואָס האָט געזאָלט ברייגגען הימלישן פייער זיינע מיטמענטשן, אָבער איז אין דער ווירקלעכקייט אַ קאָרומפּירטער נישטיקער קאַריעריסט, אַ קעמפּער פאַר מאַכט. איז אָט שטעלן זיך אַריין זעקס פּאָלקס מיניסטאָרן מע־נער און צוויי מיניסטאָרן פרויען, זיי זיינען געקומען פּראָטעסטירן, זאָגן זיי, קעגן דעם וואָס דער קעניג האָט, פריער מיט אַ טאָג, דערקלערט אָף דער דערעפענונג פון דער קאָמערציעלער בירזשע, אַז זיין קעניגלעכע וועטאָ איז די איינציקע פּאָלקס שוץ קעגן קאָרומפּירטער געזעצגעבונג. און דאָ קומט פאַר אַ פּראַכטפול ווערטער־געפעכט צווישן מאַגנוסן און די פּאָלקס פאָרשטייער. ער וויל נישט זיין קיין טויטער שטעמפּל. זיי ווילן אים האַלטן בלויז אַלס רודימענט. ער טיינעט, אַז זיי זיינען אין די הענט פון דער פּרעסע, וואָס קען אויפרייצן דעם עלעקטאָראַט קעגן זיי. ער, דאַ־קעגן, זוכט ניט קיין שטימען. אים האָט מען ניט געוויילט, ער איז אָבער דערצויגן אַלס פירער. זיי זיינען טאַקע פּאָלקס מענטשן, אָבער אָן קול־טור. זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט דורך דעמאַגאָגיק און ווען זיי דאַרפן עפּעס טאָן פאַרן פאָלק, איבט אויס אָף זיי אַ דרוק, בעסער געזאָגט, זיינען זיי אָפּהייגגיק פון דער כעוורע, וואָס לעבט פון ברוכוואַרג, וואָס איז שטענדיק גרייט יעדן געזונטן פּראָיעקט אָדער נייע נוצלעכע דערפינדונג צו פאַרוואַרפן עס זאָל, כאַלילע, ניט אויפהערן קיין ברוכוואַרג (דאַרף מען נאָך אַ בעסערן כייזעק אָף היינטיקן געפענטעטן ענגלישן לאַ־באָריזם?...), און אויסערדעם האָט זיך זיי פאַרדרייט דער קאָפּ נאָכדעם ווי זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט. און ווען פּראָטעוס דריקט צו מאַג־נוסן ער זאָל כאַסמענען אַן אולטימאַטום, אַז ער וועט גאָרניט וועטירן איידער ער וועט זיך באַראַטן מיט אים, ענטפערט מאַגנוס, אַז ער וועט אינגאַנצן אַבדיקירן לעטוווּעס זיין זון, אָדער ער וועט אַוועק אין פּאָלק אַלס אַ פּאָשעטער יאָכיד. ער וועט גרינדן אַ פּאַרטיי און וועט קריגן אַ פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט, וואו ער וועט באַקעמפן זייערע מייסים און זייער קאָרופּציע. די מיניסטאָרן דערשרעקן זיך פון אַזאַ פּראָיעקט, אָף אַזאַ אי־בערקערן דעם וואָגן עפּל האָבן זיי זיך ניט געריכט. זיי גיבן זיך רעכע־נונג אַז אַזאַ סענסאַציע וועט ציען אַסאַך שטימען און אויסער דעם וועט מאַגנוס צעלאָזן דעם פּאַרלאַמענט איידער ער וועט אַבדיקירן און רופן נייע וואַלן... פּראָטעוס צערייסט דעם אולטימאַטום; דער קעניג בלייבט באַ זיין וועטאָ, דער וואָגן עפּל פאַרט ווייטער און די מיניסטאָרן בלייבן אָף זייערע ביינקלעך, יעדער מיט זיין געשעפט...

קעדיי מיר זאָלן גוט פאַרשטיין דעם שאַרפזין און ווערט פון דער שפּיל מוזן מיר זיך אָף אַ מאָמענט אומקערן צו שאָוס פאָררעדע. ער זאָגט: די גוטע באַקאַנטע פּראַזע, אַז אַ רעגירונג דאַרף קומען פון פּאָלק, מוז אַר־

בעטן לעטוויוועס דעם פֿאָלק און דאָס פֿאָלק מוז רעגירט ווערן דורכן פֿאָלק, טיילט זיך אײַן אין דרײַ פּונקטן. מיט די ערשטע צוויי איז ער מאַס־קים, מיטן לעצטן ניט אַזוי לײַכט. גאַנץ פֿאַרשטענדלעך אַז ס׳איז נויטיק אַ רעגירונג זאָל קומען פֿון פֿאָלק; וויכטיק איז, אַז זי זאָל אַרבעטן לעטווי־וועס מ׳פֿאָלק, אָבער אַז דאָס פֿאָלק אַליין זאָל רעגירן, איז פּאַשעט אומעג־לעך. פֿילײַכט הונדערט מענטשן זײַנען דאָ אויף דער גאַרער וועלט, טײַנעט ער, וואָס קענען אָנשרײַבן אַ גוטע דראַמע און אַזעלכע וואָס קענען שאַפֿן אַ גוט געזעץ זײַנען פֿאַראַן נאָך ווייניקער. הײַנט ווי אַזוי זשע איז מעגלעך, אַז מענטשן וואָס קענען בלויז האַלטן אַ רעדע און כאַנפֿענען דעם האַמוין זאָלן דערלאָזט ווערן צו שאַפֿן געזעצן? הײַנט צו טאָג איז עס אַזוי. און ביז ס׳וועט געוועלטיקן די הײַנטיקע ענגלישע דעמאָקראַטיע, וועט מען מוזן אָנקומען צו מאַגנוסן, דעם פּראָדוקט פֿון דער אינדיווידואַליסטיש־אידע־אַליסטישער אייראָפּע, ער זאָל איר ראַטעווען פֿון די דעמאַגאָגישע דע־מאָקראַטן. און אויב דער יאָכיד, גאָט, וועט ניט באַזיצן מאַגנוסעס שווינ־דלערישקייט און וועט נישט פֿאַרוואַרפֿן זײַנע פּלענער לעטוויוועס „ברײַ־קעדזשעס לימיטיידעד" (די ברוכוואַרג־הענדלער), פּאַשעטער גערעדט, לעטוויוועס דער בורזשואַזיע, וועט ער קיין פּירער ניט ווערן. דער פֿאַקט איז, וואָס דערווײַל זײַנען נײַנציק פּראָצענט גאַטיס אָנשטענדיקע, זיי גייען מיטן שטראָם, און דערפֿאַר ווערן זיי „קייסאָרים", פּירער, פּערזענ־לעכקייטן. די אויסדערוויילטע פֿון פֿאָלק זאָלן אַליין פּעאיק ווערן צו שאַפֿן ריכטיקע געזעצן און ניט זײַן אָפּהענגיק פֿון די „ברוכוואַרגער", דאַרפֿן זיי זײַן אַזעלכע, וואָס גייען ניט אויף פּשאָרעס מיט די אינדיווידואַליסטי־שע פּירער פֿון דער אַלטער וועלט, וואָס שטרעבן צו שאַפֿן פֿאָלקס פֿאַר־שטייער וועלכע זאָלן קענען שרײַבן געזעצן, ניט פֿאַרמאָגן קיין אַנטי־סאָ־ציאַלע אַמביציעס, וואָס וועלן ניט זײַן קאָרומפּירט א. ד. ג.

ווי אַזוי?

דער טערעץ איז אַלט ווי די געשיכטע: איר וועט שטאַרבן אין דער מידבער און ערשט אײַערע קינדער וואָס וועלן קומען נאָך אײַך א. א וו.

— די סאָציאַלע איבערדערציונג פֿונ׳ם נײַעם דאָר, הייסט עס.

גרייטן מיר צו צו דעם אונדזערע קינדער?

בערנאַרד שאָו ענטפֿערט: ניין. מיר טוען עס דערווײַל ניט — די רוסן טוען עס.

# פרענק הערריסעס לעצט בוך וועגן בערנאַרד שאָו

## די טראַגעדיע פון אַן אַמביציע

פרענק העררים, דער שעקספיר-פאָרשער און ליטעראַטור-קריטיקער, איז געשטאָרבן דעם 26-טן אויגוסט, 1931, אַפן זעקסאונזיבעציקסטן יאָר פון זיין לעבן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זיין בוך „בערנאַרד שאָו". דעם קסאָוו-יאַד האָט ער איבערגעשיקט צו שאָון ער זאָל אים קאָרעגירן צום דרוק און דאָס בוך איז דערשינען אין נאָוועמבער, אונטער שאָוס רעדאַקציע מיט זיינעם אַ פּאָסט סקריפּטום.

ווען בערנאַרד שאָו איז אַלט געווען אַ יאָר 39 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס מוזיק-קריטיקער פון דער „סאַטאָרדיי-רעוויו", אַ זשורנאַל אַזאַ, וואָס איז צו יענער צייט דערשינען אונטער פרענק העררים'ס רע־דאַקציע. בערנאַדר שאָו האָט די איינלאַדונג אָנגענומען; ער האָט טאַקע דאַן קוינע שעם געוועזן מיט זיינע בריליאַנטענע מוזיק-אַרטיקלען. פיר יאָר איז ער געווען מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל ביז ער איז איבער־געגאַנגען אין אַנדערע הענט. פון דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די גוטפריינד־שאַפט צווישן בערנאַרד שאָו און פרענק העררים.

ווען שאָו איז אַריינגעטראָטן אין העררים'ס רעדאַקציע איז ער נאָך ניט געווען זייער אָנערקענט; ער האָט זיך נאָך דאַן ניט געהאַט געפונען. אין פאַרלויף פון ניין יאָר האָט ער געשריבן נאָוועלן; געשריבן אַן כיי־שעק, אַן באַגייסטערונג — איינפאַך, ווייל ער האָט געפילט אַז ער מוז עפּעס טון, קיינער האָט די נאָוועלן ניט אָנגענומען. און אָט אין אַזאַ צייט האָט אים פרענק העררים צוגענומען פאַר מיטאַרבעטער מיט אַ געהאַלט פון 312 פונט יערלעך. צווישן די איבעריקע מיטאַרבעטער האָבן זיך גע־רעכנט ה. זש. וועלס, אָסקאַר ווייַלד, קאָנינגאַם-גראַהאַם, וואָלטער פּעיטער און אַנדערע. שאָוס שלעכטע צייט (ניין יאָר האָט ער געליטן פון ניט אָנערקענונג און נויט) איז אַוועק, און פון דאַן האָט זיך פאַר אים אָנגע־הויבן אַ לעבן פון מאַטעריעלן און ליטעראַרישן דערפאָלג — איז קיין וואונדער ניט וואָס שאָו איז אַף אייביק פאַרבליבן דאַנקבאַר פרענק העררים'ן.

פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט אָבער, מוז דאָ גלייך באַמערקט ווערן, העלפן ניט דער פערזאָן וועמען זיי ווערן אַרויסגעוויזן צו אַנטוויק־לען אַ גענאָישן מויעך אָדער עכטן טאַלאַנט פון אַ קינסטלער. פרענק העררים האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ערודיציע, ער האָט געשטודירט אין צוויי דייטשע אוניווערסיטעטן, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שעקספּיר-פאָר־שונג, האָט געלייענט באַלזאַקן, האָט פאַרגעטערט שעקספּירן און גע־גלויבט אין יעזוסן; ער וואָלט גיכער געוואָלט (ווי ער אַליין זאָגט) ווערן געשטיצט אין זיינע איבערצייגונגען פון געטען און קאַרלייל'ן איידער פון מאַרקסן און בערנאַרד שאָו, מיט איין וואָרט, אַ טיפּישער וויקטאָריאַנער.

יאָרן לאַנג פלעגט ער זיך גרייטן עפעס אָנצושרייבן (דרייצן יאָר האָט ער, צ. ב., געשטודירט שעקספירן צו קענען אָנשרייבן זיין בוך „שעקספיר”) און דאָך זיינען, קימאַט שטענדיק, די קינדער פון זיין גייסט אַרויסגעקומען שיר ניט ראַכיטישע. באַ הערריסן האָט עס געהייסן „זיך נעמען אין די הענט אַריין, און אויספרעסן פון זיך אַ טוגנט וואָס זאָל דיסטילירט ווערן אין אַ איידל געטראַנק”. אָנשרייבן אַ ווערק איבער שעקספיר דאָס האָט געמיינט פאַר אים די העכסטע מאַדרייגע פון קינסטלערישן שאַפן, און זיין גרעסטע דערגרייכונג איז טאַקע זיין „שעקספיר”.

זיין מוזיק-קריטיקער אָבער, האָט קיינמאָל נישט געלערנט אין אוניווערסיטעטן, דאָס ביסל צייט וואָס ער האָט, אין דער יוגנט, באַזוכט אַ שולע האָט ער אויך קימאַט קיינמאָל ניט געקוקט אין די שול-ביכער. זיין אוניווערסיטעט איז געווען די ביבליאָטעק פונעם בריטישן מוזעום; זיין אַמביציע איז געווען ניט צו שרייבן איבער שעקספירן נאָר אים איבעריאָגן... מיטן גאַנצן ברען האָט דער פייערדיקער אירלענדער גענומען פרייַדיקן סאָציאַליזם אַף אַלע גאַסן, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דראַמע און פאַרוואַנדלט די טעאַטער-בינע אין אַ מעכטיקער טריבונע פון סאָציאַלן פראָטעסט און שטורעם; זיין אַמביציע איז געווען צו „דערציען לאָנדאָן”, און זיין רום און דערפאָלג זיינען געוואַקסן פון שאָ צו שאָ.

פרענק הערריס האָט קיין מאַזל-בראָכע אין זיינע אָנשטרענגונגען ניט געזען. יאָרן לאַנג האָט ער זיך געגרייט צו שרייבן איבער יעזוסן, ער איז שוין געשטאָרבן און די וועלט ווייסט נאָך ניט צי האָט ער עפעס אָנגעשריבן; שאָו האָט פאַרבייגייענדיק, ווי מ'זאָגט, זיך פאַראינטערעסירט מיט יעזוסן; ער האָט געשטודירט די עפּאָכע ווייל זי איז אים נויטיק געווען אָנצושרייבן זיין דראַמע „אַנדראָקלעס און דער לייב”, איז באַ אים די פאָררעדע צו דער דראַמע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מייסטער-ווערק איבער יעזוסן (אַגעוו, זאָגט דאָס פרענק הערריס אַליין). און אַז הערריס האָט זיך ווי מיסקאַנע געווען אין בערנאַרד שאָו און האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע „זשאַן ד'אַרק” און האָט זי איבערגעשיקט צו שאָון אַליין ער זאָל אים אַרויסזאָגן אַ מיינונג, האָט ער באַקומען דעם פאָלגענדיקן ענטפער: „זשאַנס געשיכטע איז שלעכטער מאַטעריאַל פאַר אָ'הענרי, מאָפּאַסאַן אָדער אייך”. (הערריסעס „פיינעם ליט-געשמאַק” קען מען זען דערפון: „איך בין גרייט אָוועקצוגעבן צען בענד ,דייוויד קאָפּערפילד', פאַר צען ווערטער פון מאָפּאַסאַן”...) „לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן פון מענטשן וואָס ווילן זיך ניט קריגן מיט אייך; ס'איז אייך מער ניט געבליבן וואָס צו טון ווי עס אַריינוואַרפן אין קויש מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און בעטן אַנטשולדיקונג פאַר די איבערגעבליבענע עקזעמפּליאַרן”...

ווי אויסניכטערנד אַזאַ ענטפער וואָלט געווירקט אַף אַ שריפטשטעלער וואָס קען זיך און ווייסט ביז וואַנען ס'גרייכן זיינע פעאיקייטן איז קלאָר זיך פאָרצושטעלן; ניט אַזוי האָט אָבער רעאַגירט דעם אַמביציע-

זער, פאַרגלויבטער אין זיך מאַמעש ווי אין יעזוסן, פרענק הערריס. ווי ער האָט רעאַגירט וועט דער לייענער זען פון פאָלגענדיקן כאַראַקטעריס־טישן ענטפער צו ב. שאָו:

„איך דערמאָן זיך אַז כ'האָב ערגיץ געלייענט ווי סערוואַנטעס האָט געלויבט לאָפּע דע וועגאַ, און נאָכדעם ווי ער האָט אים אַריינגעשיקט „דאָן קיכאָט", האָט דע וועגאַ געענטפערט אַז ער קאָן גאָרניט העלפן ווייל אין בוך „דאָן קיכאָט" איז גאָר קיין טאַלאַנט נישט פאַראַן"...

וואָס הערריס האָט געמיינט מיט דעם בריוול איז קלאָר: אויב שאָו איז לאָפּע דע וועגאַ איז הערריס סערוואַנטעס (ער איז דאָך אַמאָל גע־ווען זיין רעדאַקטאָר...) און פונקט ווי „דאָן קיכאָט" איז פאַרבליבן אומ־שטערבלעך ניט געקוקט אַף דע וועגאַס מיינונג וועט זיין „זשאַן ד'אַרק" בלייבן לעדוירעס...

פאַרשטייט זיך, אַז הערריס איז געווען גענוג קלוג נישט צו ווערן שאָון אַן אָפּענער סוינע. ער איז אים אַף שטענדיק געבליבן אַ גוטער פריינט, אָבער אַ פול האַרץ האָט ער אַף אים געהאַט... דערווייל איז די צייט געלאָפן, בערנאַרד שאָו האָט דערגרייכט די גרעסטע הויכן פון דער דראַמאַטישער קונסט; זיין פאַרמעגן ציילט זיך אין מיליאָנען; קריטי־קער האָבן אים געקרוינט מיטן טיטל „ריטער פון דער פלאַקערדיקער פען". הערריסעס ווערק זיינען פאַרבאָטן געוואָרן (איבער סעקסועלע מיי־סעס) אין ענגלאַנד, אויך פון ניו־יאָרק האָט ער געמוזט אויסוואַנדערן, ער האָט זיך באַזעצט אין ניצע (פראַנקרייך), וואו ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט. איר קענט זוכן אין צען געשיכטעס פון דער מאָדערנער ענגלישער ליטעראַטור, וואו איר וועט אַפילע זיין נאָמען נישט געפינען. האָט זיך פרענק הערריס ניט באַרואיקט ביז... ער האָט אַ יאָר פאַר זיין טויט באַ־שלאָסן אָנצושרייבן די לעבנס־געשיכטע פון בערנאַרד שאָו...

דאָס בוך איז פאַרעפּענטלעכט געוואָרן באַלד נאָך הערריסעס טויט טאַקע דורך בערנאַרד שאָו אַליין מיט זיינעם אַ נאָכוואָרט.

דער אינהאַלט פון דעם בוך, די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון און דער פּראָצעס פון זיין ווערן איז די טעמע פון אונדזער היינטיקער אַרבעט.

באַלד ווי פרענק הערריס האָט מודיע געווען בערנאַרד שאָון וועגן זיין באַשלוס אָנצושרייבן אַ בוך א. נ. ב. שאָו, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וועט עס אים פאַר קיין פאַל נישט דערלויבן... ווייטער זאָגט שאָו אין דעם בריוו צו הערריסן, אַז שעקספּיר איז אין זיין בוך אַרויסגעקומען אַ מאַטראָז פון אַ פראַנצויזישער מעלאָדראַמע, און וואָס ער וועט פון אים — שאָון — מאַכן ווייסט אַפילע גאָט אַליין נישט און אַז הערריסעס ווייב וואָלט עס געמאַכט בעסער פון אים... מיט איין וואָרט ער זאָל אים לאָזן צורו און זיך נעמען צו אַן אַנדער טעמע. הערריס האָט אָבער נישט שאָ־לעם געמאַכט מיט שאָוס קאָנצעפּט וועגן אים אַלס ביאָגראַף (אַז מ'שמו־עסט סערוואַנטעס איז דאָך נישט שייעך...) האָט ער אַטאַקירט שאָון, אים פאַרוואָרפן מיט בריוו, ביז שאָו האָט קיין ברייטע נישט געהאַט און כאַטש

ער האָט געציטערט פאַר דעם „ליטעראַרישן קניש געפילט מיט שאָר-העררים", וואָס ס'וועט פון דעם אַרויסקומען, האָט ער נאָכגעגעבן.

פרענק העררים האָט אַנדערש אויסגעטייטשט בערנאַרד שאָוס קווענקלען זיך; ער האָט עס אַזוי דערקלערט: „...מוירע האָבנדיק פאַר אַ ברוטאַל-אָרנטלעכן פאָרטרעט האָט ער (שאָו) באַשלאָסן, אַז בעסער זאָל ער מיר ווי ווייט מעגלעך העלפן און אַף אַזאַ אויפן אָפּווישן דאָ און דאָרט די שאַרפקייט פון מיינע פענזל-שטריכן... ער האָט מיר געהאָלפן מיט זיין גאַנצער קראַפט צו מאַכן דידאַקטיש ביאָגראַפיע די בעסטע וואָס איך האָב ווען עס איז ווען עמיצן געשאַפן".

יאָ; בערנאַרד שאָו האָט „געהאָלפן" מיט זיינע בריוו צו העררים — עמעס... ער האָט געהאָלפן די לייענער זיך געבן רעכענונג, אַז פאַר העררי-סעם ברוטאַליטעט האָט ער מוירע געהאַט און אין דער אָרנטלעכקייט זיינער האָט ער געצווייפלט. צי האָט ער געהאַט אַ גרונט דערצו ווען די לייענער אורטיילן פון דעם אינהאַלט.

און דאָס איז דער אינהאַלט: —

ווי געוויינלעך אַ ביאָגראַפיע פון אַ גרויסן מענטשן, הויבט אָן אונדזער מעכאַבער פון שאָוס ייִדעס און באָבעס, פעטערס און מומעס און דערציילט אייך, אַז דער פאָטער זיינער זשאָרזש קאַר שאָו איז געווען אַ שיקער און אַז די מאַמע זיינע האָט איינגעוויקלט מיט אים כאַסענע צו האָבן, ווייל ער האָט איר געקושט אין די באַקן און נישט אין מויל, ווייל אַ דאַנק דעם האָט זי ניט דערפילט דעם שלעכטן ריחעך פון בראָנפן... פון איין פעטער זיינעם דערציילט העררים, אַז ער האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן אויפצוהערן שיקערן און רויכערן און אַנשטאָט דעם זיך צו פאַרווילן מיט שפילן אַף אַ טרובע. אָבער ווען דאָס איז אים נימעס געוואָרן האָט ער כאַסענע געהאַט, און ווען ער האָט אויך אין פאַמיליען-לעבן קיין גליק נישט געפונען האָט ער געקויפט אַ בינאָקל מיט אַ ביבל. אין דער ביבל פלעגט ער לייענען ביז ער איז מיד געוואָרן און דאַן האָט ער אָנגעשטעלט דאָס בינאָקל אַף די נאַקעטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין נאָענטן טייך, און ווען ער האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט די אַלע פאַרגעניגנס, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

נאָכן שילדערן די מישפּאָכע, שטעלט זיך אָפּ העררים אַף שאָוס קינדער-יאָרן אין דובלין, אין די זעכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. — אַ לייַנגווייליק קאַפּיטל, אָרעם אין פאַסירונגען און שוואַך אָנגעשריבן. דאָס קינד שאָו קומט אַרויס זייער בלאַס באַ העררים. די ווייטערדיקע שאָוס יאָרן, דעם גאַנצן פעריאָד אין אירלאַנד דאַרף מען האָבן געדולד איבערצולייענען. אינטערעסאַנטער ווערט דאָס בוך פונעם אַכטן קאַפּיטל „די אָרעמע יאָרן אין לאָנדאָן". לאָנדאָן איז העררימן נאָענט; אין לאָנדאָן האָט ער זיך מיט שאָון צוערשט באַקאַנט און ווען שאָו איז שוין אַלט געווען 39 יאָר; דעריבער האָט קימאַט דאָס גאַנצע בוך צו טון מיט שאָון דעם מענטשן און שרייבער זייט דאַן און ביז היינט.

און אַצינד װעלן מיר זיך באַגנוגענען בלויז מיט אָנמערקן די סטוּ־רעס און די לייענער װעלן זיי שוין אַליין פאַרענטפערן.

צוערשט ריידנדיק װעגן שאָו דעם מוזיק-קריטיקער זאָגט הערריס: „קיינער וואָס איז נישט אַזוי פאַמיליאַר מיט די מוזיקאַלישע מייסטער־װערק װי מיט די ליטעראַרישע, װאָלט געקענט אַזוי שרייבן װעגן װאַג־נערן װי בערנאַרד שאָו". אַף אַ צווייט אָרט זאָגט ער: „זיין קריטיק איז, װי זיין ריידן, זייער איינפאַך, דירעקט און קלאָר; קלאָרקייט און אויפ־ריכטיקייט זיינען זיינע כאַראַקטער-שטריכן. קיין פּאָזע, קיין שפּור פון מעליצע: אַ מאַן פון איין שטיק: לאָגישע אַרגומענטן, װאָס זיינען באַ־לויכטן מיט דער שיין פון סאַרדאָנישן הומאָר" און אין אַ דריטער שטעל זאָגט ער: „ליטעראַטור איז פאַר אים געװען אַזוי נאַטירלעך, אַז ער אַליין האָט נישט געװאוסט פון זיין באַרוף. אָט װען אַ זשורנאַל זאָל אָפּדרוקן זיינס אַ בילד אָדער ער זאָל אויפטרעטן אַף דער בינע מיט אַ געזאַנג — דאָס װאָלט װירקלעך געװען פאַר אים אַ געשעעניש, אָבער שרייבן איז פאַר אים קיין קונץ נישט"...

הייסט עס, אַז בערנאַרד שאָו איז אַ געבוירענער שרייבער, אַ עמע־סער זשעני, װאָס דענקט פון נאַטור און פאַרצייכנט זיינע געדאַנקען אַף פּאַפּיר; איז נאָך פריש באַ אייך דער איינדרוק פון דער אָפּשאַצונג הע־רריסעס און אָט טראָגט ער אייך אונטער אַ שפּאָגל-נייע: „זיין (שאָוס) דענקען איז אַ קאַשע פון אַ אירלענדער, װאָס איז צונויפגעמישט פון פאַר־שידענע שולעס, הויפּטזעכלעך פון שאָפּענהויערן, סטרינדבערגן, בוטלערן, בערגסאָנען, מאָריסן, ניצשען, מאַרקסן, טאָלסטאָיען, איבסענען און װאַג־נערן..."

און נאָכדעם װי איר װייסט שוין אַזוי קלאָר פון פרענק הערריסן, אַז בערנאַרד שאָו איז „אַ מאַן פון איין שטיק", אַ קוואַל פון „לאָגיק, װאָס איז באַלויכטן מיט דער שיין פון סאַרדאָנישן הומאָר", אַ „קלאָרער און אויפריכטיקער" און... אַ אירלענדישע קאַשע פון שאָפּענהויער, סטרינד־בערג, און אַזוי װייטער; נאָכדעם װי איר האָט געהערט אַזאַ קלוגע און ער־לעכע אָפּשאַצונג פון שאָון דעם קריטיקער און שרייבער, שטעלט אָן די אויערן און הערט כידושים װעגן בערנאַרד שאָון דעם פילאָזאָף.

הערריס שרייבט, אַז מ'האָט אַמאָל דערציילט שאָון װעגן זיין גרויסער רעפּוטאַציע, װאָס ער געניסט אין אַמעריקע, האָט שאָו, װי זיין שטייגער איז, אַ פרעג געטון װיציק: „װאָסאַרא רעפּוטאַציע? איך בין פילאָזאָף, נאָװעליסט, סאָציאָלאָג, קריטיקער, שטאַטסמאַן, דראַמאַטורג און טעאָ־לאָג. איך האָב דעריבער זיבן טיטולן". און פרענק הערריס רופט אויס: „זעקס טיטולן װעט ער אים לאָזן נאָר דעם טיטול פילאָזאָף וויל ער אַראָפּ־רייסן, װייל „װאָס איז די ערשטע זאַך, װאָס איר פאָדערט פון אַ פילאָ־זאָף? ער זאָל אייך פאָרמולירן אַ דענקונגס-סיסטעם פון פּלאַטאָנען ביז װיליאַם דזשעמס, און פון אַריסטאָן ביז קאַנטן", און װייל שאָו האָט קיין סיסטעמאַטישע פילאָזאָפיע-סיסטעם, װאָס זאָל באַגריפן װערן בלויז פון

יעכידים נישט געשאַפן, ווייל ער האָט געשאַפן דראַמאַטישע קונסט-ווערק לעדויר-דוירעס און טעאַטערן, וואָס האָבן אים געשפּילט זיינען אי-בערפולט געוואָרן מיט הונדערטער טויזנטער מענטשן פון אַלע שיכטן; ווייל ער האָט אין הונדערטער אַרטיקלען פאַרשפּרייט אין פאַרלויף פון קימאַט אַ האַלבן יאָרהונדערט דעם מאַרקסיזם, רעדט פרענק הערריס פון אים מיט גרינגשאַצונג. פאַר הערריסן ווייסט שאָו זייער ווייניק... און „ווי ווייניק שאָו ווייסט", זאָגט ער, „זיינען דאָך פאַראַנען מיליאָנען, וואָס ווייסן ווייניקער, איז עס דען אַ וואונדער, וואָס זיי נעמען אָן פיגאַראָן פאַר אַריסטאָן".

אָבער מיינט נישט, אַז פיגאַראָ דער שאַרפזיניקער, שעלמישער סע-ווילער שערער, באַמאַרשעס העלד, איז דורך הערריסן בלויז דערהויבן געוואָרן צו בערנאַרד שאָו. ער רעדט מיט איינפאַכער פאַראַכטונג פון אָט „די דאָזיקע איבסענס, טאָלסטאָיס און שאָוס (זיי זיינען, וואָרשיינלעך, אויך די פיגאַראָס, וואָס גילטן פאַר אַריסטאָס — אָרעמער אַריסטאָ, אַף וועמען די וועלט האָט דיך אויסגעביטן!..) — און ווייסט איר פאַרוואָס, ווייל די טאָלסטאָיס, איבסענס און שאָוס „זעען די ערד ווי אַ יאָמער-טאָל און ברענגען מיט אייפער אויסצוטריקענען ווייניקסטנס די טרערן, וואָס קומען פון איין מענטשנס גרויזאַמקייט צום צווייטן"... ווייל שאָו „וואָלט גלאָט לעשעם קונסט זיך נישט געגעבן די טערכע אָנצושרייבן איינאַינ-איינציקן זאַץ" (שאָום אויסדרוק) דעריבער איז שוידערלעך שאָום פאַר-ברעכן: „ער גייט צו צו שעקספּירן מיטן מאַסשטאַב פון פּראָלעט-קולט, מיטן מאַרקסיסטישן קריטעריום פון סאָציאַלער נוצלעכקייט"... אַ הימל-שרייענדיקע פּראָפּאַגאַציע מיצאַד די טאָלסטאָיס א. א. וו.!... די העלדן פון די אויבנדערמאָנטע, באַזונדערס פון שאָון, זיינען מענטשן פון טאַט, בעאיים זיינע, פרענק הערריסעס, העלדן — הערט און האָט דערעכערעץ! — „זיינע צאַרטע קינסטלער און אַלע טויטע — שעקספּיר, סערוואַנטעס און היינע".

אַזוי מאַכט הערריס אין איין שמאַ איסראָעל צונישט ב. שאָו דעם פילאָזאָף...

און אָט ווי ער לאָזט אים דעם טיטל דראַמאַטורג: „מ'וואָלט געקענט ערנסט צווייפלען", שרייבט דער „ביאָגראַף", „צי שאָו וואָלט ווען אָנגע-שריבן אַ דראַמע ווען מ'זאָל קיין טעאַטערן נישט געווען דאַרפן האַלטן אָפן, אָדער אָנגאַזשירן שוישפּילער". צוקוקנדיק זיך צו שאָום טעאַטער-דערפאָלג, פאַרצייכנט הערריס, „דערפאָלג אין טעאַטער איז אָפּהענגיק, אין אַ גרויסער מאָס, פון פּערזענלעכע באַציונגען, פון דעם קענען די גור-טע און שווערע זייטן פון גוט באַקאַנטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און **דעם אוילעמס פאָדערונגען**" — (מיין קורסיוו א. א.) דאָס איז נאָך ווייניק, ער זאָגט בעפּיירעש, אַז בערנאַרד שאָו האָט געכאַפּט די גרויסע אַק-טיאָרן, וואָס האָבן געקענט באַלעבן זיינע טויטע העלדן. ווען מיר זאָלן ערנסט אָננעמען די „כאַראַקטעריסטיק" פון שאָו דעם דראַמאַטורג, וואָלטן

מיר באַדאַרפט קומען צום שלום, אַז „בלאַנקאַ פּאַזנעט", „מענטש און אויבערמענטש", „זשאַן ד'אַרק", „קאַנדידאַ" (אַגעוו איז דאָס לעצטע פאַר הערריסן אַליין אַ ווערק, וואָס דערהויבט זיך צו שעקספּירן...) און אַלע איבעריקע שאָום גרויסע דראַמעס מיט די פּאַרעדעס-עסייען זיינען ניט קיין אינערלעכע, עכט קינסטלערישע איבערלעבענישן, קיין געווינישע אויפבליצן, נאָר פּאָשעטע, קרעמערישע באַשטעלטע טאַנדעט-אַרבעט; שיר נישט איינפאַכע מאַכערייקעס פאַר טעאַטער-אוילעם... אָבער דער מעכאַבער אַליין פאַרהיט אונדז מיר זאָלן אים נעמען ערנסט, ווייל ער לאָזט אונדז נישט לאַנג וואַרטן און רעדט שוין אַנדערש: „בערנאַרד שאָו און גרענוויל באַרקער, וועלכע זיינען געבוירענע רעזשיסערן און דראַמאַטורגן דערצו, האָבן פאַריונגערט דעם פּרוכטלאָזן און אונטערגייענדיקן בריטישן טעאַטער דורך זייער אַרבעט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם אויסברוך פון דער וועלט-מילכאָמע".

אַזוי „עקזאַמענירט" ער אויך זיין טיטל סאָציאָלאָג. אָט האָט ער אַ ווערט און אָט איז זיין סאָציאָלאָגיע אַ פאַרעלטערטע, אַ מיטלמעסיקע אַ. ד. גל. אָט זאָגט ער „ער האָט זיך אַנטוויקלט נאָרמאַל, און זיין לעבנס-געשיכטע קען מען געפינען אין זיינע ווערק" און אַביסל שפּעטער: „אויב שאָו איז אַ נאָרמאַלער מענטש איז פרענק הערריס אַ מעשוגענער"...

פרענק הערריס איז ניט קיין מעשוגענער, נאָר אַז ער איז אין דעם בוך קליינלעך און פאַרביטערט, וועט זיך יעדער געבן רעכענונג. און ס'טוט ווירקלעך וויי, ווען מען דערמאָנט זיך אין הערריסן, דעם מעכאַבער פון „אָסקאַר ווײַלדס לעבן". ווען שאָו איז אפילע נישט אינגאַנצן נאָרמאַל, איז ער דאָך געוואָרן און וועט בלייבן אומשטערבלעך כאָטש הערריס שרייט אויס אין זיין צאָרן „ער וועט נישט לעבן!" און כאָטש ער דערקלערט זיך צום שלום פון בוך אין ליבע צו שאָון וועט אים קיין קלאָרער מענטש נישט גלויבן. בערנאַרד שאָום לעבנס געשיכטע וועט מען פון דעם בוך ניט לערנען (מען דאַרף איר זוכן אין דעם אַקאַדעמיקער אַרטשיבאַלד הענדערסאָנס ביאָגראַפיע וועגן שאָון און אין אַנדערע מעקוירים) — און די ווערט פון זיינע ווערק אַוודע און אַוודע נישט.

פאַרוואָס זשע האָבן מיר זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם בוך?

ווייל דאָס איז אַ מענטשלעכער דאָקומענט, אַ טראַגעדיע פון אַן אַמביציע — אַזוי וואָלט דאָס בוך טאַקע געדאַרפט הייסן — די טראַגעדיע פון דעם שרייבער פרענק הערריס, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין אַ גרויסער דראַמאַטורג און קריטיקער און איז ביידע זאַכן נישט געווען. און אויב צו אָסקאַר ווײַלדן האָט ער זיך געוויזן ווי אַן עמעסער פריינט, פיליכט איז ער עס געווען, ווייל דער לעצטער איז געפאַלן... ציינגט ער זיך אין דעם בוך ווי אַ קליינלעכער מענטש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן צוגעקוקט מיט ווייטיק, ווי זיין פריינט שטייגט און פליט, און ער, נישט קענענדיק אים דעריאָגן, האָט זיך אים געפלאָנטערט פאַר די פיס און זיך

כיטרע געוואָלט אין אים נויקעם זיין, אָנשרייבנדיק זיין גרויסן כאַווערס „לעבנס-געשיכטע”...

דערפאַר איז גרוים די סענסאַציע און דאָס בוך ווערט צעכאַפּט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

און בערנאַרד שאָו, וואָס זאָגט ער?

אין זיין צושריפט זאָגט ער, אַז פון אַלע מאָדנע זאַכן, וואָס אים איז שוין אויסגעקומען צו טון אין זיין לאַנג לעבן, איז דאָס קאָרעגירן און פאַרעפענטלעכן דאָס בוך די אַממייסטן מאָדנע אַרבעט... ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אינגאַנצן די בייזוויליקייט און כאָלילע נישט גע־מינערט קיין אָס פון דעם מאַנוסקריפּט. העררים, שרייבט ווידער שאָו, האָט זיך מיט אים עטלעכע מאָל אין בוך געוואָלט קריגן... אָבער ער איז עם אים מויכל. סאָפקאָלסאָף וועלן די לייענער זיך שאַפן אַ באַגריף פון זיין לעבן לויט הענדערסאָנס ביאָגראַפיע, וועלכע שאָו האַלט פאַר אַ מאָנומענטאַלע, און נישט הערריסעס, און די וואָס וועלן זוכן דעם דראַמאַטורג שאָו און סאָציאָלאָג אין העררים'עס בוך, ווען מ'קען באַקומען זיינע ווערק, זיינען זיכער ניט באַם גאַנצן זינען... ער האָט די אַרבעט פאַרענדיקט און גיט זי איבער די לייענער צום מישפּעט.

מיר האָפן, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן איבערגעגעבן דעם סטירעסדיקן אינהאַלט פון דעם בוך, וועלן אויך אונדזערע לייענער אַרויסטראָגן אַ ריכטיקן אורטייל.





זשאָרזש בערנאַרד שאָו

# רענע פיליפ מילער

1. — לענין און גאַנדי

2. — דער פּאַרצעף און גייסט פון באָלשעוויזם

צוויי גרויסע און פאַרשידענע פירער פון צוויי גרויסע און פאַרשידנ־אַרטיקע פעלקער, האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם מיירעוו־אייראָפּעאישן פאַרשער.

פון איין זייט לענין, דער פירער פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אין אַ לאַנד פון הונדערט מיט פופציק מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון שקלאַפהייט ערשט מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק, און פון דער צווייטער — גאַנדי, דער „מאַהאַטמאַ", דער לערער פון אַ פאָלק פון דריי הונדערט מיט ניינצן מיליאָן מענטשן, וואָס רעדט אָף אַ הונדערט לעשוינעס, איז צעשפּליטערט אָף אַ צוויי טויזנט קאַסטעס, וואוינט אין אַ זיבנהונדערט מעדינעס און איז פאַרשקלאַפט צו דער ענגלישער קרוין פון 1857, לעאיירעך פון דער צייט וואָס אין רוסלאַנד איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס לייב־אייגנטום (1861).

יעדער פון די דאָזיקע פירער גייט מיט אַן אַנדער דערעך, האָגאָם דער ענדציל איז דער זעלבער; וועגן ביידע איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. מיר גדענקען נאָך די געשעענישן פון דער רוסישער רעוואָלוציע; מיר זיינען געווען אייביי־ריע פון יענעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט; דער קאַמף פאַר פרייהייט אין דער פאַרשקלאַפּטער אינדיע און די ראַנגלענישן פונעם קאָמוניזם מיטן וועלט־קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט פאַרענדיקט. מיר זיינען נאָך ווייט פון דעם אַנטגילטיקן ניצאָכן — מיט איין וואָרט, ס׳איז נאָך ניטאָ קיין פּערספּעקטיוו מיר זאָלן קלאָר און דייטלע זען די געשעענישן און זיי קאָנען אָפּשאַצן, דאַריבער האָב איך מיט גרוים נייגעריקייט און פּאַכעד גענומען אין האַנט דאָס דאָזיקע בוך. נייגיר — צוליב דער גרויסער וויכטיקייט פון דער טעמע, און פּאַכעד — מיין האָפנונג עפּעס צו לערנען זאָל ניט אָפּגענאַרט ווערן.

אָבער מיין נייגיר איז באַפרידיקט און מיין פּאַכעד איז געווען אַן אומזיסטער; דאָס בוך איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט און אינטערעס, און איינמאָל אָנגעהויבן וועט איר עס שוין ניט אָוועקלייגן ביז ס׳וועט אין דעם שוין ניט זיין מער וואָס צו לייענען.

אַן אומרואיקע איז אונדזער צייט. זעלטן ווער ס׳האָט געדולד צו לעזן אַ בוך. די צייטונגען און זשורנאַלן פאַרשלינגען די געציילטע פרייע מינוטן, בלייבט שוין ניט וועןזיך אָוועקצוזעצן שטודירן, איז טאַקע דאָס בוך נאָך וויכטיקער דערפאַר וואָס היפּנאַטיזירט און טראָגט זיך דורך, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, איבערן פאַרכוישעכטן הימל פון אונדזער לעבן און וואַרפט אַ שיין אָף די וויכטיקסטע געשעענישן פון אונדזער צייט. אין איין אָטעם האָב איך דאָס דורכגעלעזן און איצט לאָמיר זען וואָס זאָגט זיך אין דעם.

דער ערשטער:

## ל ע נ י ן.

פיראונפופציק יאָר, האָט ער, דער גרעסטער, דער מוישע פון אונ־דזער צייט געלעבט. (געבוירן אין 1870, געשטאָרבן אין 1924). דער מע־כאַבער הויבט אָן פון שפּיץ בוים, ווייזט אייך זיין שטאַם ביז צו די טיפע פאַרבאַהאַלטענע וואָרצלען. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געשריבן גאָרקין, אַז ער, — ווען מען אידעאַל ס'איז צו קעמפן מיט יעדער געוואַלט, ווער ס'ווערט קינדיש באַווירקט פון שיינער מוזיק און וואָס וויל גלעטן די קעפּ פון די אַלע וואָס שאַפן פּראַכטפולע זאַכן אין דעם העסלעכן געגענעם — מוז שפּאַלטן שאַרבענס, שפּאַלטן אומבעראַכמאָנעס־דיק, און אַז אָט די דאָזיקע אויפגאַבע זיינע איז אַ פיינלעך שווערע...
אָבער דער גרויסער גלויבן אין זיג פון זיין ווערק, דער זיג פון אַלע אונ־טערדריקטע און פאַרשקלאַפטע, האָט אים געגעבן קויעך איבערצוטראָגן זיינע גרויסעליידן. גאָרקי דערציילט ווי איינמאָל ווען ער מיט לענינען זיינען אַרום אויף אַ שפּאַציר און דער לעצטער האָט דערזען אַ ריידל קינ־דערלעך זיך שפּילן האָט ער געזאָגט: „די דאָזיקע קינדער וועלן זיין גליק־לעכער פון אונדז, זיי וועלן ניט איבערלעבן קיין איין זאַך פון די וואָס מיר לעבן איבער. זייער גורל וועט ניט זיין אַזוי גרויזאַם. אָבער פונ־דעסטוועגן בין איך זיי נישט מעקאַנע, אונדזער דאָר איז געלונגען אַדורכ־צופירן אַן אויפטו פון היסטאָרישן באַדייט. די באַדינגונגען האָבן אונדז געצוואונגען צו גרויזאַמקייטן אָבער די צוקונפט וועט אונדז רעספּעקטירן און מוחל זיין. דאַן וועלן די מענטשן פאַרשטיין אַלץ, אַלצדינג״...

און ס'ווערט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער גוטער ניינצניאָריקער לענין וואַגט אויף אַ זיצונג פון אַ קאָמיטעט צו העלפן די הונגער־ליידענדע אין סאַמאַראַ אין 1889 זיך אַנטקעגן צושטעלן אַזאַ הילף נאָר קעדיי ס'זאָל דורך דעם דער רעוואָלוציאָנערער צאָרן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן... מיר קאָנען זיך אויך פאַרשטעלן וואָס דער יונגערמאַן האָט איבערגעלעבט בע־איים זיין פּראָטעסט...

צוויי יאָר פאַר דעם פאַקט האָט ער פאַרלוירן זיין ברודער אַלעק־סאַנדער. דעם ערשטן מערץ 1887, האָט דער רעוואָלוציאָנערער קרייז, וואָס צו אים האָט געהערט אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, באַשלאָסן אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן. מ'האָט אָוועקגעשטעלט אַ טייפל־מאַשין אויף נעווסקי־פּראָספּעקט אין פּעטערבורג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך געפונען אַ פּראָוואָ־קאַטאָר און לענינס ברודער אַלעקסאַנדער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן. אַ בלאַסער ווי טויט, האָט דער זיבעצניאָריקער לענין געזאָגט צו זיין שוועס־טער: „ניט דער איז דער וועג אויף וועלכן מיר וועלן גייען און דערגרייכן אונדזער ציל״, און ער האָט זיך, אָנגעהויבן גרייטן גייען זיין אייגענעם וועג. מ'קען קלערן, אַז דאַן איז בא אים געבוירן געוואָרן דער פּסעוודאָ־

נים ניקאָליי, וואָס האָט געקענט פאַר אים מיינען, אַז אויב זיין ברודער, דער רעוואָלוציאָנער אַלעקסאַנדער, איז געפאַלן אין קאַמף מיט אַלעקסאַנדער דעם דריטנס הערשאַפט, וועט ער, וולאַדימיר, זיך פאַרמעסטן מאַכן אַ סאָף צו ניקאָלייען וואָס איז צו יענער צייט אַרויף אָפן טראָן, און סימבאָליש זיך אָנגעהויבן רופן ניקאָליי...

אַ צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן, (1890) פאָרט ער אַרום איבער די שטעט און דערפער פון רוסלאַנד, מיטן צוועק אויסצוגעפינען פאַסיקע מענטשן וואָס זאָלן העלפן אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער קלאַס. איינזאַם איז ער אין זיין אַרבעט, יעדער פון די כאַווירים באַציט זיך מיט ביטל צו אים, ווייל ס׳איז נאָך דאַן קיין אַרבעטער קלאַס אין רוסלאַנד ניט געווען. ער שרעקט זיך אָבער ניט צו זיין איינזאַם און גייט זיין וועג ביזן זעקס-אונצוואַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן, ווען ער פאַלט אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי און ווערט פאַרשיקט קיין סיביר. דאָרט אין דאָרף ראַשענסק, מינוסינסקער קרייז, דערשפּירן אין אים די פויערן אַ נאָענטן, קומען צו אים נאָך אייצעס, באַקומען אים ליב און הויבן אים אָן צו פאַרגעטערן. שפּעטער קומט ער קיין איראָפּע, לעבט אין מינכען, ברוסעל, לאָנדאָן און זשענעווע און קימאַט שטענדיק לעבט ער און אַרבעט אַליין. ווייניק מו-טיקע מענטשן געפינט ער וואָס ווילן, וואָס קענען אים נאָכגייען. פון זיין נעשאַמע פייער לאָזט ער אַרוים נאָך אַ פונק — ער שאַפט זיין צייטונג „איסקראַ" — און אָט דער פונק האָט באַדאַרפט אָנצינדן אַ גרויסן פלאַם אין די הערצער פון די רוסן, אַ פייער פון האַס און צאָרן, וואָס האָט שפּע-טער אויסגעברענט זייערע אונטערדריקער, אַ פייער וואָס האָט העל באַ-לויכטן די נידערטרעכטיקע מייסים פון די שוואַרצע פירער פון גאָר דער וועלט און וואָס ברענט און ברים זיי און לאָזט זיי ניט רואיק שלאָפן.

פון קינדהייט אָן האָט ער זיך געגרייט, געלערנט מיט גרויס האַסמאָדע. אַ זיבעצן יאָריקער אינגל פלעגט ער גאַנצע נעכט פאַרברענגען אָף שטו-דירן פּאָליטישע ליטעראַטור. שוין אַ וועלט באַרימטער רעוואָלוציאָנער, שרייבט ער פלעכאַנאָוו, פון עפּעס אַ שטאָט, אַז ס׳איז שווער צו אַר-בעטן ווייל ס׳איז ניטאָ קיין ביכלעך. אַ פילאָזאָף, אַ סיסטעמאַטיקער, האָט ער שטענדיק געמוזט קומען אין קאָנטאַקט מיט די ווערק פון אַנדערע גרויסע דענקער און געלערנטע. איינזאַמקייט האָט אים ניט געשראָקן, ווייל ער האָט געלעבט אין דער ראַכוועסדיקער וועלט פון זיינע געאָוניי-שע געדאַנקען און פלענער. אַן אומדערשראָקענער, אומדערמידלעכער, אַרבעטזאַמער גאָען, וואָס גלויבט אין זיין עמעס, וואָס באַזיצט אַן אויסער-געוויינלעכע קראַפט צו פאַרקישופן מענטשן און זיי אונטערוואַרפן זיין ווילן — מאַכט ער דורך זיין וועג פון אַ זון פון אַ סימבירסקער אַדל-פאַ-מיליע, צו ווערן דער הערשער פון אַ באַפרייטער רוסלאַנד און דער נאַ-ווי פון אַ גליקלעכער מענטשהייט, וואו ס׳וועלן ניט זיין קיין אונטער-דריקער און אונטערדריקטע — קיין קלאַסן.

אַלס אַן ערשטן און איינציקן כאַראַקטעריזירט לענינען פאָלגענדער

עפיזאָד: „קורץ נאָכדעם ווי לענין האָט באַשלאָסן איבערצוטראָגן די רע־גירונג פון פעטערבורג קיין מאָסקווע איז געקומען צו שאַרפע סיכסוכים. זיינע כאַווײרים האָבן געהאַלטן פאַר אַ מין דעזערציע צו פאַרלאָזן פע־טערבורג, דעם דאָזיקן סימבאָל פון ראַטנמאַכט, די שטאָט פון רעוואָלוציע און סמאָלני אינסטיטוט. לענין האָט אויפגעפלאַמט פאַר קאַעס: „ווי קאָן מען מאַכן אָפּהענגיק דעם גורל פון דער רעוואָלוציע פון אַזעלכע סענ־טימענטאַלע אידיאָטישקייטן! אויב די דייטשן וועלן מיט איין שפּרונג פאַרנעמען פעטערבורג און אונדז דאָרט טרעפן — איז די רעוואָלוציע אַ פאַרשפּילטע! און פאַרקערט, אויב די רעגירונג וועט זיך געפינען אין מאָס־קווע, וועט דאָס פאַרלירן פעטערבורג זיין פאַר אונדז נישט מער ווי אַ שווערער אָנווער. ווי קענט איר דאָס ניט פאַרשטיין? ווי אַזוי איז דאָס מע־גלעך? נאָך מער, אויב מיר וועלן בלייבן אין פעטערבורג וועלן מיר דער־מיט אַליין שטעלן זי אין סכּנה. ס׳קען זיך אויסווייזן, אַז מיר פּראָוואָ־צירן אַליין די דייטשן, זיי זאָלן פאַרנעמען פעטערבורג. אָבער אויב די רעגירונג וועט זיך באַזעצן אין מאָסקווע, וועט פעטערבורג ניט זיין פאַר די דייטשן אַזאַ גרויסער נסיון... וואָס פּלאַפּלט איר דאָרט וועגן דעם סימ־באָלישן באַדייט פונ׳ם סמאָלני! סמאָלני איז דערפאַר סמאָלני, ווייל מיר זיצן דאָרט. ציען מיר זיך אַריבער אין קרעמל, אַזוי וועט איר אייער גאַנצן סימוואָליזם אָנווענדן צום קרעמל”.

סימוואָליזם און ראָמאַנטיק הויבט זיך אָן פון דעם מאָמענט און פון דעם אָרט „וואו מיר זיינען דאָ”... און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די גרעסטע גייסטער פון אונדזער דאָר האָבן זיך אַ לאָז געטון צו באַאָבאַכטן פון דער נאָענט דעם דאָזיקן „שטערן און פאַקל” פון אונדזער צייט.

און ס׳איז אויך קיין וואונדער ניט וואָס דער קרישטאָל־ריינער, דער אויבערמענטשלעכער מענטש ראָמאַן ראָלאַן הויבט אָן זיין ווערק איבער לענינען מיט די ווערטער: „לענין, דער גרעסטער מענטש פון טאָט און אונדזער צייט, דער גרעסטער אַלטרואיסט”, אָדער בערטראַנד ראָסעל, איינער פון די גרעסטע מאָדערנע דיינקער און בעסטע מענטשן פון היינט, דער פילאָזאָף וואָס, אַלס זון פון אַן ענגלישן לאָרד, האָט זיך ביז דער וועלט־מילכאָמע, פאַרנומען מיט מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן און אַבסטראַקטער פילאָזאָפיע און איז פון זיין פאַלק פאַרשטויסן געוואָרן צוזאַמען מיט ראָ־לאַנען און די איבעריקע געציילטע פאַר דער „כוצפע” זיך קעגנשטעלן דעם קריג, האָט אָט דער ראָסעל, נאָכדעם ווי ר׳האָט געזען לענינען באַ דער אַרבעט אַזוי געזאָגט: „איך האַלט אַז אונדזער דאָר וועט אַריין אין דער וועלט־געשיכטע ווי דער דאָר פון לענינען און איינשטיינען — אַף מיר האָט לענין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טיף אויפריכטיקן מענטשן, אָן אַ ברעקל עגאָאיזם. איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז זיין ציל איז געווען ניט צו דערווערבן די מאַכט פאַר זיך נאָר צו שאַפן גוטס פאַר דער גאַנ־צער וועלט. איך מיין, אַז ער וואָלט גרייט געווען יעדע מינוט זיך אָפּצו־

רוקן אין שאָטן אויב דאָס וואָלט געקאָנט מיט עפּעס נוצן דעם קאָמו־ניזם"...

אָט דאָס איז די מיינונג וועגן גרעסטן רעוואָלוציאָנער פון אונדזער צייט פון אַ גרויסן און טיפן דיינקער וואָס איז ווייט צו זיין אַ קאָמוניסט, און אַלס אַזעלכער קומט טאַקע לעבעדיק און בולט אַרויס לענין נאָכדעם ווי מ'לייענט דורך דעם מערקווירדיקן בוך.

בלויז אין איין פּראַט קען מען מיטן מעכאַבער ניט מאַסקים זיין — דער מעכאַבער מיינט, אַז ווען פרייהייט וואָלט פאַר לענינען ניט געווען קיין „בורזשואַזער פאַרורטייל", ס'הייסט ווען לענין זאָל ניט געווען אָפּ־הייניגיק זיין „פון די געיאַרשנטע טראַדיציעס פונ'ם אַמאָליקן רוסישן טער־ראָריזם וואָלט די געשיכטע אים דערמאָנט ניט בלויז ווי אַ רעוואָלוציאָ־נער מיט אַ איבערמענטשלעכער ווילנס־קראַפט, נאָר אַלע וואָלטן אים געמוזט שעצן, ווי דעם גרעסטן באַפרייער פון דער מענטשהייט". אָט אַ דאָ ליגט אַ גרינטלעכער טאָעס. לענין איז ניט געווען אָפּהענגיק פון אַזעל־כע „טעראָריסטישע טראַדיציעס". ער האָט געפילט די פיינלעכקייט פון צו שפּאַלטן שאַרבענס, אָבער אַזאַ איז שוין דער גוירל פון רעוואָלוציאָ־נערן. אין פראַנקרייך, אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען מיט ווייניקער האַרטקייט באַשטראָפט די סאָנים, אָדער זיינען עפּשער אויך יענע פראַנצויזן געווען אָפּהענגיק פון די רוסישע „טעראָ־ריסטישע טראַדיציעס"?...

וואָלט מעגלעך געווען איבערצואַנדערשן די וועלט מיט זיידענע הענטשקעס, וואָלט עס לענין זיכער געווען געטון און דאַריבער ווער אונדז, דער בירגערלעכער מעכאַבער, דערלויבן, נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי גלענצנד געוויזן לענינען אין זיין עמעסער ליכט, ניט געקוקט אַף דער גרויזאַמער שטראָף וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט אַף אירע קעג־נער, אים צו שעצן ניט נאָר ווי... „אַ רעוואָלוציאָנער מיט איבערמענטש־לעכער ווילנס־קראַפט", נאָר טאַקע ווי דעם „גרעסטן באַפרייער פון דער מענטשהייט".

## מ אַ ה אַ ט מ אַ  ג אַ נ ד י.

אינדיע, דאָס לאַנד פון לעגענדאַרישע אוצרעס.

אינדיע, דאָס לאַנד וואָס איז באַזעצט מיט אַ פינפטל פון דער גאַנ־צער מענטשהייט; וואו צוויי הונדערט פינפאונצוואַנציק מיליאָן מענטשן זיינען פויערים; וואו אַנדערע דרייאונפופציק מיליאָן מענטשלעכע וועזנס זיינען פאַריער, עס הייסט, מענטשן וואָס האָבן געהאַט דעם אומגליק גע־בוירן צו ווערן פון אַ נידריקן איכעס און זיינען אָרים, און דעריבער זיי־נען זיי אויסגעטיילט, ווי קרעציקע, אויסער די דערפער, מען טאָר זיך ניט צו זיי צורירן (אַ אינדוס פון אַ העכערע סעקטע וועט גיכער אונטער־

גיין איידער, אין פאַל פון נויט, בעטן הילף באַ אַ פּאַריער), זיי טאָרן ניט גיין אַף די מעלוכע-וועגן, זיך באַנוצן מיט די בריקן באַם איבערגיין טייכן, טאָרן ניט קומען אין קיין טעמפּל און מעגן נאָר זיין גאַסן קערער און לעדער-אַרבעטער... (אַ שענדלעכע מעלאָכע אין אינדיע). דאָס לאַנד וואו איין מין טעפּערס, וואָס אַרבעטן אויס קליינע טעפּעלעך און דרייען זייערע רעדלעך זיצנדיק, וועט זיך ניט מעשאַדעך זיין מיט די אַנדערע טעפּערס, וואָס אַרבעטן שטייענדיק און מאַכן גרויסע טעפּ; וואו ביז ניט לאַנג צוריק פלעגט מען די אַלמאָנע פאַרברענען מיט איר טויטן מאַן; וואו ניינציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג קען ניט שרייבן און לייענען, וואו איינער האָט מוירע זיך צוצורירן צום אַנדערן, ער זאָל כאַלילע ניט טאָמע ווערן, אינדיע וואָס האַלט זיך פאַר מער זינדיק פון אַלע פעלקער און גייט אין מאַסן צום טייך גאַנגעס זיך אין אים ריינצוואַשן, און וואָס איז צעריסן און צעשפּליטערט אַף שטיקלעך איז אויך אָבער דאָס פאָלק פון דער עלטסטער קולטור.

פינפהונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, אָדער טויזנט יאָר פאַר ירמיהו האַנאָווי, האָט שוין דאָס פאָלק פאַרמאָגט אַ רייכע ליטעראַטור. די ריגוועדאַ, די אינדישע „איליאַדע", דאָס בוך וואָס איז אַ דאָקומענט פון הויכער קולטור, וואָס שילדערט מייסטערהאַפט, אין זיינע טויזנט מיט זיבעצן שירים, דעם קאַמף פון די אַריער מיט די „שוואַרצע" אַנגעבוירענע — איז שוין געווען געשאַפן אין יענער צייט. פון קימאַט דער זעלבער צייט זיינען אויך די פּאַנישאַדן, וואָס רעדט וועגן גאָט און דער אומשטערבלעכקייט פון דער נעשאָמע, אויך די גיטאַ, ראַמאַיאַנאַ און אַנד.

דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט זייט דאַן פאַרשידענע אינוואַזיעס, ביז דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט (1639) ווען די ענגלישע מיזרעך קאָמפּאַניע איז געקומען מאַכן געשעפטן און האָט זיך אָנגעהויבן איינרוקן טבילעם קיין מאַדראַס, נאָכהער קיין באָמביי און קאַלקוטאַ ביז ענדלעך האָבן די ענגלענדער צובראָכן די פראַנצויזישע מאַכט וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט, (אין 1757) און זיי, די ענגלענדער האָבן אַנטדעקט אַז מען קען שאַפן אַן אַרמיי אַף צו באַצוואונגען אינדיע טאַקע פון אינדוסן גופע...

לאָרד ראָבערט קלייוו איז אַהין געשיקט געוואָרן, נאָך שפּעטער — וואָרן העסטינגס, און פון דאַן ערשט האָט ענגלאַנד, באַנוצט זיך מיט איר „דעמאָקראַטישער" טאַקטיק אָנצורייצן איין טייל באַפעלקערונג אַף דער צווייטער און אינדיעס רייכע אוצרעס געפינען זיך באַ די ברעגן פון דער טעמזע, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער ענגלישער היסטאָריקער, לאָרד מאַקאָליי.

פאַרשידענע פירער, וואָס האָבן איר געוואָלט אַרויסרייסן פון ענגלישע נעגל האָבן זיך באַוויזן אין אינדיע אין מעשעך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָבער ניט פון קיין באַדייטנדער גרויס.

דער גרעסטער איז געווען גאָקעל און זיין טאַלמיד איז גאַנדי,

ווענן ווענמען דער לעצטער האָט געשריבן, אַז ער איז געווען געקנאָטן פון דעם טייג פון וועלכן עס ווערן באַשאַפן העלדן און קדושים.

אַ פאָלק מיט גוואַלדיקע קאָנטראַסטן — איז דער פירער, אַ קינד פון זיין פאָלק, אויך פול מיט סטירעס און קאָנטראַסטן.

אַ מאַן, וועמענס לעבן עס איז איין גרויסע ליבטיקע פּאָעמע, אַ הייליקער וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ ליבע און ראַכמאָנעס געפיל צו אַלע באַשעפענישן, שלאַנגען און עקדישן אַריינגערעכנט... אַ טיף רעליגיעזער וואָס טוט טפילע און בעט זיין גאָט ער זאָל אים טויב מאַכן אייידער ער זאָל הערן אַ פאַלשקייט, און וואָס ווייסט אַז דער שטעג פון ליבע איז פייער-פּראָבע — מאַהאַטמאַ גאַנדי, — איז געוואָרן אינדיעס גרויסער פּאָליטישער פירער.

נאָר אין אינדיע האָט אַזאַ נעס געקענט געשען; אַזאַ מענטש זאָל ווערן אַ... פּאָליטיקער.

אין די טפילעס וואָס ער זאָגט אַלע טאָג איז פאַראַן אַזאַ פּראַזע: „ווער עס וויל פאַנגען פּערל, דער מוז אַראָפּנידערן צום אָפּגרונט פון יאַם און זיין לעבן שטעלן אין סאַקאָנע". און דער וואָס וויל לערנען דעם פאָלקס נעשאָמע מוז אַראָפּנידערן צום אָפּגרונט פון זיינע צאָרעס, וועלן מיר זאָגן. האָט עס טאַקע אַזוי גאַנדי פאַרשטאַנען. ער האָט געלעבט מיטן פאָלק און געליטן מיט אים צוזאַמען. פאַר די אויגן שוועבן די ווערטער וואָס ער האָט געשריבן צו זיין גרויסן לאַנדסמאַן און דיכטער, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר:

„דער דיכטער אין זיין פּאָעטישער נעשאָמע דערהויבונג, לעבט מיטן מאָרגן און פאַרלאַנגט פון אונדז, מיר זאָלן דאָס זעלביקע טאָן. ער וויל, אַז מיר זאָלן פריידיקע פאַרנעמען דאָס געזאַנג פון די פויגל, וואָס זינגען שירע יעדן פרימאָרגן און פליען צום הימל. אָבער די דאַזיקע פויגל האָבן יעדן טאָג זייער שפּייז און וויגן זיך אָף די פליגל אויסגערוט און פאַרשטאַרקט מיטן צופלוס פון פרישן בלוט, וואָס האָט אין זיי געריזעלט איבערנאַכט. אָבער אָף מיין גוירל איז אויסגעפאַלן די פיינלעכע אַרבעט, אויפפּאַסן יענע פויגל וואָס זיינען אָן קויכעס און קאָנען אַפילע ניט באַוועגן מיט די פליגל. דער מענטשלעכער פויגל אונטער אינדיעס הימל גייט אויס און קיין לעבעדיקע מענטשן קען מען ניט איינוויגן מיט געזאַנג. די דאַזיקע מיליאָנען הונגעריקע לעכצן נאָך איין געזאַנג, עסן..."

און דער קריינקלעכער, דאַרער, קליינגעוויקסיקער מאַהאַטמאַ גאַנדי הויבט אָן זאָרגן „די מענטשלעכע פויגל" זאָלן האָבן צו עסן. באָרוועס, מיט אַ גאַרטל אָף די לענדן, אַ שטעקן אין האַנט הויבט ער אָן פריידיקן די אידייע פון שפּינראַד. יעדער הויז מוז זיך באַזאָרגן מיט אַ שפּינראַד, אַנטוויקלען אַ הויז אינדוסטריע, אויפהערן צו נוצן די אויסלענדישע סכוירעס ווי אין די אַלטע צייטן ווען אינדיע איז געווען דאָס לאַנד פון די רייכע אויצרעס. דער ערשטער ווייזט ער אַביישפּיל אין זיין אַשראַם (הויז פון פרידן), וואו דאָס שפּינען ווערט אַ מין רעליגיעזע אַוואָדע. ער

זייעט פרייד און ליכטיקייט אין יעדן אינדישן הויז מיטן קומען פון שפינ־ראַד.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט אין ענגלאַנד אַ יורידישן פאַקולטעט קומט ער צוריק אַהיים נאָך מער אינדוס ווי פריער און מיט מער אייפער הויבט ער אָן אַגיטירן קעגן די פאַבריקן און קאַפּיטאַליזם, און אונטער זיין איינפלוס ווערט פאַרברענט אין באָמביי אַליין אין איין טאָג הונדערט פופציק טויזנט שטיק ענגלישע טוך. ער ווערט דער לערער פון מיטאַר־בעט, פון פאַסיוון ווידערשטאַנד. זיין פּראָגראַם באַשטייט פון פאָלגנדע פיר הויפּט פּונקטן:

1) אומקערן די ענגלענדער די ערנטיטולן און ערנאָמטן.

2) אָפּרופן אַלע אינדישע באַאַמטע פון זייערע שטעלעס.

3) אַלע אינדוסן טרעטן אַרויס פון דער אַרמיי און פּאָליציי.

4) דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך סאָלידאַריש אָפּזאָגן פון צו צאָלן די שטייערן.

ער לאָזט זיך קיין דאָרעם אַפריקע און אָרגאַניזירט די דאָרטיקע אינ־דוסן אָבער ניט כאָלילע אָנצוגרייפן, נאָר אומעטום לערנט ער זיך צו באַ־גיין אַזוי מענטשלעך מיט די ענגלענדער זיי זאָלן זיך פילן אין פאַרוואָרפנ־סטן ווינקל פון אינדיע אַזוי זיכער ווי אונטער זייערע קוילנוואָרפּערס. נאָר מיט ליבע ווירקן אַף זיי ביז זיי וועלן פאַרשטיין די אינדישע נעשאָ־מע און וועלן אָנהויבן באַהאַנדלען זיי מענטשלעך... ער לערנט דעם לוי סירצאָך, אַ הימשאַ, אַף זיין לאָשן, און גלויבט אין אינדיעס שליכעס אויס־צוליייזן די וועלט פון אירע צאָרעס... עס דערמאָנט אין דער טעאָודע בע־איסראָעל, אַז אידן האָבן עפּעס אַ ספּעציעלע מיסיע ווי עס גלויבט אַ באַ־דייטנדע טייל פון אונדזער פאָלק, און די סלאַוויאַנאָפילן, וואָס האָבן גע־גלויבט אַז רוסלאַנד איז פאַרטרויט געוואָרן אַזאַ מיסיע און ד. ג.

פונקט ווי טאָלסטאָי איז ער קעגן געוואַלט — אייננאַיינציקער דערלויבטער מיטל איז פאַראַן און דאָס איז פּאַסיווער ווידערשטאַנד. דאָס, צוזאַמען מיט שפּינראַד וועט באַפרייען אינדיע פון פרעמדער הער־שאַפט. אַזוי גייט עס ביז דער וועלט־מילכאָמע. דאַן זאָגט ענגלאַנד צו אינדיע גרויסע האַנאָכעס, קימאַט אויטאָנאָמיע אין פאַל זי וועט איר העלפן אין קריג. גאַנדי, אין זיין נאַאיווקייט, גלויבט. העלפט שאַפן אַ רי־זיקע אינדישע אַרמיי און זאַמלען געלט און נאָכדעם ווערט ער ביטער אַנטוישט — ער איבערצייגט זיך, אַז לאַיד זשאָרזש האָט אים אָפּגע־נאַרט. ער דערקלערט דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד, דעם לעצטן פונקט אַריינגערעכנט — מען זאָל אויפהערן צאָלן שטייערן און דער רעזולטאַט איז שכיטעס און שכיטעס...

דעם 6־טן אַפּריל 1919 הייסט דער גענעראַל דאַיער שיסן אַף אַן אומ־באַוואָפנטער מאַסע, אין אַמריצאַר, פענדזשאַב, און דערהאַרגעט אַפן אָרט דרייהונדערט נייינאונזיבציק מענטשן (ניט 100, ווי דער מעכאַבער פאַר־זיכערט אַל פּי טאָעס) און פאַרוואונדעט אריבער טויזנט. נאָך דער שכי־

טע אין פענדזשאַב )וואוהין מען האָט, אַגעוו, אויך געשיקט אַן אויספּאָר־שונגס קאָמיסיע, פּונקט ווי איצט קיין פּאַלעסטינע, און יענע קאָמיסיע האָט ריינגעוואַשן דעם קוילער דאָיער מיט זיין באַנדע, פּונקט ווי די היינ־טיקע וועט זיכער ריינוואַשן דעם קוילער ליוק מיט זיין באַנדע...) האָט אין שאַרי שאָרע דער האַמיון זיך נויקעם געוועזן אין דער פּאָליציי און דערהאַרגעט איינאונצוואַנציק פּאָליציסטן. דאָס האָט גאַנדין אויפגעשוי־דערט... און ער זאָגט זיך אָפּ פון דער „בירגערלעכער אומגעהאָרכזאַמ־קייט"; דעם פאָלק טאָר מען ניט געבן אין האַנט אַזאַ געפערלעך געווער...

ס'האָט געזינדיקט קעגן דער אַ הימשא (לא תרצח)!

אין **1922** ווען ער איז פיראונפופציק יאָר אַלט, (געבוירן אין **1869**) ווערט פּאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס און ער ווערט פאַרמישפּעט אָף זעקס יאָר טורמע. צוליב אַן אָפּעראַציע און זיין שווערן געזונט צושטאַנד ווערט ער אין אַ דריי יאָר אַרום באַפרייט און ער קערט זיך צוריק אום צו זיין פאָלק.

דאָ איז קעדאַי אָנצואווייזן ווי גאַנדי האָט דאַן אָנגעהויבן אַנדערש צו רעדן. פאַר דער מילכאָמע האָט ער געשריבן: „מיט ליבשאַפט מוזן מיר באַזיגן דעם צאָרן פון דער ענגלישער מאַכט. מיר דאַרפן זיי ליב האָבן און בעטן גאָט ער זאָל זיי קלאָר מאַכן און גיבן צו דערקענען זייערע אייגע־נע טאָעסן. אונדזער כויוו איז זיך צו לאָזן דערהאַרגענען און ניט אַליין — דערהאַרגענען".

און נאָך די פאַלשע האַוטאָכעס פון לאָיד זשאָרזשס רעגירונג:

„איך וויים וואויל, אַז ווען מיר וואָלטן זיך געשטעלט צום קאַמף און אַרויסגעריסן די מאַכט אָפּן שלאַכט פעלד — דאַן וואָלט איר צו אונדז זיך באַצויגן מיט קאָוועד. אָבער איר אַליין ווייסט, אַז מיר זיינען מאַכט־לאָז, ווייל איר אַליין האָט דאָך אָפּגענומען באַ אונדז די פעאיקייט צום קאַמף. דערום קענען מיר נישט מיט דער שווערד אין האַנט אַרויסווייזן אייך אונדזער העלדישקייט. אָבער איין זאַך האָט איר אונדז ניט געקענט צורויבן — די העלדישקייט פון אונדזער נעשאָמע און איך באַמי זיך מיט מיין גאַנצן קויעך צו וועקן די דאָזיקע נעשאָמע שטאַרקייט"...

דאָס זיינען שוין גאָר אַנדערע ווערטער... הייסט עס, אַז בעשאַס האַדכאַק, ווייל עס איז קיין ברייערע ניטאָ רעדט ער, גאַנדי, פון „נעשאָ־מע העלדישקייט"; סאָפּקאָלסאָף דערעדט זיך. מיט דער שווערד וואָלט עס אויסגעקומען ווירקזאַמער און טאַקע גיכער...

אָבער דערצו וועט עס באַ גאַנדין נאָך אַלעמען ניט קומען.

ווייל... גאַנדי איז וואָס איר ווילט, אַ קריסטוס אָן אַ ציילעם (ראָלאַנס אויסדרוק), דער וועלטס געוויסן, מער — די ליבע אַליין, דאָס גרעסטע מענטשלעכע האַרץ! נאָר ניט דער אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער קעמ־פער, וואָס וועט באַפרייען אינדיע.

גאַנדי גלויבט אין גילגל האַנעשאָמעס און דערפאַר איז ער קעגן אָפּ־שאַפן די קאַסטעס. אויב אַ פאַריער, זאָגט ער, וועט אָף דער וועלט זיך

אויפירן לייטיש, וועט ער אין גילגל ווערן אַ בראַמאַן אָבער אַ קשאַט־ריער...

גאַנדי איז קעגן מעדיצין און גלויבט אין באַבסקע רעפואס.

גאַנדי זעט אין דער באַן אַלעם בייז, זי פירט אים אוועק פון זיין גאָט... טראַמווייען און אויטאָמאָבילן וויל ער ניט און אַפילע עלעקטרי־שע ליכט געפעלט אים ניט; ער האַלט בעסער פון ליימענע מענוירעס מיט בוימעל...

אַ נאָווי פון דער פאַרגאַנגענהייט, רופט ער צו דער פאַרגאַנגענהייט און דערמאָנט אַליין אין דער פאַרגאַנגענהייט.

ס'קומען אַפן זינען בודאַ, דער נאַצרי און ד. גל.

פאַר אינדיע האָט ער גרויסע פאַרדינסטן. ער האָט אויפגעקלערט דאָס פאָלק אַז דער רוי שטאָף מוז אויסגעאַרבעט ווערן אין אינדיע און ניט אין די ענגלישע פאַבריקן, ער האָט פאַרייניקט די מאַכמעדאַנער מיט די אינדוסן, ער האָט „געוועקט די נעשאָמע" ווי ער אַליין האָט זיך אויס־געדריקט, אָבער אויב דער מאַטעריאַליזם, דער קאַפּיטאַליזם, וועט ניט אַריינדירנגען און אינדוסטריאַליזירן אינדיע וועט זיך אינדיעס גוף צע־פאַלען און די נעשאָמע וועט אוועקפליען אין דער נירוואַנאַ...

ווי האָט דער אַמעריקאַנער אַפּטאָן סינקלער געשריבן דעם מעכאַ־בער פונ'ם בוך:

„מיינע אייגענע עלטערן האָבן זיך מיט קויעך אויסגעקעמפט זייער פאָליטישע אומהאָפּהענגיקייט. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די ענגלישע מאַכט, געשאַפן אַ פרייע רעפובליק, אַפילו די שוואַרצע ראַסע האָט מען דאָך באַפרייט מיט פיזישן קויעך..."

און דער ענגלענדער בערנאַרד שאָו, וואָס קען בעסער זיין פאָלק ווי גאַנדי וואָס וויל עס מיט ליבע אויסאיידלען, שרייבט אַזוי: „אינדיע איז באַצוואונגען געוואָרן מיט געוואַלט, מיט געוואַלט ווערט זי רעגירט און נאָר מיט געוואַלט קען זי זיך באַפרייען..."

די אויבנגעבראַכטע ווערטער ציטירט דער מעכאַבער אַליין, אַזוי אַז ער איז זיך סויסער ווען נאָכדעם אַלעמען, פאַרזיכערט ער אַז לענין האָט געוואָלט איבערהיפּערן אַן עפּאָכע און גאַנדי פאַרשטייט בעסער דעם מאַרקסיזם.

ווי ווייט גאַנדי איז פון מאַרקסיזם! און ווי ווייט ער איז פון לענינען.

ביידע זיינען זיי פּראָדוקטן פון זייערע פעלקער מיט דעם אונטער־שיד, וואָס לענין אַלס, אַ געניאַלער מויעך וואָס קאָנטראָלירט זיינע געפילן און וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט אַ טיפן און אַלזייטיקן אייראָפּעאיש וויסן, האָט אין דעם מאָמענט ווען די געשיכטע האָט אים אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציע פאַרשטאַנען אַז רוסלאַנד מוז מיט געוואַלט באַפרייט ווערן, ווערנד גאַנדי איז אינגאַנצן גייסט, ווייט פון דער וועלט, אַ מיסטיקער וואָס ציעט זיין יעניקע פון די פּאַנישאַדן, דער גיטאַ און ראַמאַיאַנאַ און וואָס לעבט ווי אַן אַסקעט און זאָרגט נישט פאַרן גוף...

איז גאַנדים פּלאַץ צווישן די הייליקע, לעבן פראַנציסקאָ דע אַסיס און אַפילו דער נאָצרי אַליין, און לענין איז דער סימוואָל פון דעם לעבעדיקן, אַקטיוון קעמפנדן וועלט-באַפרייער פון וועמען עס וועט נעמען אַ ביישפּיל אינדיעס צוקונפט דערלייזער וועלכער וועט פאַרטרייבן די ענגלישע רויבער צוריק צו זייערע אינזלען, און וואָס וועט פאַרשטיין אַז אויב די מאַשינען נוצן היינט די קאַפּיטאַליסטן צו פאַרשקלאַפן די פעלקער און צו זאַמלען גאָלד, דאַרף מען זיין דערפאַר ניט צעברעכן, נאָר טראַכטן ווי אַזוי זאָלן זיי מאָרגן נוצן דעם גאַנצן פאָלק. און אויב היינט קליידן זיך נאָר די רייכע אין מאַנטשעסטער טוך און מיליאָנען זיינען „אָרימער פון די כאַיעס" דאַרף מען אַנשטאָט פרימיטיווע שפּינרעדער וואָס גיבן די אינדוסן אַ קלאָגעדיקע כיונע, איינפירן מאָדערנע וועב מאַשינען, גאַנץ אינדיע זאָל זיך קענען באַנוצן מיט גוטן און ביליקן טוך.

דער קאַפּיטאַליזם ראַבעוועט און אינדוסטריאַליזירט. די אויפגאַבע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז זיך צו באַפרייען פון די רויבער און סאָציאַליזירן דאָס אָנגעראַבעוועטע.

און ווען דער מאַטעריאַליזם וועט מאַטעריעל די גאַנצע וועלט גוט אָוועקשטעלן, וועט אויך דער גייסט זיך אַנטוויקלען. ווי זאָגט דאָס לאַטייניש שפּריך-וואָרט: „אין געזונטן קערפּער איז אַ געזונטער גייסט".

## „דער פּאַרצעף און גייסט פון באָלשעוויזם"

רענע פיליפּ מילער דער מעכאַבער פונ'ם גלענצנדן בוך „לענין און גאַנדי" איז געפאָרן קיין רוסלאַנד, ווי פיל אַנדערע אינטעלעקטואַלן, צו שטודירן דעם באָלשעוויזם. דער באָלשעוויזם האָט אים פאַראינטערעסירט, „ווייל דידאַזיקע פּראָבלעם טרעט אַריבער ווייט איבערן האָריזאָנט פון פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דאָס אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור. דער אַרגומענט פאַרן באָלשעוויזם איז, אַז ער קען גלייך פאַרווירקלעכן אַלע צילן צו וועלכע די מענטשהייט האָט געשטרעבט, אַלע אידעאַלן פאַר וועלכע די דענקער פון אַלע צייטן האָבן געקעמפט, פאַר וועלכע די מאַרטירער האָבן בייגעטראָגן מיט זייערע מוסטערהאַפטע לעבנס און טויט — ס'הייסט פאַר דער דערלייזונג און גליק פון דער מענטשהייט".

באַהערשט פון אַזאַ געדאַנק איז דער טאַלאַנטפולער שרייבער געפאָרן, געזען און האָט אָנגעשריבן אַ בוך.

אין פופצן קאַפּיטלען באַמיט ער זיך צו ווייזן אַלזייטיק דאָס ראַטנלענדישע לעבן, ווי מ'קען זיך פאָרשטעלן פון די נעמען פון אַזעלכע קאַפּיטלען ווי „די רעפאָרמע פון דער וויזאַנטישער קירכע", „די קאַטאָרגע אַמאָל און היינט" א. ד. ג.

מ'מוז מודה זיין, אַז מילער קען זען און שילדערן וואָס ער האָט געזען. און געמאָלט האָט ער פאַרבנרייכע, לעבעדיקע בילדער פון אַ לעבן,

וואָס אַנטשטייט פון אונטער בורזועס; אַ לעבן וואָס בויעט זיך נאָך אַ רע־וואָלוציע, וואָס האָט „אַף אייביק אָפּגעטיילט די וועלט פון נעכטן פון דער וועלט פון מאָרגן". ער ווייסט אויך, אַז ס'איז שווער פולשטענדיק אָפּצו־שאַצן די ווערט פון אַ עקספּערימענט וועמענס קאָנסעקווענצן וועלן זיך אָפּרופן אַף יאָרטויזנטער; ער ווייסט אַז אַסאַך האַסכאָלעס וועלן אויפגע־געבן ווערן און פיל אַנדערע וועט מען צוגעבן; ר'האָט געזען, געשילדערט און געפילט — ווייל ר'האָט אונדז געמאַכט דערפילן, — בעאיים מיר לייענען, — אַז עפּעס גרויס, פּרעכטיקס ווערט געשאַפן אין ראַטנפאַר־באַנד.

יאָ, דער טאַלאַנטפולער שרייבער איז געקומען און געזען רוסלאַנד; געזען דאָרט דאָס פּאַרקערטע פון וואָס ר'האָט געוואָלט זען, אָבער ר'האָט זיך ניט געקענט דערהויבן צו בילאַמס מאַדרייגע: ער האָט יאָ געשאָלטן.

און געשאָלטן האָט ער, ווייל אַליין איז ער אַ קינד פון דער וועלט פון נעכטן; און דעריבער איז נאַטירלעך אַז זיין גאַנצע נאַטור, זיין מייר־רעוו־אייראָפּעאישע דערציונג, זאָל רעבעלירן קעגן דער וועלט פון מאָרגן. האָט ער זיך טאַקע געצייגט אין זיין בוך אַלס גוטער מאָלער און לעבער־לעבער דיינקער; זיין אויג האָט איינגעזאַפּט מער ליכט און פאַרבן וויפל דער מויעך האָט געקענט באַגרייפן, צו גרויס זיינען געווען די פאַקטן, צו פייערדיק האָט געקאָכט דאָס לעבן ער זאָל עס קענען באַנעמען מיט זיין בירגערלעכן געדאַנק, פּרוּווּן עס באַגרייפן און זיך ניט אָפּבריען.

באַלד ווי דער שרייבער קומט פּאָנים על פּאָנים מיטן „קאָלעקטיוון מענטשן", מיט דער טויזנט קעפּיקער מאַסע, וואָס שפּאַצירט איבער די גאַסן פון די גרויסע שטעט, וואָס זינגט פאַר פרייד אָדער ברומט פון צאָרן, דערפילט ער אַז דער יאָכיד, דער ניט אָרגאַניזירטער, וואָס איז נאָך פול מיט פּערזענלעכע זאָרגן, וואָס איז נאָך קראַנק פון'ם אומבאַשטימטן סאָד פון דער „נעשאָמע", דידאָזיקע יערושע פון'ם „פּאַרשאָלטענעם אינדיווי־דואַליסטישן אָווער", וועט ניט פעיק זיין, איבער דער דאָזקער נעשאָמע זיינער, צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער צוקונפט־אימפּעריע, און ווייסנדיק אַז ער אַליין געהער צו יענע הויך־נעשאָמעדיקע מיירעוו־אייראָפּעאישע אינטעליגענטן, איז נאַטירלעך, וואָס ס'מערקט זי אַזאַ פאַרביטערקייט באַם מעכאַבער קעגן דעם „קאָלעקטיוון מענטשן", וואָס, אַ באַפרייטער פון אינדיווידואַליסטישער נעשאָמע־קיצלונג איז ער שטאַרק און הערשט אַליין. דער שרייבער וויל ווייזן די ווילדקייט פון באָלשעוויזם, זיין אָנ־גריף אַף דעם גרויסן יאָכיד, ציטירט ער פּאָקראָווסקין, דעם סאָוועטישן היסטאָריקער, וועמען ער זעלבסט באַטיטלט אַלס גרויסער. „מיר מאַרק־סיסטן", האָט פּאָקראָווסקי געזאָגט ריידנדיק פון לענינען, „קוקן ניט אַף דער פּערזאָן ווי אַפן שאַפער פון געשיכטע, ווייל פאַר אונדז איז אַ פּער־זאָן בלויז דער אינסטרומענט מיט וועלכן די געשיכטע אַרבעט. פּילייכט וועט נאָך קומען אַ צייט ווען דידאָזיקע אַניסטרומענטן וועלן קינסטלע־ריש געשאַפן ווערן, ווי מיר שאַפן היינט עלעקטרישע אָנזאַמלערס (אַקו־

מולאַטאָרם). אָבער מיר האָבן נאָך דערווייל ניט פּראָגרעסירט אַזוי ווייט; פּאַרלויפיק ווערן נאָך דידאָזיקע אינסטרומענטן דור וועלכע די געשיכטע ווערט געמאַכט, דידאָזיקע אַנזאַמלער פונ׳ם סאָציאַלן פּראָצעס, געשאַפן און געבוירן אַף אַ גאַנץ עלעמענטאַרן אויפן״.

איך, אַלס פּאָשעטער מענטש, זע ניט אין דידאָזיקע ווערטער קיין פאַרשווערונג פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט. וואָס אָנבאַלאַנגט דער באַהויפּטונג, אַז דער יאַכיד איז בלויז אַן אינסטרומענט אין דער האַנט פון דער געשיכטע איז זי שוין אַלט און באַקל, מאַרקס און זיינע כאַוויירים האָבן שוין לאַנג פריער געקעמפט מיט קאַרליילן, עמערסאָנען און די איבעריקע אידעאַליסטישע אינדיווידואַליסטן, און היינט צו טאָג איז די געשיכטע — כ׳מיין די היינטצוטאָגידיקע געשיכטע, ווייל יעדן מאָמענט ווערט דאָך געשאַפן געשיכטע — אַזוי קאָמפּליצירט, אַז מ׳דאַרף זיך איינפאַך מאַכן לעכערלעך צו זאָגן אַז אַ יאַכיד, און מעג ער זיין פּלאַטאָן אַליין, וועט די געשיכטע קענען מאַכן, אנשטאָט ער זאָל זיך פאַרנעמען אַ ווינקל און זיך לאָזן פון איר פירן און באַאיינפלוסן. און וואָס באַלאַנגט דער אַפּיקאָרסישער נעוואָוע, אַז מיר וועלן אין דער צוקונפט פיליכט קענען קינסטלעריש שאַפן פּערזענליכקייטן, זאָגט מען דאָך מאַ שעיאָסע האַזמאַן, קיינער קען נישט וויסן וואָס די צייט וועט ברייגנען. וואָלטן דען אונדזערע זיידעס ניט געווען געכויזעקט און געררויגעזט ווען מיר זאָלן זיי געווען פאַראויסזאָגן אַז מ׳וועט אַמאָל דערפינדן אַ מאַשין ווי אַזוי אויסצעוואַרימען אייער אָן הינער און היינט איז עס אַ געוויינלעכער פאַקט. לאַכט ניט, עפשער וועט מען מיט דער צייט אויך אויסוואַרימען מענטשן, און ווען מיר וועלן דערביי האַלטן וועט מען מיסטאָמע וויסן ווי אויסצעוואַרימען געאוינים אויך. דערווייל איז דאָך אַ פאַקט, אַז יעדער מענטש איז דער פּראָדוקט פון סיבעס, סיבעס און סיבעס. מיר ווייסן זיי נאָך ניט. ס׳דאַרף נאָך אַביסל געדויערן מיר זאָלן אַלץ וויסן... אָבער ווען עמיץ דריקט אוים די האָפנונג צו דערגריין פּאַרוואָס און ווי אַזוי — די גאַנצע געשיכטע פון אַ מענטשנס ווערן, דאַרף דאָך אונדז עס אַף אַזוי פיל לעבעס, פּאַרדריסן וויפל ווען מיר זעען אַ באָטאַניקער פּאַרשן דאָס ווערן און לעבן פון פלאַנצונגען און בוימער, א. ד. ג. רענע פיליפּ מילער איז אָבער בערויגעז, ער האָט מוירע, אַז דער הייליקער סאָד פונ׳ם „מענטשלעכן גאָט״, דער סאָד פון יאַכיד זאָל כאַלילע ניט אַנטפּלעקט ווערן.

און נאָכדעם ווי ער „לאָקאַליזירט״, אַזוי צו זאָגן, די קאָלעקטיוויסטישע געפאַר, ציטירנדיק פריער פון מאַסאַריקס בוך „רוסישע געשיכטע און פילאָזאָפיע פון רעליגיע״, אַז ביז 1833 האָט דער רוסישער פּאַרעץ געקענט ברעכן דעם פּויערס פאַמיליע, פּאַרקויפנדיק איינציקווייז אירע מיטגלידער צו באַזונדערע פּריצים, קומט אונדזער מעכאַבער צום אויספיר, אַז בלויז אַ פאָלק, וואָס האָט געקענט זיין אַזוי דעספּאָטיש פּאַרקנעכט האָט אַזוי לייכט געקענט אויפגעבן זיין אינדיווידועלן ווילן. געלויבט איז קריסטוס, וואָס די פרייע מיירעוואייראָפּע געפינט זיך ניט אין די הענט

פון רוסישע פריצים; אירע אינדיווידיאומס מעגן רואיק שלאָפן, די פּראָגרעסיווע קאַפּיטאַליסטן וועלן שוין זאָרגן זייער „איך” זאָל אַזוי גיך ניט קאָלעקטיוויזירט ווערן...

און צו ראַטעווען זיין נעבעכדיק־לוימענעם אינדיווידואַליזם ער זאָל ניט צושמעטערט ווערן פון אָנשלאָגן זיך אין אייזנפעסטן ראַטנפאַרבאַנד, כאַפּט זיך דער אויטאָר אָן אין לענינען. עמעס, זאָגט ער, אַ גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיך אַנטוויקלט פאַרן באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד, אָבער פּונקט ווי די געשיכטע פון צעזאַרן אָדער נאַפּאָלעאָנען איז אומצוטיילבאַר פון זייער פּערזענלעכקייט, אַזוי איז אומעגלעך צו טראַכטן פון באָלשעוויזם אָן לענינען. גוט, ענטפערט ער, אַ מאַרקסיסט איז ער געווען, „די גרויסע שרויף”, די גרויסע „היסטאָרישע אָנווענדונג”, דער אינסטרומענט מיט וועלכן די געשיכטע האָט זיך באַנוצט דורכצופירן איר פּלאַן. דיינקט אָבער ניט אַזוי רענע פיליפּ מילער: „באָלשעוויזם איז גענצלעך לענינס אויפטו”, זאָגט ער, און ווייטער מיט אַ פּאָר הונדערט זייטן כאַפּט זיך בײַ אים אַרויס: „באַקונין איז דער ווירקלעכער פאָטער פון באָלשעוויזם”... (זייט 282).

ווי מוירעדיק דער מעכאַבער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, ווי ער פּילט, אומבאַוואוסטזיניק, אַז ער מיט זיין בירגערלעכער אָפּגעלעבטער אנשויאונג, פאַרלירט דעם באָדן פון אונטער די פיס ווען ער קומט אין באַריהרונג מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, קען מען זען פון די סטירעס אין וועלכע ער פאַלט אַריין.

ער איז באַגייסטערט פון לענינס געניאַלער פּערזענלעכקייט. אַף דער זייט 28 ברענגט ער ווי לאַנדוי אַלדאַנאָוו, אַ סאָציאַל דעמאָקראַט, איינער פון די פאַרביטערסטע קעגנער פון לענינען, האָט דערציילט, אַז אַמאָל אין סאַמע ברען פון מעלוכע־אַרבעט האָט לענין אויפגענומען אַן אומבאַקאַנטן אַרבעטער. „איך האָב געזען”, שרייבט אַלדאַנאָוו, „דעם אַרבעטער נאָכדעם ווי ר'האָט זיך אומגעקערט פון זיין אוידיענץ. ער איז געווען שטאַרק גערירט, גאָרניט דערזעלבער מענטש. געוויינלעך אַ רואיקער און מעיושעוודיקער מענטש האָט ער גערעדט ווי איינער וואָס איז אין עקסטאַז. ‚אָט דאָס איז אַ מענטש!‘, האָט ער געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן, ‚דאָס איז אַ מענטש פאַר וועמען איך וואָלט גרייט געווען אָפּצוגעבן מיין לעבן!.. מיט אים הויבט זיך אָן פאַר מיר אַ ניי לעבן!..‘ ‚אָבער וואָס האָט ער אייך געזאָגט?‘, האָב איך אים געפרעגט ווען ר'איז געוואָרן אַביסל רואיקער. דער ענטפער איז געווען: ‚לענין האָט געזאָגט: אַלצדינג געהער צו אייך, אַלצדינג. נעמט אַלצדינג. די וועלט געהער צום פּראָלעטאַריאַט. אָבער גלויבט ניט קיינעם, נאָר אונדז. די אַרבעטער האָבן קיין אַנדערע פריינט ניט‘. דער אַרבעטער האָט שוין הונדערטער מאָל געהערט די דאָזיקע אַבסורדישע דעמאַגאָגישע פראַזן, דידאָזיקע האַוויטאָכע פון אַ ערדישן גאַניידן אנשטאָט אַ לאַנג לעבן פון נויט. איז עס געווען די ווירקונג פון אַ טיפן גלויבן, וואָס האָט אים אַזוי באַגייסטערט?

איז עס געווען די מאַגנעטישע ווירקונג פון אַ אויסערגעוויינלעכער פּער־זענלעכקייט?״ און מילער גיט צו, פון זיין זייט, אַז פּריינט ווי פיינט האָבן געפילט אין אים יענע „גרויסע עלעמענטאַרע דערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך איינמאָל אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער״. און שרייבט ער דאָך ווייטער, אַז לעניגס שריפטן האַלטן געשפּאַנט דעם לייענער, ווייל ס׳פילט זיך אין זיי די מאַכט פון אַ גרויסער פּערזענלעכקייט. אָבער גרויס איז דער מעהאַלעך פון זייט 28 ביז זייט 72, און מילער שרייבט: „וואָס לענין האָט געזאָגט און געשריבן וועגן עמונע האָט זעלטן וועו געקראָגן די פאָרם פון וויסנשאַפטלעכע טיינעס, ווי די וואָס די פראַנצויזישע אויפ־קלערונג, אָדער דער מיירעוו אייראָפּעאישער סאָציאַליזם. אין אַלגעמיין זיינען עס געווען בלויז ווערטער פון אַ מענטשן וואָס זידט פון צאָרן״.

ווי זשע איז עס מעגלעך, אַז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט געבוירן איינמאָל אין יאָרהונדערטער און ווירקט מאַגנעטיש און באַגייסטערט זאָל זידן פון צאָרן ווען ער רעדט? צי האָט עפּשער דער דאָזיקער צאָרן אַזוי באַגייסטערט?..

און וואָלטער, צום ביישפּיל, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ שטיקל שייכעס צו דער פראַנצויזישער אויפקלערונג, איז ער געווען רואיק אין זיין ריידן און שרייבן, אָדער איז ער עפּשער ניט געווען קיין מיירעוו־אייראָפּעער?..

אינטערעסאַנט וואָלט געווען צו הערן מילערס מיינונג וועגן דער „וויסנשאַפטלעכער רואיקייט״, וואָס מערקט זיך אין אַזעלכע ווערטער ווי „רעליגיע איז דער אָפּיום פון די פעלקער״, באַם מיירעוו־אייראָפּעאישן מאַרקס?

ווי כ׳האָב שוין פריער אָנגעמערקט פילט דער לייענער אַז בלויז דעם מעכאַבערס אידעאָלאָגישע שאַלעכץ דאַרף ער אָוועקוואַרפן ער זאָל קע־נען האַנאָע האָבן פונעם געשמאַקן אינהאַלט. יעדעס קאַפּיטל גיט אַ גרינטלעכע פאָרשטעלונג וועגן באַהאַנדלטן איניען, פאַרשטייט זיך, פאַר־וויקלט אין מעכאַבערס אנשויאונג. צ. ב. אין קאַפּיטל „די פילאָזאָפיע פון באָלשעוויזם״ דערציילט ער אייך גאַנץ ריכטיק ווי לענין האָט גע־קוקט אָפּן פילאָזאָפישן אידעאַליזם אין זיין קאַמף קעגן דער שיטע. אַי דאָס וואָס מילערן פאַרדריסן די קלעפּ וואָס לענין האָט דערלאַנגט דער דאָזיקער שיטע, און אין זיין צאָרן גלייכט ער אים צו פרינצן פון דער קיר־כע, מיילע! ווען עמען אַרט עס? אָבער לעניגס געדאַנק אַז „אידעאַליזם״ און „מאַטעריאַליזם״ זיינען די „אידעאָלאָגישע וואָפן״ פון צוויי קלאַסן און אי־דעאַליזם איז ווייט פונ׳ם פּראָדוקציע־פּראָצעס, בעאיים מאַטעריאַליזם שטעלט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און צילט צו פּראַקטישער טעטיקייט, גיט ער דאָך איבער ריכטיק. ס׳איז פּאַשעט שיין צו זען וואוהין קאָעם קען פירן: אין זיין באַקעמפן דעם מאַטעריאַליזם, נאָכדעם ווי ער דערקלערט, אַ שיר ניט טריאומפירנדער, אַז באַ די באָלשעוויקעס איז „אַלץ וואָס שטעלט זיך קעגן דעם מאַטעריאַליזם רעאַקציאָנער, און מוז שטרייננג

פאַרפאָלגט און פאַרניכטעט ווערן, פונקט ווי די קאָנטר־רעוואָלוציע אין פּאָליטיק און עקאָנאָמיק", באַגייט דער מעכאַבער אַ מיעסן טאָעס: „די באָלשעוויסטישע פּראָפעסאָרן האָבן באַשלאָסן אַז ס'איז ניט ריכטיק צו קוקן אַף פלאַטאָניזם אַלס דעם העכסטן פונקט וואָס די גריכישע פילאָזאָפיע האָט דערגרייכט, ווי מ'האָט עס געטון ביז איצט; גיכער איז דאָס געווען די אַרבעט פון דעמאָקראַטן". און דער לייענער קען מיינען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען געווען די ערשטע ר'ל צו אַטאַקירן דעם „אידעאַליזם", אָבער נאָך מיט הונדערטער יאָרן פאַר די גאָטלאָזע קאָמוניסטן האָט פרענסיס בעקאָן געשריבן: „פילאָזאָפן ריידן וועגן אַ ערשטער „ניט פאַרורזאַכטער אורזאַכע", אָבער זיינען דידאָזיקע ווערטער ניט קיין פייגנבלעטער צו פאַרדעקן די ערווע פון זייער אומוויסנהייט, אָדער פילייכט וויזט עס ניט קיין ריינעם געוויסן אין די וואָס נוצן די ווערטער? יעדער קלאָרער און אָרנטלעכער קאָפּ ווייסט, אַז קיין אורזאַך קען ניט זיין ניט פאַרורזאַכט. **פילייכט וואָלט דער גרעסטער איבערבוי אין דער פילאָזאָפיע געווען איינפאַך דאָס — מיר זאָלן אויפהערן זאָגן ליגן".** (אונטערגעשטראָכן פון מיר.) און ניט בלויז בעקאָן האָט אַזוי געקוקט אַף דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, אויבן האָב איך אין דעם עסיי „מאַקאָליי" אָנגעוויזן ווי דער ענגלישער גרויסער שטאַטסמאַן מאַקאָליי האָט געקוקט אַפן גריכישן פלאַטאָניזם. און זיינען דען ניט די פאָלגנדיקע ווערטער פון בוכאַרינען וועלכע מילער ברייגגט אין זיין בוך בלויז אַ פּאָפּולערער אויסדרוק פון בעקאָנס פילאָזאָפישן געדאַנק? „אַלע אידעאַליסטישע באַטראַכטונגען", שרייבט בוכאַרין, „פירן סאָפּקאָלסאָף צו אַ מין קאָנצעפּט וועגן געטלעכקייט און זיינען דעריבער לויטער שטוסים אין די אויגן פון מאַרקסיסטן; אַפילע העגל האָט געזען אין גאָט די קאָנקרעטע פאָרם פון אַלעם גוטן און פאַרשטענדלעכן וואָס רעאַגירט די וועלט: די אידעאַליסטישע טעאָריע מוז אַלץ אָנלאָדן אַף די פּלייצעס פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן אַלטן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אָדאַמען באַשאַפן פליי און זוינעס, מערדער און קרעציקע, הונגער און אָרימקייט, מאַגייפעס און בראָנפן, קעדיי צו באַשטראָפן די זינדיקע וועלכע ער האָט אַליין באַשאַפן, און וועלכע זינדיקן אין אָנקלאַנג מיט זיין ווילן, קעדיי דידאָזיקע קאָמעדיע זאָל זיך ציען אייביק. פונ'ם וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט פירט דידאָזיקע טעאָריע צו אַבסורד. די איינציקע וויסנשאַפטלעכע אויסטייטשונג פון אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט, איז דער מאַטעריאַליזם".

ניט וויכטיק איז פאַר מילערן וואָס בעקאָן האָט געקוקט אַף דער ערד און ניט אַף די שטערן, ניט וויכטיק איז וואָס מאַרקס האָט אונטערגעשטראָכן אַז פילאָזאָפן האָבן בלויז **אויסגעטייטשט** די וועלט אַף פאַרשידענע אויפאַנים און אַז די אויפגאַבע פון סאָציאַליסטן איז איר **איבערצוענדערן**, ער שפּינט זיך ווייטער זיין שאַלעכץ און פאַלט גאָר אַף אַן אָריגינעלן געדאַנק...

זיין אידעאַליסטישער גאַט האָט אים צוגעשיקט אַ קאַשערע מעציע: אין דייטשלאַנד האָט איינער אַ פריץ גערליך אָנגעשריבן אַ בוך א. נ. „דער קאָמוניזם אַלס לערע פון טווענטיערוקן רייך”. אין דעם בוך זאָגט אַרויס דער דאָזיקער אויטאָריטעט מילערס אַ געדאַנק, אַז דער קאָמוניזם טראָגט אַ סעקטאַנטישן כאַראַקטער, כאַפּט אויף די „אַנטדעקונג” אונ־דזער מעכאַבער און נאָכדעם ווי ער שילדערט גלענצנד די רוסישע סעק־טעס, קומט ער צום אויספיר אַז קאָמוניזם איז אַ לאָקאַלע דערשיינונג — נאָך אַ סעקטע צו די אַלע אַנדערע וואָס עקזיסטירן אין רוסלאַנד מישאַ־נים קאַדמוינים; נאָך אַ טרייסט פאַר זיינע „אידעאַליסטן”...

ווי געזאָגט איז דער אונטערשלאַק ניט וויכטיק, דערוויל דערוויסט זיך דער לייענער וועגן די „מאַלאַטשאַנעס” זיינען, די „סקאָפּצעס”. ער דערוואוסט זיך וועגן איין סעקטע וואָס גלויבט, אַז גאָט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן זאָלן זיין ברידער, מענטשן האָבן אָבער אָנגעהויבן זיך צו קריגן, מילכאָמע האַלטן, בלוט פאַרגיסן און דאָס האָט געבראַכט הונגער און אָרימקייט. די אַלע שרעקלעכע זאַכן האָבן זיך גענומען פון רייכטום, דאָס איינציקע בייז, ווייל די אָרימע דאַרפן עס ניט. פון אַן אַנדער וואונ־דערבאַרער סעקטע, די „נעמאָליאַקעס”, וועלכע פלעגן זיך אָפּזאָגן פון צאָלן שטייערן, וואָס האָבן פאַרמאַכט די קלויסטערס און האָבן דער־קלערט, אַז גאָט עקזיסטירט אומעטום און די הייליקע בילדער זיינען ניט מער ווי געפאַרבטע פּאַפּירן און שמאַטעס. כ'לעבן, פיל ציוויליזירטע איי־ראָפּעאישע הערן און דאַמען מעגן זיך גיין לערנען כאָכמע באַ די ווילדע סעקטאַנטן... און אויב צווישן די סעקטאַנטן געפינען זיך אַזעלכע, וואָס פאַרברענען זיך לעבעדיק צו קומען גלייטערטע אַף יענער וועלט, האָבן אַנדערע, געזונטערע, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט אַזעלכע „ווילדע” ווי ליעוו טאָלסטאָי, געווירקט אַף די דומע-דעפּוטאַטן די טרודאָוויקעס, ווי מילער אַליין דערציילט, זיי זאָלן לעבן קאָמוניסטיש.

און ווען דער מעכאַבער שילדערט אונדז דעם מעכטיקן דראַנג צו שאַפן אַ נייעם סטיל אין סקולפּטור און אַרכיטעקטור, דעם טרוים איבער־צואַנדערשן בערג, טייכן, פעלדער, וועלדער און די יאַם-ברעגן און דאָס ביסעלע וואָס ס'איז שוין אויפגעטון געוואָרן פאַר די צוועלף יאָר פון סאָ־וועטיזם, קענען מיר זיכער זיין, אַז די טרוימען וועלן פאַרווירקלעכט ווערן. „אַ גרופּע יונגע פּראָפעסאָרן, אָנגעפירט פון ליאַדאָווסקין, דער־ציילט מילער, „האָבן געשאַפן אַ דעפּאַרטאַמענט פון מאָדערנער סקולפּ־טור אין דער מאָסקווער אַקאַדעמיע. זיי האָבן געמיינט אויפצושטעלן מאָ־נומענטאַלע הייזער מיט גרויסע אינערלעכע הייף, גערטנער, שפּיל-פּלע־צער, לייען-זאַלן, קינדער-גערטנער און אַף אַזאַ אויפן שאַפן ווירדיקע היי־מען פאַרן זיגרייכן פּראָלעטאַריאַט”. און ווען אַלץ קען ניט דורכגעפירט ווערן איבער דער עקאָנאָמישער אָרימקייט, ווי מילער אַליין ווייסט עס, איז דאָך דאָס ניט די שולד פונ'ם באָלשעוויזם. די קונסט-טעמפּלען, פּריי־צישע פּאַלאַצן און שיינע קלויסטערס פון דער אַלטער וועלט זיינען דאָך

ניט אויפגעבויט געוואָרן אין צוועלף יאָר, און ס׳איז אַ פּאַשעטע בייזווי־ליקייט צו באַהויפּטן ציניש, אַז „קיין פּאָזיטיווע נייע קולטור און פּראָלע־טאַרישער סטיל וועט קיינמאָל ניט אַרויס פון די אַלע עקספּערימענטן״. אַרויסזאָגנדיק דידאַזיקע מיינונג, דערמאָנט זיך מילער אַז לונאַטשאַרסקי דיינקט אַנדערש, אים ווילט זיך ציטירן לונאַטשאַרסקין, אָבער מ׳זאָל אים ניט כווישעד זיין אין באָלשעוויזם זאָגט ער, אַז לונאַטשאַרסקיס ווערטער זיינען ניט איבערצייגנד, וויניקסטנס, פאַר אים. אַדראַבע, לאָמיר טאַקע הערן צי זאָגט ער עפּעס לונאַטשאַרסקי אָדער ער פּלאַפּלט. „האָט דער באָלשעוויסטישער פּראָלעטאַריאַט ווירקלעך אַ קולטור? געוויס, האָט ער. — — — קונסט איז פאַר אָלעמען די אָרגאַניזאַציע פון עמאָציעס און יעכידים ווי אין גרופּעס, קלאַסן און גאַנצע נאַציעס. די קונסט פונ׳ם פּראָ־לעטאַריאַט איז דער אויסדרוק פונ׳ם אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס פון זיין נע־שאָמע־לעבן. ווער וועט שאַפן די פּראָלעטאַרישע קולטור? ווער, ספּעציעל, וועט באַשאַפן אירע פיינסטע פאָרמען, וואָס וועלן זיין ווייט פון דירעקטן קאַמף? נאַטירלעך דער פּראָלעטאַריאַט אַליין. מיר טאָרן בעשום אויפן ניט ווערן אָפּגעשראָקן פונ׳ם מאַנגל אין צייט און מיטלען און ניט געהע־ריקער פאַרבאַרייטונג, וועלכע, קענטיק, רויבן אַוועק באַ די אַרבעטער די מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון פינסטערניש און אויפהויבן די קעפּ איבער זייער געדירקטן לעבן און אַ פרייערע אַטמאָספער פון שאַפן״. לו־נאַטשאַרסקי וואָלט נאָך געוועזן באַדאַרפט צוגעבן: מיר טאָרן זיך אויך ניט מאַכן קיין וועזן פון די שוואַרצע נעוויעס וואָס ס׳דריקן אויס די בורזשו־אַזע אינטעלעקטואַלן. נאָך איין גרויסן געדאַנק לונאַטשאַרסקיס איז קע־דיי צו פאַרצייכענען: „זיי זאָגן אונדז, אַז אַן אַרבעטער, וואָס דערהויבט זיך אַ דאַנק זיין טאַלאַנט, און ווערט אַן עקספּערט, ווערט אָפּגעריסן פון זיין קלאַס און קען מער נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַ ווירקלעכער פּראָ־לעטאַריער. פונדאַמענטאַל וועט ער זיין אַן אינטעלעקטואַל פון פּראָלע־טאַרישער אָפּשטאַמונג, אָבער מיר האָבן ניט פאַרוואָס צו זיין דאַקעגן. פיל פון די גרעסטע — און אויך פון די קלענערע — שרייבער און קינס־טלער, וועלכע האָבן לויט זייער דערציאונג געהערט צו דער בורזשואַזיע, האָבן אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן מיטעלן קלאַס. זיי האָבן מיט פאַראַכ־טונג אָפּגעוואָרפן זיין קרעמערישע, קאָמערציעלע קולטור, וואָס האַלט זיך אָפן פאַרלייקענען די מענטשלעכע ווירדע, און, אָדער זיי זיינען שטאָל־צע, אונטערגעגאַנגען אַלס איינזאַמע דעזערטירן, אָדער זיי האָבן געפונען זייער וועג צו זייערע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע, די פּראָלעטאַריער. אין זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָבן די נידעריקסטע קלאַסן שטענדיק צוגעצויגן נאָבעלע רענעגאַטן פון אויבן. אויך אין דער קונסט וועט דער פּראָלעטאַריאַט געפינען זיין מאַרקס״.

די מילערס מעגן גוט נעמען אין קאָפּ די אויבן־געבראַכטע ווערטער, ווען זיי ריידן פון פּראָלעטאַרישער קונסט.

שטאַרק אינטערעסאַנט איז דאָס קאַפּיטל רוסישער טעאַטער. מ׳באַ־

קאָנט זיך פולשטענדיק מיט די הויפּט־פיגורן פון רוסישן טעאַטער, סטאַ־
ניסלאַווסקין, וואַכטאַנגאָוון, טאַיראָוון און מייערכאָלדן, באַזונדערס מיטן
לעצטן און זיינע אויפטועז. מיר דערוויסן זיך ווי סטאַניסלאַווסקי פלעגט
צוגרייטן זיינע פאָרשטעלונגען, ווי ער פלעגט אויסבילדן זיינע אַקטיאָרן
פּסיכאָלאָגיש אין פאַרלויף פון כאַדאָשים און אַפילע יאָרן. ווי ער פלעגט
צ. ב. זיי צעשטעלן אין די פּאַרוואָרלאָזטע פּריציש שלעסער אַרום מאָס־
קווע אָדער אין די פויערישע הויפן, וואו זיי האָבן זיך באַדאַרפט אָנזאַפּן
מיט איינזאַמקייט, ווען ער האָט געוואָלט אַז אַלע באַוועגונגען און אויס־
דרוקן זאָלן שאַפן אַף דער בינע דעם נויטיקן איינדרוק פון איינזאַמקייט.
ווי פאָרשטעלונגען פלעגן צוגעגרייט ווערן אין פאַרלויף פון גאַנצע דריי
יאָר, און ווי סטאַניסלאַווסקי פלעגט שאָען גאַנצע פאַרברייננגען אין פוסטן
טעאַטער־זאַל צו שאַפן דעם עפעקט פון אַ בליץ און דונער־שטורם, דאָס
פאַלן פון אַ האָגל אָדער דאָס האַווקען פון דאָרפס הינט. דער שרייבער
ווייזט אונדז ווי קעגן סטאַניסלאַווסקיס פּסיכאָלאָגישע פאָרשטעלונגען,
קעגן זיין נאָכמאַכערישן רעאַליזם האָבן רעוואָלטירט זיינע צוויי גרויסע
טאַלמידים, וואַכטאַנגאָוו און מייערכאָלד, אַרום וועלכע ס׳האָבן זיך שפּע־
טער גרופּירט אַסאַך אַנדערע. וואַכטאַנגאָוו האָט זיך שטריינג געהאַלטן
באַם לויטער קינסטלעריש־דראַמאַטישן, ווייט פון פּאָליטיש רעוואָלוציאָ־
נערער ווירקונג, בעאַיים מייערכאָלד איז געוואָרן דער לייטער פון׳ם אָפּי־
ציעלן סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזירנדיקן טעאַטער, וואָס נעמט אַ פּראַאַנט־
וואָרטלעכן אַנטייל אין׳ם סאָציאַל־קולטורעלן איבערבוי פון ראַטנפאַר־
באַנד. באַ וואַכטאַנגאָוון, לייענען מיר אין בוך, איז קיין סוידעס פאַרן פּו־
בליקום ניט געווען. די אַקטיאָרן זיינען אַרויף אַף דער בינע אין זייער גע־
וויינלעכע קליידער, האָבן געגריסט דאָס פּובליקום און האָבן זיך אָנגע־
הויבן פאַרוואַנדלען אין די העלדן פון דער פּיעסע, אין די אויגן פון׳ם
גאַנצן עולעם, ס׳האָט אויסגעזען ווי אַן אימפּראָוויזאַציע און האָט גע־
שאַפן דעם איינדרוק ווי שפּיל גיסט זיך צונויף מיט לעבן און פאַרקערט.
ווער ווייסט ניט אַז די העברעאישע „האַבימע” איז וואַכטאַנגאָווס קונסט־
ווערק, נאָר אַז דער ראָוו אַקטיאָרן פון דער טרופּע זיינען ערעץ־איסראָעל־
אידן, דאָס האָב איך ניט געוואוסט ביז ר. פ. מילער האָט עס אָנגעשריבן...

טאַיראָוו מיט זיין „קאָמעדיאַ דעל אַרטע”־סטיל האָט אַף מיר, אין
דער צייט פון זיין פאַרברייננגען אין בוענאָס איירעס, ניט געמאַכט קיין
גרויסן רוישעם. זיין ספּעציפיש, באַוואוסטזיניק פאַרציכטן אַף דער פּסי־
כאָלאָגישער אָרגאַניזאַציע פון די געשפּילטע זאַכן, האָט מיר ניט געקענט
געפעלן. אַצינד לייען איך, באַ מילערן, אַז אין מאָסקווע באַטראַכט מען
זיין „ריין קינסטלערישן” טעאַטער אַלס דער פאַרוויילער פון דער דאָר־
טיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט”...

מייערכאָלד איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט גלייך פון אָנהויב
דערקלערט, אַז טעאַטער האָט נישט מער קיין רעכט צו זיין „פריי”; טע־
אַטער מוז ווערן אַן אינסטרומענט פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

ער שטרעבט, פאר אַלעמען, געזעלשאַפטלעך אויסצובילדן דעם אַקטיאָר. מייערכאָלד מיינט ניט זיך אָפּצוזאָגן פונ׳ם פּסיכאָלאָגישן און עמאָציאָנעלן, מער ניט דער יאָכיד מיט זיינע איבערלעבענישן גיט גאַרניט מער דער מאסע און דעריבער קוקט ער אָף דער געשאָמע פון דער מאסע ווי אָף דעם וויכטיקסטן און רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס. און די דראַזיקע קאָלעקטיווע נעשאָמע באַמיט ער זיך צו ווייזן אָף דער בינע. דאָס איז דער סאָד פון זיין גרויסן דערפאָלג. ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך און פאַרשטייט אַז ס׳איז איצט קיין צייט ניט צו פאַרוויגן די צושויער מיט ראָמאַנטישע כאָלוימעס, ווירקן זיינע דינאַמישע פּאַרשטעלונגען אַזוי שטאַרק און האָבן אים געמאַכט פאַרן ראַטנפאַרבאַנדישן פאָלקס־קינסטלער.

אָבער די פאָלקס אַקטיאָרן, מאָלער, אין אַלגעמיין, די קינסטלער פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גרויסער קולטורעלער קויעך דעם טעאַטער קען ווערן בא די נייע רעוואָלוציאָנערע אומשטענדן, האָבן גענומען דאָס לאַנד פאַר אַ בינע און דאָס פאָלק פאַר מיטשפּילער. ס׳איז געקומען אַ צייט פון מאַסן־שפּילן וועלכע די געשיכטע האָט צום ערשטן מאָל געזען. אַזוי צ. ב. האָט מען אין לענינגראַד אינ׳ם זומער 1920 אויפגעפירט דעם ערשטן מאַי אונטער דער לייטונג פונ׳ם מאָלער אַנענקעוו אַ פּאַרשטעלונג א. נ. „די באַפרייאונג פון אַרבעט”. ס׳איז קעדאַי איבערצוגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט און אויפן פון דער שפּיל: „די בינע האָט פאָרגעשטעלט אַ וואַנט אינמיטן וועלכער ס׳איז געווען אַ ריזיקער גאָלדענער טויער. פון יענער זייט וואַנט האָבן זיך געהערט אַקאָרדן פון פריידיקער מוזיק, ס׳האָבן אַרויסגעשיינט ליכט־שטראָלן אין אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן; די וואַנט באַהאַלט פון יענער זייט אַ וועלט גליקלעך לעבן. פאַרן פאַרשלאָסענעם טויער איז געשטאַנען אַ קאַנאָן ניט אַריינצולאָזן אין דער שטראָלנדיקער מעלוכע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט”.

„אָף די טרעפּ קעגן דעם טויער זיינען שקלאַפן באַשעפטיקט בא שווערער אַרבעט, אויפזעערס שטייען איבער זיי מיט לאַנגע בייטשן. פון אַלע זייטן הערט זיך בלויז אַ קרעכצן און יאָמערן, דאָס קלינגען פון די קייטן און דאָס פייפן פון די בייטשן, די קלאַפּס און געשרייען פון די שקלאַפן און דער ווילדער געלעכטער פון די אויפזעער. אַ ווײַלע ווערט שטיל דער דראַזיקער שרעקלעכער ראַש פון מענטשלעכער עלנט, און די צויבערקלאַנגען פון דער ווייטער מוזיק ווערן קלערער און העכער. די שקלאַפן הערן אויף אַרבעטן, באַגייסטערט פון די טענער וואָס קומען פון יענער זייט טויער, ווייזן אַרוים אייניקע שקלאַפן בענקשאַפט נאָך דעם אומדערגרייכבאַרן לאַנד פון גליק, אַרויסלאָזנדיק געשרייען פון פרייד, אַנדערע טוען טפילע. נאָר האָט האָבן די אויפזעער ווידער געכאַפּט זייערע בייטשן, זייער פייפן מאַכט אומעגלעך צו הערן די מוזיק און פאַרטויבט די געשרייען און פריידיקע טפילעס. ווידער הערן זיך קוילעס פון שרעק און

עלנט, ווידער נעמען זיך די נידערגעשלאָגענע שקלאַפן צו דער אַרבעט בעאיים זייערע פייניקער פרייען זיך.

„מיט באַטויבנדע קוילעס זאָגן אָן טראָמפּייטערס דאָס אָנקומען פון די רעגירער און אונטערדריקער. זיי קומען אַרומגערינגלט מיט דער גאַנצער סוויטע און צעזעצן זיך אַף די טרעפּ וואו דער פייערלעכער באַנקעט דאַרף זיך אָנהויבן. אַנטקעגן ברייננגט מען צוטראָגן דעם וויזאַנטישן קייסער, וועלכער איז גרויסאַרטיק געקליידעט מיט אַ דרייפאַכער גאָלדענער קרוין. זיין פּאָנים, מיט די לאַנגע וואָנצעס און שפּיציקער באָרד, דריקט אויס סענסואַליטעט און אויסגעלאַסנקייט. די גאַנצע קאָמפּאַניע הערשערס זעצן זיך צום טיש. פּראַכטפולע מאכאָלים ווערן געבראַכט. מוזיקער שפּילן פיינע מוזיק, טענצערס פאַרווילן די געסט. קיינער פון די אָנטיילנעמער אין דער פייערונג קלערט ניט וועגן דער וואונדערלעכער מעלוכע וואָס געפינט זיך פון יענער זייט וואַנט, ווייל די רעגירער און קאַפּיטאַליסטן איז גוט אויך פון דער זייט. זייערע געשרייען, זייער שיקערע קוילעס, דערטרינקען די קלאַנגען פון מוזיק וואָס קומען פון יענער זייט טויערן. ווען ס'ווערט אַ ווײַלע שטיל צווישן די רעגירער, הערן זיך שטאַרקער די אַקאָרדן פון דער צוקונפט-מוזיק, גלייך זי וואָלט גערופן די שקלאַפן. סטימולירט דערפון הויבן זיי אָן צו מורמלען און מאַכן דראָענדיקע זשעסטן. די וואַכזאַמקייט פון די רעגירער קען ניט לאַנג אָנהאַלטן קעגן דער דאַזיקער מוזיק. די געסט שפּרינגען אויף פון זייערע פלעצער ווי דערשראָקענע פון אַ פאַרגעפיל, אַז די קאַטאַסטראָפע איז נאָענט. די שקלאַפן הויבן זייערע הענט אין טפילע צו דעם גאָלדענעם טויער, וואָס דאַרף עפענען דעם וועג אינ'ם לאַנד פון פרייהייט.

„דער רעוואָלט הויבט זיך אָן: זיי וואַרפן זייער אַרבעט. טכילעס שיינט אויף שוואַכלעך אַ רויטע שיין, וועלכע ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן פלאַם. די מאַסן שטראָמען אין אומאָרדענונג צו די טרעפּ וואָס פירן צום טיש פון די רעגירער, נאָר די גוואַרדיע שלאָגט גלייך אָפּ די אַטאַקע. אַ בעסער אָרגאַניזירטע מאַכנע פּרואווט אַ צווייט מאָל שטורעמען דעם טיש: דאָס זיינען די רוימישע שקלאַפן אונטער דער פירערשאַפט פון ספּאַרטאַקן, וועלכער טראָגט אַליין אַ רויטע פאָן. נאָכדעם ווי די דאָזיקע אַטאַקע איז אויך אָפּגעשלאָגן, קומט אַ מאַכנע פּויערים באַוואָפנטע מיט סערפּן און פּרוּוון שטורעמען דעם וועג צום גאָלדענעם טויער. די הערשער געלינגט, נאָך גרויסע שוועריקייטן, אויך אָפּצושלאָגן די דאָזיקע אַטאַקע וואָס ווערט אָנגעפירט פון סטענקאַ ראַזין, אונטער די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע ציען זיך נייע מאַכנעס צום גאָלדענעם טויער; זיי טראָגן רויטע פענער און פריגישע היטעלעך אַף זייערע קעפּ. די סאָלדאַטן פון דער גוואַרדיע הויבן אָן צו אַנטלויפן און ס'זעט אויס זייער זיג זאָל זיין נאָענט, נאָר האָט האָבן די קאַנאָנען פון אַנטקעגן אָנגעהויבן צו רעווען און ווידער האָט מען אָפּגעשלאָגן די אַטאַקע פון די שטורמער. די אַרבעטער-מאַסע איז שוין גרייט אויפצוגעבן דעם קאַמף

אין פאַרצווייפלונג, אָבער אין דעם מאָמענט שיינט אויף אין מיזרעך דער ליכטיקער שטערן פון דער רויטער אַרמיי. די מאַסע פאָלגט אים נאָך מיט פרייד, ביז ענדלעך שאַלן טראָמפּייטן, רעוואָלוציאָנערע לידער ווערן געזונגען, די ערשטע רייען פון די רויטע כּאַיאַלעס באַווייזן זיך און לייגן זיך דורך אַ וועג צווישן אַ מאַסע וואָס איז שיקער פון זיג, צום גאָלדענעם טויער. מוזיק שפּילט, איין מעכטיקע אָנשטריינגונג און... דער טויער עפנט זיך ברייט.

„מיט אַ קראַך פון אַ דונער פאַלט די הויכע וואַנט: די מעלוכע פון שאַלעס, פרייהייט און פריידיקער אַרבעט איז געקומען. די רויטע אַרמיי לייגט אַוועק די וואָפן און פאַרבייט זיי אָף סערפּן, האַמערס, רידלס און אַנדערע וועדקצייג. אַלע פעלקער טאַנצן אַ פריילעכן קאַראַהאָד אין ברידערליכן עקסטאַז. מ'הערט די טענער פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל און די גאַנצע בינע הויבט אָן רעגענען מיט פייערווערק".

דאָס איז בלויז איינע פון אַסאַך פאָרשטעלונגען אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל גענומען די בעסטע רעזשיסאָרן, מאָלער, אַקטיאָרן און קינסטלער פונ'ם ראַטנפאַרבאַנד. ווי זיי האָבן געווירקט אָף דער מאַסע קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן.

רייך אין אינהאַלט איז אויך די אָפּהאַנדלונג וועגן דער ליטעראַטור און פּאָעזיע, אין וועלכער דער מעכאַבער ציילט אייך אָן היפּשע עטלעכע פּראָלעטאַרישע שרייבער און דיכטער, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז דער פאַקט איז אין ווידערשפּרוך מיט זיין איבערצייגונג, אַז אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז אומעגלעך. איר דערוויסט זיך אַז דידאַזיקע גרופּע, צ. ב., פאָדערט אַ גרונטלעכע אויספאָרשונג פון די אויסלענדישע ליטעראַטורן; אַז דער הויך טאַלאַנטפולער זאַמיאַטין האָט פּראַכטפול געשילדערט אין אַ נאָוועלע „מיר" די צוקונפטיקע רוסישע קולטור נאָכן פאַרווירקלעכן פונ'ם קאָמוניזם און אַז ביקלאַל האָט די גרופּע אָנגעהויבן איינצופירן די אַמעריקאַנער קורצע געשיכטעס. איר באַקומט אַ פולשטענדיקן באַגריף זוער בעדני איז און וואָס האָט מאַיאַקאָווסקי אויפגעטאָן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלעס איז טרייף באָלשעוויסטיש. מען מוז פריער ווערן אָן אַקטיווער קאָמוניסט, באַקלאָגט זיך נעבעך אונדזער שרייבער, „קיינער וואָגט מער ניט צו זיין אַ זשעני; דער איינציקער טיטל צו וועלכן מ'דאַרף שטרעבן איז „כּאַווער"...

איז עס ניט אַ הימל-שרייענדיקער פאַרברעכן? ס'וואָלט עפּשער געווען לאַגיש ווען מילער זאָל מיינען, אַז אויך דזשאָן דריידן, וואָרדסוואָרט, טעניסאָן א. א. וו. זיינען געוואָרן אויס גאַאָנים זינט זיי האָבן אָנגענומען דעם טיטל „געקרוינטער פּאָעט". די אויסגערעכנטע האָבן אָבער געדינט דער ענגלישער קרוין, זיינען ניט געווען קיין „כּאַווײרים" און אַנשטאָט צו זיין אַקטיווע קאָמוניסטן און דינען דעם אַרבעטער-קלאַס האָבן זיי געדינט דער בורזשואַזער מעלוכע און מילערס אידעאַליסטישער רעליגיע. אַ זשעני ווייזט אַרויס גאַאָנעס צו וואָס פאַר אַ קלאַס ער זאָל נישט

דינגען; מער ניט ס׳זיינען פאַראַן פון זיי שעדלעכע ווי נוצלעכע. און גע־ווים וועט דער פון פּראָלעטאַריאַט געקרוינטער טעניסאָן זינגען „אידי־ליעס פונ׳ם קעניג פּראָלעטאַריאַט" אנשטאַט די פון דער קייזערן וויק־טאָריע.

פאַרוואָס האָט די בורזשואַזיע געמעגט אויסנוצן די קונסט און לי־טעראַטור אין אירע אינטערעסן און דער פּראָלעטאַריאַט טאָר עס ניט טאָן?

אויך אַ מוזיק ווערט געשאַפן אַ נייע אין רוסלאַנד. אנשטאַט דער קלויסטער־מוזיק און די קלאַסיקער, פּראָוואָן פּראָקאָפּיעוו, שמועל פיינ־בערג, אַנאַטאָל אַלעקסאַנדראָוו, מיכל גנעסין און פיל אַנדערע צו שאַפן אַף דעם געביט עפּעס נייס, אינ׳ם גייסט פון די פּראָלעטאַרישע אידעאַלן. אַז ס׳געלינגט זיי קען מען זען דערפון, וואָס אפילע אַזאַ „פּריינט" פון סאָוועטיזם ווי מילער זאָגט איידעס, אַז דער ענטוזיאַסטיש־רעוואָלוציאָנע־רער קאָמפּאָזיטאָר „סערגיי פּראָקאָפּיעוו האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען אין אייראָפּע. זיין ‚ליבע פאַר דריי מאַראַנצן׳ האָט מען פיל מאָל אויפגע־פירט אין די פראַנצויזישע און דייטשע טעאַטערן"...

אין קורצן; אַף אַלע געביטן פּרואווט מען אריינברייינגען פאַרשידנ־פאַרביקייט און גייסטיקן אינהאַלט. טראָצקי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַנ־שטאַט די שענקען זאָל מען אין יעדן דאָרף אויפבויען קינאָס און די סאָ־וועטישע מאַכט וועגדט אָן אַלע אירע אָנשטריינגונגען די קונסט זאָל ניט ווערן דער מאָנאָפּאָל פון געציילטע, נאָר זי זאָל זיך פאַרטיפן, פאַרשפּרייטן און אַריינדרונגען אין אַלע עקן פון דער ברייטער אימפּעריע.

ס׳איז פאַשעט אַ פאַרגעניגן צו לייענען פון אַזאַ מענטשן, וועמען מ׳קען ניט כוישעד זיין אין גוזמעס, ווי אַ גאַנצע אַרמיי אינסטרוקטאָרן זיינען צעשיקט געוואָרן אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקלען פון לאַנד אויפ־צוקלערן די פויערים די ווערט פון מאָדערנע אַגריקולטורעלע מאַשינען, די ווערט פון אינטענסיווער פּראָדוקציע א. ד. ג. ווי ס׳איז געגרינדעט גע־וואָרן די וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און, באַ דער געלע־גנהייט, דערוויסט איר זיך וועגן גאַסטיעוו איז און וואָס האָט זיין אינסטי־טוט אויפגעטאָן. ס׳איז מערקווירדיק ווי ס׳ווערט געפאָרשט די אַרבעט און געלערנט ווי צו אָרגאַניזירן די צייט זי זאָל ניט גיין לעאיבעד. „די קאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט און די פיזיאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע זעלבסט־דערציונג פונ׳ם מענטשן וועט קאָמבינירט ווערן אין איין און דעם זעלבן פּראָצעס. דער מענטש וועט זיין דאַן אומענדלעך שטאַרקער, קלוגער און סענסיטיווער, זיין קערפּער וועט זיין האַרמאָנישער, זיין שטי־מע מער מוזיקאַל, און זיינע באַוועגונגען וועלן רעגולירט ווערן פון אַ נייעם ריטם... דער דורכשניטלעכער מענטש וועט דערגרייכן די הויך פון אַ אַריסטאָ, אַ געטע אָדער אַ מאַרקס, און פון איבער דער גרעניץ וועלן שיי־נען נייע הויכן". — אַזוי האָט אויסגעדריקט דעם אידעאַל טראָצקי.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע איז געווען

צו ליקווידירן ס'אַמאַראַצעס. נאָך באַם סאַמע אָנהויב האָט טראָצקי דער־קלערט, אַז „דער בלויזער פאַקט, וואָס הונדערט מיליאָן נעפאַשעס וועלן זיך פאַר דער ערשטער צייט אויסלערנען לייענען, שרייבן און די פיר קלאַ־לים פון אַריטמעטיק, איז אַן אין פאַר זיך, אַ נייער און גרויסער אויפטו. די נייע קולטור איז ניט געפּלאַנט פאַר אַ פּריווילעגירטער מינאָריטעט נאָר פאַר די ברייטע מאַסן". און די אומגעהויער גרויסע און פאַרצווייגטע שול־נעץ אין וועמענס שולעס ס'ווערן דערצויגן און צוגעגרייט מיליאָנען קינדער צו אַ פּראָדוקטיווער און סאָציאַלער טעטיקייט, די אַרבעטער־פאַ־קולטעטן מיט די אַריבער דרייסיק טויזנט סטודענטן, די קליינע קינדער־רעפּובליקן און דער אויפן ווי ס'ווערט געלעבט דאָרט און געלערנט, ווי אַזוי די לערער פאַרשן אויס צוזאַמען מיט די טאַלמידים יעדן קעגנשטאַנד און דאָס סטימולירן דעם שילער ער זאָל זוכן מער דערפאַרונג, באַגייס־טערט אַזוי, אַז אַפילו מילער שרייבט: „אַן אָפּשאַצונג פון דער גאַנצער דערציערישער טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס ווייזט, אַז געוויסע מערק־ווירדיקע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן".

באַם ענדע בוך פאַרלירט אונדזער מעכאַבער אינגאַנצן דעם קאָנ־טראָל איבער זיך. זיין „גייסט" פאַרגיסט אינגאַנצן די איבעריקע זייטן. הערט: אַליין דערציילט ער, אַז די רוסישע גאַלאָכים האָבן זיך פאַרנומען אייך מיט שפּיאָנאַזש אין די צייטן פונעם צאַר. פיל גלויביקע וואָס זיינען זיך געקומען צו זיי זיך מיסוואַדע זיין, זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די צאַרישע טאַליאָנים אַ דאַנק די גאַלאָכים, וואָס האָבן אויסגעגעבן דער פּאָליציי זייערע סוידעס. אים ווילט זיך אָבער דאַווקע ראַטעווען די קיר־כע און זען אַז זי ווערט רעפאָרמירט, נאָכמער אַז זי וועט זיך אָנשליסן אין פויפסט... ס'הייסט, די קאָמוניסטישע רוסן וועלן ווערן קאַטאָליקער. דערציילט ער אייך ערנסט און צעלאַכט זיך ניט אַליין דערביי, וועגן „וויכטיקן" קאַמף וואָס קומט פאָר צווישן דעם גאַלעך קראַסניצקי, וועמען ער רופט אַן דער רוסישן לוטער, און דעם אַנדערן אַנטאָנין, דעם מער רעאַקציאָנערן, און שרייבט אַז די **בעסטע** מענטשן האָבן זיך גרופּירט אַרום די גאַלאָכים...

פאַרוואָס זיינען ניט די בוכאַרינס, פּאָקראָווסקיס, פּרעאָבראַזשענס־קיס, גאַסטיעווס, זאַמיאַטינס, פּראָקאָפּיעווס א. א. וו. די בעסטע, נאָר דאַווקע די גאַלאָכים?!..

און אַז ס'רעדט זיין מויעך, נישט דאָס אויג, פאַרט ער וויטער און דערציילט אייך, אַז אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ „קאַטאָרגע־קלוב". די ראַטנרעגירונג האָט געשאַפן דעם קלוב קעדיי צו פאַרטיידיקן די רעוואָ־לוציאָנערן, וואָס האָבן אָפּגעשוואַרצט זייערע יאָרן אָף קאַטאָרגע אין די צייטן פון די צאַרן. איינער פון די מיטגלידער איז דער אַכציקיעריקער אַשנברענער, וואָס האָט קימאַט אַ גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אָף דער קאַ־טאָרגע. ער איז געוועזן שעף פונ'ם רוסישן גענעראַל־שטאַב, איז ער גע־וואָרן אַ רעוואָלוציאָנער און האָט געהאָלפן אויספירן אַן אַטענטאַט אָף

אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אַ צווייטער מיטגליד איז די גוט באַקאַנטע וורעאַ פיגנער, דער געלערנטער ניקאַלאַי מאָראָזאָוו, טצערעטעלי א. א. זו.. איז דאַכט זיך מער ווי באַגייסטערונג און פארערונג קען אַזאַ קלוב ניט אַרויסרופן, געפינט מילער פאַר נויטיק, באַ דער געלעגנהייט, אָנצו-מערקן, אַז די „פריווילעגירטע פּאָזיציע פון אַזאַ אַריסטאָקראַטיע אין דער צייט, וואָס מ'שטרייבט זיך אָן אויסצוגלייכן די וועלט איז אַ באַזונדערע דערשיינונג".

יאָ, אַ באַזונדערע דערשיינונג איז היינט ווי די קריטיקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד ווילן אַלץ דערפירן צום אַבסורד...

מילער באַדויערט שטאַרק די פאַרשיקטע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן און „נעפלייט" און דריקט אויס די האָפנונג אַז דער „קאַטאָרגע קלוב" וועט רעאָרגאַניזירט ווערן און אַנדערע מיטגלידער וועלן זיי די „פריווילעגיר-טע"...

דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק, ער גלייכט דעם באָלשעוויזם צום יעזואי-טיזם. דער יעזואיטן-אָרדן איז אָבער געווען, לויט זיין קלוגער מיינונג, עמעסער פונעם באָלשעוויזם און ער ענדיקט: „באָלשעוויזם צילט נישט בלויז צו קאָנפיסקירן דאָס פריוואַטע אייגנטום: ער וויל קאָנפיסקירן די מענטשלעכע ווירדע קעדיי צו מאַכן פון פרייע מענטשן אַ טשערעדע ווילנלאָזע שקלאַפן", און ער ברייננגט אַ ראַיע פון דאָסטאָיעווסקים „שייַ-דים"...

אַזוי שרייבט אַ מענטש, וואָס האָט אַ אויג צו זען און אַ כוש פאַר פּראָבלעמען, אָבער וואָס הינקט אָף לאָגיק. און עפשער איז ער מעאַנעס זיין לאָגיק?.. מ'מעג כוישעד זיין, אַז ער האָט זיך שטאַרק גערויטלט ווען זיין פען האָט געשריבן אַזעלכע מיעסע ווערטער.

* * *

מיר האָבן היינט געטאָן ווי רעב מייער: דעם טאָך פון אַ מילגרוים אויפגעגעסן און די שאָלעכץ אַרויסגעוואָרפן.

# ווער איז דזשיאָוואַני פּאַפּיני און וואס איז זיין בוך „גאָג"

אין דער ליטעראַטור איז ער אַריין ווי אַ געטער שטורמער. אַליין אַ פלאָרענצער (געב. אין 1881) האָט ער צו צוויייאונצוואַנציק יאָר (אין 1903) דעבוטירט אין פילאָזאָפיש-ליטעראַרישן זשורנאַל „לעאָנאַרדאָ", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע „צו אַנטפּלעקן אַלטע ווערטן און פאַרשפּרייטן נייע אידעען אין ליטעראַטור און פילאָזאָפיע".

אין 1909 האָט ער, אינאיינעם מיט דזשוזעפּע פּרעצאָליני, געגרינדעט דעם זשורנאַל „גרופּאָ דע לאַ וואָטשע", דעם וויכטיקסטן אָרגאַן פון דער דאַרעמדיקער (פלאָרענטינער) קינסטלער גרופּע, וואָס האָט געגעבן אַן אימפּולס דעם פילאָזאָפישן שטודיום. אין 1912 ווערט ער באַרימט אויך אויסער איטאַליע אַ דאַנק זיין אויטאָביאָגראַפיע. אין 1916 דערשיינט זיין בוך קריטישע עסעען וואָס צושטערן גרויסע רעפּוטאַציעס, און מיט פינף יאָר שפּעטער פאַרגלאַנצט ער די אויגן צום הימל, ווערט אַ מיסטיקער און איז מעזאַקע די וועלט מיט זיין „קריסטוסעס לעבן".

מיט איין וואָרט — טכילעס סקעפּטיקער, שפּעטער פוטוריסט, אין 1921 — קאַטויליק און היינט, אין 1932, אַ נייע איבעראַשונג: דאָס בוך „גאָג", די סענסאַציע פון טאָג אין דער ביכער וועלט.

זיצט ערגעץ ווייט אַ קינסטלער און שאַפט, ברענגט אַרויס אויף פּאַפּיר זיינע דערפאַרונגען, איבערלעבענישן און געדאַנקען. דאָס בוך וואָס קומט אַרויס פון אונטער זיין פּען ווערט צוטראָגן איבער אַלע עקן וועלט און זיין אינהאַלט פאַרצערן און אַסימילירן מיליאָנען. ווייל מען אָבער ריכטיק באַנעמען זיין ווערק, מוז מען וויסן ווער דער קינסטלער איז, זיין שטאַם און די גילגולים וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין שאַפן ביז ער האָט דאָס בוך אָנגעשריבן. און דעריבער האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק צו פאַרצייכענען, פאַר אונדזערע לייענער, די ביאָגראַפישע דאַטן פון דזשיאָוואַני פּאַפּיני איידער מיר גייען איבער צו דיסקוטירן זיין נייַ ווערק.

מ'קען ניט און מ'טאָר ניט אָפּטיילן אַ קינסטלער פון זיין ווערק. איינס איז געבונדן מיטן אַנדערן; איינס איז אָפּהענגיק פונעם אַנדערן, און מיר וועלן בלויז דאַן פאַרשטיין פאַרוואָס דער מענטש טראַכט אַזוי און ניט אַנדערש ווען מיר וועלן וויסן וואָס פאַר אַ מין מענטש דאָס איז. און „גאָג", דער נייער העלד פּאַפּינים, דער מאָנסטער פון וועמען ער טרייסלט זיך אָפּ, אין דער פאָרעדע, מיט הענט און פיס, גיט אויס דעם מעכאַבער. מיר דערזעען, אַז לויטן לאָשן פון כומעש, איינעם געשטאַלט פון אַ צינישן קינסטלער פון אונדזער צייט, האָט ער אים באַשאַפן.

ער איז געגאַנגען אין אַ מעשוגאָים-הויז, דערציילט פּאַפּיני, באַזוכן אַ יונגען דיכטער וואָס איז דאָרט געזעסן און האָט זיך באַקענט מיט גאָגן, אַ פאַריקטן אַמעריקאַנער מיליאָנער וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאָנסטער. פאַרן אוועקגיין האָט אים דער מיליאָנער איבערגעגעבן אַ פּעקל פאַרשריי-

בענע זייטלעך. פּאַפּיני האָט די זייטלעך אָפּגעדרוקט, איז אַרויסגעקומען דאָס בוך וואָס ער טראָגט אונטער די לייענער, דאָס הייסט, די גאַנצע ציוויליזאַציע אונדזערע לויט עס פּאַסט איר אויף דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, דער פאַבריקאַנט שרעקלעכער מאַנסטער גאָג פונעם לאַנד מאָגאָג, דעם לאַנד פון אינדיווידואַליזם און „פרייער איניציאַטיוו".

אין אַ פאַרביקער, געשליפענער שפּראַך שילדערט אונדז גאָג זיינע דערפאַרונגען, איינפאַלן און געדאַנקען און עס באַקומט זיך אַ נייער קווי-העלעס. פון יעדן קאַפּיטל שפּרודלט פאַרניכטנדער ציניזם (ניט סקעפּטי-ציזם ווי באַם אַלטן קויהעלעס). און אַ פאַנטאַזיע האָט ער גאָג, אַז דיר-מאָ איז אַ גאָרניט אין פאַרגלייך מיט אים, און ענציקלאָפּעדישן ווי"ן פאַר-מאָגט ער גאָג, אַז מ'וואָלט אים געמעגט שטעלן פאַר רעדאַקטער פון אַ איטאַליענישער ענציקלאָפּעדיע... מיט איין וואָרט, אַ מיליאָנער אָן אוני-קום. אָבער דער מעכאַבער וויל פאָרט האָבן, אַז ער פּערזענלעך האָט כאַ-לילע גאָרניט צו טאָן מיט דעם „ציניקער. סאַדיסט, מאַניאַק, היפּערבאָ-לישן האַלב ווילדן". ס'זאָל הייסן, אַז ער האָסט אַלץ וואָס גאָג טוט און זאָגט. דאָס דאַרפן ווייסן אַלע וואָס קענען אים פון זיינע אַנדערע ביכער נאָכדעם ווי ער האָט זיך „צוריקגעקערט צום עמעס"... בלייבט אונדז, הייסט עס, נאָר צו אונטערזוכן דעם העלד, אָפּגעטיילט פונעם מעכאַבער, און שטעלן דעם דיאַגנאָז ווער איז ער און וואָס וויל ער, אָן דעם מיר זאָלן כאַלילע אָנרירן דעם קאָוועד פון זיין טאַטן... אַזוי נעמט אוים מיט אונדז באַם סאַמע אָנהויב, דזשיאָוואַני פּאַפּיני. וועלן מיר פּרואוון זען אַף וויפיל איז עס ריכטיק און מעגלעך צו טאָן, און צי איז עס טאַקע בלויז אַ צופאַל וואָס פּאַפּיני האָט דאָס בוך אָנגעשריבן, ווייל ס'האָט עס געקענט אויך אָן אַנדערער פונקט אַזוי אָנשרייבן. אויב אַזאַ העלד איז אין אונדזער לעבן פאַראַן און דער שרייבער האָט בלויז אים אָפּגעשילדערט, זיין פּער-זענלעכע נעשאָמע שטעקט ערגעץ אין קריסטוסעס בוזעם, אָדער גאָר באַם פּויפּסט אָפן פּאָדעלעק... די זאַך איז געמאַכט „אָביעקטיוו", דער קריסט-לעכער גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ מעציע: אַ מעשוגענעם מיליאָנערס טאָג-בוך און ער האָט אים פאַרעפנטלעכט...

אַלזאָ צו דער זאַך גופע. —

גאָג הויבט אָן צו שטודירן וועלט-ליטעראַטור, מ'שיקט אים צו די גרעסטע מייסטערווערק. ער לייענט דורך „די געטלעכע קאָמעדיע", „די איליאַדע", „גוליווערס רייזע אין ליליפּוטנלאַנד", „האַמלעט" א. א. וו. און איז שרעקלעך אַנטוישט. ער האַלט, אַז דידאַזיקע ווערק האָבן קימאַט גאָרניט ווערט. ער באַקאַנט זיך מיט יונגע שרייבער וואָס זיינען מיט דער אייגענער מיינונג. (ווי איר זעט ווייסן נעבעך ניט די יונגע אָפּצו-שאַצן די אַלטע קונסט ווערק...) פּאַפּיני אַליין איז שוין היינט אַלט 50 יאָר. און ער קומט צום שלוס, אַז אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועט זיך קיינער ניט פאַרנעמען מיט אַזאַ „צריקגעשטאַנענער און ווייניק איינ-טרעגלעכער אינדוסטריע" ווי די ליטעראַטור איז.

גאַג לאָזט זיך איבער דער וועלט און הויבט אָן באַזוכן די גרויסע און מעכטיקע פון אונדזער ערד. צו ערשט שטאָט ער אָפּ אַ באַזוך העגרי פּאַרד, און מ׳מוז מודע זיין, אַז ער איז דעם געלט-מענטש ווי געהעריק טויפעס. פּאַרד זאָגט אים, צווישן אַנדערס, „ס׳וועט באַלד קומען אַ מאָמענט ווען די אייראָפּעער וועלן זיך זען געצוואונגען אָפּצוגעבן זייערע רעמבראַנדטס, ראַפאַעל, וועלאַזקעז און האָלביין בלידער, די ביבליעס פון מאַגענצע, די זעלטענע האָמער עקזעמפּליארן, די אַרבעטן פון בענווענוטאָ טשעליני און די סטאַטוען פון פידיאַסן פאַר עטלעכע מיליאָנען אויטאָמאָבילן...״

אַ בריליאַנטן קאַפּיטל וואָס ווייזט ווי אַ פאַרד-ראָד קייקלט זיך אַריבער איבער אַלץ און אַלעמען; איבער קונסט אויצרעס פון דוירעס און פעלקער.

און אָט איז אונדזער העלד באַ גאַנדין. קומט אוים באַ אים, אַז גאַנדי איז מער ענגלענדער איידער הינדוס. דער הינדוס זוכט זיך צונויפצושמעלצן מיט דער נעשאַמע פונעם אוניווערז און מישט זיך ניט אין פּאָליטיק. ער האַלט פּאָליטיק פאַר אַ פאַרגענגלעכן איניען. קומט דער מאַהאַטמאַ וואָס איז דרייפערטל ענגלענדער (ווייל זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין ענגלאַנד, ס׳איז אַ מאָשל...) און וויל, לויט דער לאָגיק פון גאַג, באַפרייען אינדיע אַ דאַנק דער האַשפּאָע וואָס די ענגלישע קולטור האָט אָף אים געהאַט...

צווישן איין באַזוך און אַנדערן פאַרצייכנט ער פאַרשידענע באַגעגענישן וואָס ער האָט געהאַט, און מעשוגענע איינפאַלן פון קרענקלעכע „וויסנשאַפטלער״ און „קינסטלער״ וואָס האָבן זיך צו אים געווענדעט נאָך שטיצע.

אַזוי, לעמאָשל, פאַרצייכנט גאַג אַן איינפאַל מ׳זאָל פאַרדעקן ס׳פּאַנים. פאַרוואָס, פרעגט ער, פאַרדעקן מענטשן די הענט און ניט דאָס פּאַנים. ווען מ׳זאָל קענען טראָגן אַ מאַסקע וואָלטן מיר זיך באַשטעלט עטלעכערליי אַנצוגן, איינע אָף שאַבעס און איינע אָף יאָנטעוו; איין מאַסקע אָף אַ כאַסענע און אַ צווייטע אָף אַ לעוויע און מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט זיך צו מאַכן טרויעריק ווען מיר ווילן דאַווקע זיין פריילעך... מיר וואָלטן אויך געקענט טראָגן דאָס פּרעכטיקע פּאָנים פון ראַפאַעל סאַנטי אַנשטאָט דאָס אייגענע וואָס איז עפּשער ניט איבעריק קלאַסיש געשניצט.

ניט קיין שלעכטער איינפאַל פון אַ מיליאָנער!

זייער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז אויך „די געשיכטע פאַרקערט״.

עס איז עפּשער טאַקע לאָגיש, און ניט צום לאַכן, דאָס רעווידירן דעם מעטאָד פון געשיכטע שרייבעריי. עס איז גאַנץ ריכטיק, אַז דער „נאָכדעם״ דערקלערט דעם „פריער״ און ניט פאַרקערט. און פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אָננעמען פאַר אַ גרויסן עמעס אַז ווען מ׳זאָל אויפבויען אַ געשיכטע אָנהויבנדיק פון די לעצטע יעדיעס און ענדיקן מיט מיצראַים וואָלטן מיר בעסער און ריכטיקער באַגריפן דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָ-

צעם איידער ווען מ׳גיט אונדז אַ שליידער, ווי מיט אַ באַמבע אָף דער לעוואָנע צוריק מיט טויזנטער יאָרן און מיר דאַרפן זיך דורכשלאָגן אַ וועג צוריק צו אונדזער צייט דורך די מוירעדיקע מידבאַריעס פון דער געשיכטע. ווען מיר ווילן קומען אין אַ לאַנד פון וואַנען מיר זיינע אַוועק שוין גאַנץ לאַנג, לאָזן מיר זיך דען ניט צוריק פון דעם פּלאַץ וואו מיר געפינען זיך און מאַכן דען ניט דורך דעם גאַנצן וועג בעהאַדראָגעדיק?

נאָכאַמאָל, עס רופט באַ אונדז בעשומויפן ניט אַרויס קיין געלעכטער פּראָפעסאָר קילאָלאָעס וועלט־געשיכטע וואָס הויבט אָן מיטן ווערסיילער שאָלעם אין 1919 און ענדיקט מיט בעריישים באָראָ. גאַנץ מעגלעך, אַז אַזאַ געשיכטע, ווען זי וועט אָנגעשריבן ווערן וועט זי זיין די ריכטיקסטע.

אָבער אַז דאָס קאַפּיטל „די אידעען פון בענרובי", דאָס דאָזיקע אָרגינעלע אַריינדרינגען און מייסטעריש אויפגעשריבענע אויפפאַסונג פון אידן און אידישער פּסיכאָלאָגיע, די דאָזיקע וואַרימע באַציונג צו אידן, איז פאַרשלעפּט געוואָרן פונעם טיש פון אַ קינסטלער מיט גרויסער ערודיציע, (נאָר, כ׳בעט אייך למ"הש, דערמאָנט אייך ניט פּאַפּינין...), וואָלט מען געמעגט זיך וועטן אָף אַ מיליאָן...

גאָג באַזוכט איינשטיינען, פּרווידן און מאַכט זיי צו נישט. ער שטורעמט דעם הימל. די שטערן, קלאָגט ער זיך, קענען אים ניט און ער וועט גאָרניט קענען מאַכן פון זיי... ער וואָלט געוואָלט אַוועק אָף וועגוס ווייל, לויט מע זאָגט, איז די פּלאַנעטע אַרומגענומען מיט אַ געדיכטן נעפל און ער וועט דעם הימל ניט זען דאָרט. ער באַזוכט לענינען און פאַרצייכנט אַז ס׳האָט זיך געלוינט צו מאַכן דעם באַזוך. לענין קומט אויס באַ אים אַ ציניקער... ער זאָל אים האָבן געזאָגט: דער הויפּטאידעאַל פון יעדער רעגירונג דאַרף זיין צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ טפּיסע. מאַרקסן האָט געפעלט דער כוש פון אַ באַרבאַר און לענין האָט אים... לענין האָט געזאָגט: איך האָס די פּויערים, דער אינדיוויד איז עפּעס אַ זאַך וואָס דאַרף אונטערדריקט ווערן.

איר פאַרשטייט, גאָג פאַרצייכנט אַז ער האָסט די מענטשן, ווי זשע איז מעגלעך אַז לענין זאָל ניט האָסן... און דער אינדיוויד — וואָס וועט זיין מיטן אינדיוויד, וואָס? קען מען דען לעבן אָף דער וועלט און צוזען ווי די גרויסע אינדיווידומס, די גאָגס, ווערן אונטערדריקט, איז עס דערלאַזבאַר, איז עס דען ניט קיין באַרבאַריטעט?

אַ גלענצנד קאַפּיטל איז דאָס וואָס שילדערט ווי גאָג קויפט אַ רעפּובליק. דער דאָלער מענטש שפּאַצירט אַרום אינקאָגניטאָ אין זיין רעפּובליק. די אַלע מאַריאָנעטן, פּרעזידענטן און מיניסטאָרן פון אונדער צייט און אונדזערע מעדינעס מיינען אַז זיי שאַלטן און וואַלטן, אָבער אין דער עמעסן ליגן זיי באַ גאָגן אין קעשענע...

די צדאָקע און די פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן זיינען בלויז די פּראָדוקטן פון טויט־שרעק. קיין סענטימענטן, טיינעט גאָג, שאַפן זיי ניט

נאָר די מוירע פאַרן טויט. ער כויזעקט פונעם מענטשנס הערשאַפט אי־בער דער נאַטור. וואָס פאַר אַ הערשאַפט איז עס אַז מ'איז אויסגעשטעלט צו די וועטער־ענדערונגען און די צייטן פון יאָר. קיין היץ און קעלט קע־נען מיר ניט אָפּשוואַכן און ער מאַכט גראַנדיעזע פּלענער, לעמאָשל, די בערג דאַרף מען — זאָגט ער — אַראָפּטראָגן און צעאַקערן דעם באָדן אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, ווייל היינט צו טאָג לעבן אויף דער ערד צוויי מיליאַרד מענטשן און יעדער איינער האָט פיר מעטער קישקע, דאַרף מען, הייסט עס, אָנפילן מיט שפּייז 8 מיליאַרד מעטער קישקע, וואָס זשע וועט מען טאָן ווען די ערד וועט פאַרמאָגן פיר אָדער פינף מי־ליאַרד מענטשן, דאַן, רופט ער אויס טריאומפירנד, וועט מען מוזן צע־מאָלן די בערג צו באַקומען מער באָדן.

בראַוואָ, גאָג, וואָס גערעכט איז גערעכט!

גאָג באַזוכט עדיסאָנען און דערציילט אַז עדיסאָן איז ניט צופרידן געווען מיט זיין אַרבעט. ער זאָל קלוימערשט אים האָבן געזאָגט: וואָס פאַר אַ מעציע איז דער גראַמאָפאָן, די עלעקטרישע ליכט מיט אַלע אי־בעריקע דערפינדונגען זיינע אַז ער האָט ניט געקענט דערפינדן אַ דענ־קונג־מאַשין וואָס זאָל געבוירן קינדער...

ער קומט אין קאָנטאַקט מיט טעאָלאָגן און גייסטלעכע, פּרוּווט אויס אַלע עמונעס. באַקענט זיך מיט אַ געלערנטן וואָס פאָרשט די געשיכטע פון דער לויז... און גאָג ווייסט אַז גוטע כאַזאַנים געפינען זיך אין אוקריינע און אַז לייז הייסן אויף לאַשנקוידעש קינים...

ער קלאָגט, אַז „דער אינדיווידו" עקזיסטירט שוין בלויז נאָר אין דער טעאָריע, אין דער פּראַקטיק איז דער מענטש בלויז אַן אַטאָם, אַ ראָד, אַ נומער: ער אַנטלויפט פון אַלץ און אַלעמען און באַזעצט זיך אין די טאָלן פון די טאָסקאַנישע אַפּענינען. דאָרט בלאָנדזשעט ער אין אַ וואַלד ביז ער קומט אַרויס אויף אַ זוניקן פעלד וואו אַ קליין מיידעלע דערבאַרימט זיך אויף אים, שענקט אים אַ שטיקל ברויט און ער פרעגט פּאַטעטיש: דאָס זאָל זיין די עמעסע שפּייז, און דאָס לעבן אויף דער נאַטור דאָס עמעסע לעבן?

אַד קאָן מעגילאַס גאָג; אַזאַ איז דער אינהאַלט פון דעם סענסאַציאָ־נעלן בוך, און אַצינד וועלן מיר זיך צוריקקערן צום מעכאַבער.

דזשיאָוואַני פּאַפּיני איז אַ קינסטלער אַ ענציקלאָפּעדיסט, אַ ערשט קלאַסישער סטיליסט, דאָס הייסט, ער פאַרמאָגט די צוויי וויכטיקסטע אינסטרומענטן פון אַ שרייבער — וויסן און אַ שאַרפע פען, אַ קלאָרע שפּראַך צו קענען אויסדריקן וואָס ער וויל. ער איז אָבער ניט קיין אוי־טענטישער מענטאַלער קויעך וואָס האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע פּאַ־זיסן אין זיין אַנטוויקלונג און איז געבליבן אין טאָך דערוועלבער. אַמאָל איז ער געווען אַ פּראַגמאַטיקער, אין 1921 האָט ער זיך אַנטפּלעקט פאַר אַ מיסטיקער, אין 1932 האָט זיין קינסטלעריש אויג אָפּגעזוכט אין אונ־דזער געזעלשאַפט גאָגן, דעם מאָנסטער, וואָס ווייסט די פּרייז פון אַלץ און

די ווערט פון גאָרניט (אָסקאַר ווײלדס אויסדרוק וועגן אַ ציניקער) און האָט זיך מיט אים געלאָזט אַ טאַנץ. דאָס בוך, איז איבעריק צו זאָגן, איז ניט קיין צופעליקע אויפגעקליבענע בלעטלעך: ניט קיין צונויפגעשטיקע־ווטע מאָזאַישע אַרבעט, נאָר אַ קונסט־ווערק וואָס איז אַרויסגעהויכט געוואָרן אין איין אָטעם פון אַ ראַפינירטער שריפטשטעלערישער פסי־כיק. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער מעכאַבער באַהאַלט זיך אונטער די פלייצעס פון זיין העלד. און וואָרפט אים אַרויף אַלץ: ניט איך זאָג עס, נאָר ער, ער דער מעשוגענער...

וואָס לערנט אונדז דאָס בוך?

עס ווייזט די מוירעדיקע צעפוילטקייט פון דער עפּאָכע אין וועלכער מיר עקזיסטירן. עס איז פול מיט סטירעס ווי אונדזער לעבן, און ס'שטעקט אַרוים פון צווישן די שורעס די טייוולאָנישע צורע פונעם בירגערלעכן קינסטלער. לעמאָשל, גאָג קלאָגט אָפן „כורבן" פונעם יאָכיד. דאָס איז דאָך פאַלש, ווייל אַזוי יעכידעווען ווי גאָג האָט געיעכידעוועט האָט דאָך אַפילע פאָרד אַליין אויך ניט. און, ווידעראַמאָל, אויב מ'קוקט זיך צו צום אינדיווידואַליזם ווען ער ווערט דערפירט ביזן לעצטן עקסטרעם ווי בא גאָגן, קומט מען דען ניט צום שלום אַז אַ טפיסע איז דער איינציקער פלאַץ פאַר אַזעלכע פאַרשוינען?..

מיט וואָס פאַראַ סיורפּריז דזשיאָוואַני פּאַפּיני וועט אונדז נאָך אי־בעראַשן און וואָס פאַראַ גילגולים ער וועט נאָך דורכמאַכן, איז אַזוי שווער פאָראויסצוזאָגן, ווי די ענדערונגען פונעם וועטער, אָבער אַז דאָס בוך איז געשאַפן געוואָרן מיט אַ קיוון צו צושטערן, אָפּלאַכן און ברענגען דעם לייענער צו מוירעדיקן ציניזם איז קלאָר. די ווירקונג איז אָבער גע־ווען אַ פאַרקערטע — אַז ס'וועט קומען די מילכאָמע פון גאָג אומאָגעג, זאָגט די גמאָרע, וועלן זיך דערהערן טריט פון מאָשיעכן. און ווען דער קאַטויליש־מיסטישער פּאַפּיני האָט אָפּגעזוכט גאָגן און האָט זיך געלאָזט מיט אים טאַנצן, האָבן מיר דערהערט טריט פון די בויער וואָס קומען נאָך דעם אונטערגאַנג פון גאָג מיט זיין ציוויליזאַציע און ניט דערפילט אַ פאַרלאַנג זיך צו באַגראָבן לעבעדיק אין די טאָלן פון די טאָסקאַנישע אַפּענינען וואוהין דער שרייבער האָט פאַרשיקט זיין העלד.

# די אויטאָביאָגראַפיע פונעם וואַנדערנדן אידן

איין ווערסיע פון דער לעגענדע וויל האָבן אַז ווען פּאָנטי פּילאַטס כאַלדאַטן האָבן געפירט קרייצקין דעם אומגליקלעכן גאָט יעזוס און ער, — אַ אומבאַהאָלפּענער, שוואַכער און איינזאַמער, — איז געפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיין שווערן צייַלעם וואָס מ׳האָט אים געצוואונגען צו טראָגן, האָט זיך אין יענעם מאָמענט געפונען צווישן דעם האַמוין, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען, אויך אַ יונגערמאַן, אַ זון פון אַ אידישן שוסטער, וועלכער זאָל אים האָבן געוווען נאָכגעשריגן: גיי, גיי דו פאַרורטיילטער גאָט! אָפ וואָס קריסטוס האָט אים געענטפערט: איך גיי, אָבער דו וועסט וואַרטן ביז איכל צוריקקומען.

אַ צווייטע ווערסיע דערציילט: אַ אידישער שמיד איז נאָכגעלאָפן יעזוסן, האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטיק אייזן און דערפאַר האָט אים יעזוס פאַרשאָלטן, און נאָך אַן אַנדער ווערסיע זאָגט, אַז אַ אידישער יונגער קאַפּיטאַן פון דער רוימישער אַרמיי, פּאָנטי פּילאַטס אַ הויף דינער, האָט אים באַליידיקט.

וועלכע ווערסיע עס איז די ריכטיקע, און צו איז, אין אַלגעמיין, פאַראַן אַ היסטאָרישער קערן אין דער לעגענדע איז ניט וויכטיק. וואָס עס אינטערעסירט אונדז איז צו זען ווי אַלע פאַרשידענע ווערסיעס באַשטעטיקן קריסטוסעס קלאָלע:

איך גיי, אָבער דו וועסט וואַרטן ביז איכל זיך צוריקקערן!

און פון דעמאָלט אָן וואַנדערט אַרום דער איד, אַ פאַרשאָלטענער איבער גאָר דער וועלט און קען קיין פּלאַץ ניט געפינען. און די נעשאָמע פון יענעם שוסטער, שמיד אָדער קאַפּיטאַן וואָס האָט אַזוי שרעקלעך באַליידיקט דעם „גאָט פון ליבע” קען קיין רו זיך ניט געפינען און ווערט צומאָלם פאַרוואַנדלט אין זיבן פייגל וואָס פליען איבער יאַמים און זאָגן אָן דאָס אָנקומען פון אַ שטורעם.

און טיף האָט אַריינגעדרונגען די דאָזיקע לעגענדע אין די הערצער פון די פינסטערע קריסטלעכע האַמוינים פון אַלע פעלקער. אומעטום, אין יעדן לאַנד האָט מען דעם לעגענדאַרישן גאָט לעסטערער געגעבן אַן אַנדער נאָמען. אין איין לאַנד — קאַרטאַפּילוס, אַ גריכיש וואָרט וואָס באַדייט... דער פיל געליבטער. אין בעלגיע האָט מען אים גערופן איצכאַק לאַקעדעם, דער וואָס קומט פון מיזרעך. אין אַלגעמיין רופט מען אים אויך אַכאַסווער — דער וואַנדערער.

דער וואַנדערנדער איד איז אייביק יונג, ער פּראַוועט אָרגיעס, מאַכט רעוואָלוציעס, שמייכלט קיינמאָל ניט, נעמט ניט אָן קיין מאַטאָנעס און דערציילט פיל אַלטע פּאַסירונגען צו יענע וואָס קומען פון וייטן הערן. וואוהין ער קומט ברענגט ער אַ פּאָר אַלטע גרויסע שיך וואָס ער לאָזט דאָרט איבער.

אין לויף פון דוירעם האָבן ניט געפעלט קיין אוואַנטוריסטן, שאַרלאַ־טאַנעס — אידן און ניט אידן, — וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַרן וואַנ־דערנדן איד, קעדיי צו מאַכן אַ קאַריערע פון דעם שווינדל. אַזוי, צ. ב., האָט איינער אַזאַ זיך געמאָלדן, אין זיבעצטן יאָרהונדערט, אינ׳ם אָקס־פאָרדער אוניווערסיטעט און האָט אַפילו באַאיינפלוסט אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט איידעם געזאָגט אַז דער איד האָט באַהערשט פאָלקאָם אַ טוץ שפּראַכן. ער האָט אים אָנדערצײלט מײנסעם וועגן קריסטוסעס פּראָצעס, וועלכן ער אַליין איז בייגעווען...

און אַ שלעכטער סימן איז געוואָרן פאַרן קריסטלעכן פאָלקס מענ־טשן דאָס באַגעגענען אַזאַ אידן. אין צאָפן פראַנקרייך, אין דער פּראָווינץ פּיקאַרדי, דאָרט פון וואַנען פּעטער פון אַמיענס, דאָס קליינגעוויקסיקע בלוטדורשטיקע גאָלעכל, דער אָרגאַניזירער פונ׳ם ערשטן קרייצצוג, האָט געשטאַמט, זאָגן נאָך ביז היינט די פויערים ווען אַ שטורם־ווינט יאָגט אָן: C'est le juif errant qui passe, דאָס איז דער וואַנדערנדער איד וואָס לויפט דורך. ווען ס׳האָט אין דער מיטלאַלטער אויסגעבראָכן די שוואַרצע פּעסט, האָט מען געזאָגט אַז דער וואַנדערנדער איד האָט איר פאַר־שפּרייט. מיט איין וואָרט, דער סימוואָל פון אַלדאָס בייז איז געוואָרן דער וואַנדערנדער איד. און דאָך דערפילט אַמאָל דער פאָלקסמענטש עפּעס אַ מיטלייד צו דעם אייביקן וואַנדערער. אַזוי קען מען אָפט זען אין דייטש־לאַנד אַף די פויערישע פעלדער אַ שטעקן אַריינגעשטעקט אין דער ערד און אַף אים זיינען אויפגעקלאַפּט צוויי איבערגעקרייצטע פיילן, וועמענס שפּיצן ווייזן צו דער ערד — דאָס האָט דער פויער געמאַכט אָנצודייטן אַ רו פּלאַץ פאַרן וואַנדערנדן אידן אין פאַל ער וועט פאַרבייגיין.

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס די לעגענדע האָט געצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון פאַרשידענע גרויסע און קלענערע קינסטלער. געטע, צ. ב., האָט אין זיין „דיכטונג און וואַרהייט" אויסגענוצט די לעגענדע פו־נעם וואַנדערנדן אידן; ווער פון אונדז האָט ניט געלייענט קינדוויז עזשען סיו׳ס „וואַנדערנדער איד"; דער קאָמפּאָזיטאָר שובערט האָט אויסגע־שפּילט אַ פּרעכטיקן צאַר און צאָרנדיקן „אייביקן אידן"; דער צאַרטער ראָמאַנטיש־מעלאַנכאָלישער דיכטער און מוזיקער לענאַו האָט אויסגע־דיכטעט זיין מעלאַנכאָלישן ליריזם אונטער דער מאַסקע פונעם וואַנדרנדן אידן. שעלי דערמאָנט אים זעקס מאָל אין זיינע לידער, וואָרדסוואָרט באַ־דויערט אים האַלמאַי האָט ער קיין היים ניט א. א. וו., אָן אַ צאָל.

אָבער, ווי זאָגט דער טאַלמוד, דער אויבערשטער האָט געוויזן דעם ערשטן מענטשן יעדן דאָר און זיינע פּאַרשער, יעדן דאָר און זיינע פירער א. א. וו., האָבן אַלע אויסגערעכנטע קינסטלער און דיכטער אויפגעפאַסט די דאָזיקע לעגענדע, יעדער לויטן גייסט פון זיין דאָר און זיין עפּאָכע.

און אויך אין אונדזער צייט האָבן זיך געפונען צוויי אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס האָבן זיך באַמיט אָנצושרייבן בעשותפות אַ גאַנץ ווערק וועגן דער לעגענדע. וויריק און עלדרידזש — אַזוי הייסן די שרייבער —

האָבן איז זייער בוך (דערשינען אין 1929), געגעבן אַ גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקן־רייכע אויפפאַסונג פון דער פינסטערער לעגענדע אין גייסט פון אונדזער צייט; אַ נייע אויפפאַסונג וואָס לאָקט און פאַראינטערעגירט. זיי האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ מין פילאָזאָפיש היסטאָרישע אַלעגאָריע אין וועלכער דער וואַנדערנדער איד איז דער סימוואָל פונעם אייביק־אומרו־איקן, ניט באַפרידיקטן זוכנדן און קעמפנדן מענטשלעכן גייסט, וואָס אַנטפלעקט אידעען און אידעאַלן און צעברעכט זיי קעדיי צו שאַפן אַלע מאָל אַנדערע. לויט דער דאָזיקער אויפפאַסונג איז דער איד ניט דער האַרצ־לאָזער גאָטלעסטערער, נאָר דער פערמענטאַלער, אייביק ברוזנדער קויעך אין דער מענטשהייט וואָס שאַפט לעבן און זוכט אַ ווירדיק לעבן און באַצויט זיך סקעפּטיש צו אַלע געטער און געצקעס וואָס ווענדן אָפּ די בליקן פון דער פאַרפייניקטער מענטשהייט פון דער ערד צו די פוסטע הימלען... דעם פראָצעס פון שטרעבן, קעמפן און זוכן שפיגלט זיך אָפּ אָמ־קלאָרסטן אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק; גיבן זיי דאַריבער אַ אייגנ־אַרטיקע אויסטייטשונג פון דער אידישער געשיכטע זייט יעזוסן ביז דער צייט פון לענינען.

* * *

אָפן באַרג אַטאָס, אין גריכנלאַנד, אין צייט פון מילכאָמע איז געקו־מען אין איינעם פון די מאָנאַסטירן, וואָס געפינען זיך דאָרט, זוכן שוץ אַ דייטשער פּראָפעסאָר, אַזוי הויבט זיך אָן דאָס ווערק. דער פּראָפעסאָר ווערט פריינטלעך אויפגענומען פון די גאַלאָכים. און איינמאָל פאַרנאַכט אין צייט פון זונענאונטערגאַנג, ווען דער געלערנטער האָט געמיטלעך פאַרבראַכט אין אַ שמועס מיטן פאָטער אַמבראָזי, דעם עלטסטן גאַלעך, האָבן זיך באַוויזן אָפן פאָן פון דער רויטער שקיע זיבן שוואַרצע פייגל. דער גאַלעך האָט זיך איבערגעציילעמט אַ דערשראָקענער, און געזאָגט צום דייטשן געלערנטן אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימען — ס'וועט אָניאָגן אַ שטורעם און, אַגעוו, איז דער געשפּרעך אַריבער אָפן וואַנדערנדן אידן. ס'איז געוואָרן נאַכט; די גאַלאָכים מיט זייער גאַסט האָבן זיך געזעצט עסן, האָט מען אַ קלאַפּ געטון אין טיר: איצכאָק לאַקעדעם, אין געשטאַלט פון אַ מאָדערנעם אידישן סוחער, מיט אַ דינער זיינען געקומען; מען נעמט זיי דאָרט אויף און דער געשפּרעך ווערט ווייטער פאַרגעזעצט, דער גע־לערנטער און גאַלעך האָבן אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם אונטערבאַ־וואַוסטזיין, וועגן זיגמונד פרוידס פּסיכאָאַנאַליטישע אַנטדעקונגען: און דער גאַלעך דריקט אוים דעם וואונטש בייצוזיין אַזאַ עקספּערימענט, וואו דער פּאַציענט ווערט פאַרהיפּנאָטיזירט און דערציילט אין טראַנס זיין אומבאַוואוסטזיניק לעבן. דער געלערנטער זאָגט אַז דאָס איינציקע וואָס פעלט אים דערצו איז אַ מענטש וואָס זאָל זיך לאָזן היפּנאָטיזירן. דער איד באָט זיך אָן צו זיין יענער פּאַציענט. דער פּראָפעסאָר איינשלעפט אים און דער אייביקער איד דערציילט זיין געשיכטע פאַר די ערשטע צוויי טויזנט יאָר.

נאָך איידער מ'האָט דעם אידן איינשלעפט, ווען ר'האָט גענומען אָן אַנטייל אין געשפּרעך פונעם פּראָפעסאָר אין דעם גאַלעך, זאָגן די שרייבער, האָט ער געשפּילט מיטן שמועס ווי מיט אַ באַל: אָט האָט ער אים געוואָרפן אין דער לופט און אָט האָט ער אים ווידער אויפגעכאַפּט מיט דער פלינקייט פון אַ קונצנמאַכער. ער האָט אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע בקיעם אין פאַרשידענע איניאָנים. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן האַלב פאַרגעסענע היסטאָרישע עפּאָכן, וועגן טונקעלע שריפטשטעלער אַז מ'האָט אָנגעהויבן מיינען, אַז ער איז גיכער אַ פאַנטאַסטיש באַשעפעניש איידער אַ לעבעדיקער געלערנטער.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט הויבט אָן דער פאַרשלעפטער איד פון יעזוסעם פּראָצעס. ער איז נאָך דאָן גאָר אַ יונגערמאַן געוועזן. ער האָט זיך געשפּילט מיט יעזוסן, ער האָט אים גוט געקענט, דעם סטאָליערס זון וואָס פּריידיקט צו ליבן די סאָנים... די טוירע, ווייסט קאַרטאַפילוס, — אַזוי הייסט דער איד דעמאָלט — איז אַ שקלאַפישע טוירע: סאָנים טאָר מען ניט ליב האָבן, מען דאַרף מיט זיי קעמפן. „גוואורע און האַס זיינען שוועסטער און ברודער"... אָבער וואָס מאַכט מען פון אים אַ וועזן, צו וואָס נעמען אים ערנסט? מ'האָט אים אָבער יאָ גענומען ערנסט און מ'האָט אים פאַרורטיילט. קאַרטאַפילוס האָט מיטלייד מיט דעם יונגנמאַן... ס'האָרץ זאָגט אים אַז ווייל מ'פירט אים קרייציקן וועט ער ווערן אַ מאָקער פון געפאַר; ער איז צווישן דעם האַמוין וואָס באַגלייט אים צו דער גאַלגאָטע און ווען ער דערזעט יישום ליידן רייסט זיך אַרויס פון זיין מויל אַ איראָנישער פאַרוואורף; אַ איראָניע פון אַ סקעפּטיקער וואָס איז דורכגעזאַפט מיט מיטלייד: רעטער! ראַטעווע זיך זעלבסט! באַווייז אַ וואונדער!..

קאַרטאַפילוס פילט אַז מיט ליבע צו זיינע סאָנים, צו די רוימער לעמאָשל, וועט ער גאָרניט מאַכן, קאַרטאַפילוס ווייסט אַז האַסן און קעמפן איז נאַטירלעכער...

און די מאַכנע אַרום דעם פאַרלאָזטן אומגליקלעכן גאָט איז געוואָרן גרעסער און גרעסער און דער האַס צום קריסטנטום-פיינטלעכן אידן איז, אין נאָמען פון דער ליבע צו סאָנים, געוואָרן אַלץ טיפער און שטאַרקער. און געקומען איז ער פון איין לאַנד אין אַנדערן, אומעטום געשפּילט אָן אַנדער ראָל, אומעטום געוועזן העכער פון זיינע סאָנים, זיי געהאָלפן פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן, זיי צעשטערט און זיי געוועקט צו זוכן אַנדערע.

דער עפּילעפּטיקער מוכאַמעד האָט געמאַכט קונצן, צוגעצויגן מיליאָנען צו די שיראָים וואָס ער האָט געכאַפּט פון קאַרטאַפילוס טיש... קאַרטאַפילוס קען זיינע דריידלעך, ער ווייסט אַז זיינע וואונדער זיינען קונצן, ער קריגט געשמיסן, ער איז אָבער אייביק יונג און אומשטערבלעך — דרייט ער זיך אוים פון אַלאַס באַנדעס און וואַנדערט, און קעמפט און לעבט ווידער. דער איד זוכט געלט? — יאָ, ווייל זיי דאַרפן עס; ער האָט

דאָך גאָרניט, זייערע איז די גאַנצע וועלט. זיין איינציקע שוץ איז דאָס געלט — מוז ער שאַפן וואָס מער קעדיי צו פאַרבלענדן דערמיט די אויגן פון זיינע סאָנים זיי זאָלן אין אים פאַרגעסן, און אין די פינסטערע צייטן פון קריסטנטום, מוסולמאַניזם און אַנדערע אַנשיקענישן האָט ער זיך דערמיט אויסגעקויפט זיין נעשאָמע.

וואָס פאַר אַ ראָל ער שפּילט ניט, אין וואָס פאַרא גילגל ער לעבט ניט, נויטיקט ער זיך ניט אין יעזוסעס מאָראַל. זיי, די גוטהערציקע קריסטן, שפּייען אים אין פּאָנים, ער שאַפט זיי פינאַנסן און אַליין איז ער אָרנטלעך. האָט, לעמאָשל, פעטער דער גרויסער געדאַרפט געלט האָט ראָטשילד אים געליגן, ווי אַלע אַנדערע קריסטלעכע באַנקירן. אַז ער איז לייטישער פון זיי, דאָס וויסן צו דערציילן אַפילע זייערע שרייבער. דער־רעכאַגעוו, איז קעדאַי צו פאַרצייכענען אַ פאַקט, וואָס כ׳האָב אַמאָל גע־לייענט באַ מאַרק טוועגען וועגן מייער אַנטשל ראָטשילד. דער דוקעס פון העססן — (דייטשלאַנד), וואָס פלעגט פאַרקויפן זיינע אונטערטאַנען דעם ענגלישן קיסער זשאָרזש דעם דריטן פאַר סאָלדאַטן צו באַקעמפן וואַ־שינגטאָנען, איז דורך דעם געשעפט רייך געוואָרן. די מילכאָמעס וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן האָבן זיך אויך געלאָזט פילן אין דייטשלאַנד. און ווען דער טראָן איז אויך אונטער דעם דוקעס היים געוואָרן און ער האָט געמוזט אַנטלויפן האָט ער געזוכט אַ פאַרטרויאונגס־ווערטן מענטש, וועמען ער זאָל קענען איבערלאָזן זיינע ניין מיליאָן מאַרק. די פערזאָן האָט ער געפונען אין אידן רויטשילד... אין דרייסיק יאָר אַרום האָט ער זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע מעאייווער לעיאָס און רויטשילד האָט אים אומגעקערט דאָס גאַנצע געלט מיטן פּראָצענט...

יאָ, נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער איניען. קאַרטאַפילוס דער־ציילט אין שלאָף אַז ער האָט איינמאָל אין זיינע וואַנדערונגען געמאַכט אַ וויזיט דעם פויבסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן. ר׳איז געקומען, אַזוי צו זאָגן, אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן סאַמע שפּיץ פון קריסטנטום. דערדאַ־זיקער באָרדזשיאַ האָט באַדאַרפט געלט, האָט ער געמוזט אַנקומען צום אידן און דער איד האָט זיך דערוויל מיט אים גוט באַקאַנט. די הייליקע טשערעדע פון יענער זייט אַלפּנבערג האָט געקרעכצט פון די שטייערן וואָס דאָס הייליקע פאָטערל האָט געצויגן פון איר. ס׳איז אָבער געווען פאַר אים ווייניק, ער האָט געשוואוירן צו פאַרענדיקן דאָס אויסבויען פו־נעם וואַטיקאַן. גאַנצע הויפנס בוי מאַטעריאַלן, ווי ציגל, מערמלשטיין און צעמענט זיינען געליגן אַנגעוואָרפן. דער איד האָט דאָס נויטיקע געלט פאַרשאַפט; ער האָט אָבער דערזען ווי צוזאַמען מיט די קונסטן וואָס דער פויבסט שטיצט, קולטיווירט ער אויך סאָדאָמיזם; פאַרמאָגנדיק אין אַ געוויסן גראַד פּאָליטישע כאָכמע, זינקט ער אָבער אויך אין סענסועלן זומפּ — ער לעבט מיט זיין טאָכטער לוקרעציע און איז כאָשעד אָף אַלע מיאוסע און קרענקלעכע פאָרמען פון געשלעכטלעכע באַציונגען.

איינע פון די וויכטיקסטע און שענסטע זייטן פון דעם בוך זיינען יע־

נע וואָס שילדערן דעם געשפּרעך צווישן אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן און דעם אייביקן אידן. דער איד ווערט דערשטוינט פון זיין ציניזם און אָפּ־לאָכן פון קריסטנטום. ווען כ׳האָב געלייענט די סאַרקאַסטישע ווערטער פון דעם פויפּסט: „פאַרוואָס האָט געמוזט גאָט אייניציקער זון דערמאָנען זיין פאָטער, דעם אַלווייסנדן און אַלמעכטיקן, אַז ער איז פאַרלאָזט אין קריטישן מאָמענט? גאָט מיינער, גאָט מיינער, פאַרוואָס האָסטו מיר פאַר־לאָזט! איך וואָלט צעהאַקט דעם קאָפּ פון יענעם אידיאָטישן מאַנאַך, וואָס, איבערשרייבנדיק די עוואַנגעליע האָט ער דאָס ניט אַרויסגעוואָרפן. אַ צע־יאָכמעטער זון און אַ צושטריייטער טאַטע!״ ווען איך האָב די ווערטער געלייענט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם פויבסט לעאָן דעם צענטן: „ווי פּראַכטפול איז די לעגענדע פון קריסטוסן, וויפל פּראָפיט האָט זי אונדז איינגעבראַכט!״

דער דאָזיקער פאַרטרעטער קריסטוסעס ווייסט שוין אַז יעזוס איז אַ פאַרקריפּלונג פון דער ווענוס. אינטערעסאַנט איז דאָס בילד פון אַ פויבסט וואָס זאָגט: „דער נאָמען זעלבסט פון אַ געטין וואָס איז אַרויס פון־נעם שוים אויפן יאַם רייצט און פאַרווירט! ווענוס — די געטין פון פרייד, די געטין פון שיינקייט! ווענוס!״ ער פאַרמאַכט די אויגן ליידנשאַפטלעך, זיינע נאָזלעכער ציטערן און ער שמייכלט. „ווענוס אַ מאַמע, — אַ מויד אַ מאַמע!״

די שרייבער מאָלן קינסטלעריש אַ בילד, וואָס וואַרפט אַ שיין אָף דער „נעשאָמע״ פונעם פויבסטנטום:

„די זון האָט זיך געזעצט״, דערציילט קאַרטאַפּליוס אין שלאָף, „אי־רע שטראַלן האָבן ווי דינע לאַנגע פינגער אַריינגעדרונגען אין פויבסטס גאָרטן.

„אַ סאָלדאַט האָט געעפנט אַ גרויסן קופּערנעם טויער אין מיירעוו זייט פון גאָרטן. ס׳האָבן זיך אַריינגעריסן פיר לאָשיקעס, צוויי שוואַרצע, און צוויי ווייסע. אַ פּאָר מינוט האָבן זיי אַרומגעגאַלאָפּירט, נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין פּאַמעלעך, זייערע קעפּ אויפגעהויבן, זייערע טריט עלאַסטישע.

„דער פויבסט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און אין איינעם פון די פענסטער פון וואַטיקאַן זיינען געשטאַנען אַ יונג פּאָרל, אַ מאַן און אַ פרוי געאַרעמט און האָבן געקוקט אָפן ספּעקטאַקל.

„זיי זיינען געווען קימאַט די זעלבע הויך, זיי האָבן געהאַט די זעלבע ראָב־שוואַרצע האָר, גרויסע טונקל ברוינע אויגן, וועלכע זיי האָבן אַ ביסל פאַרזשמורעט איבער זייער קורצזיכטיקייט. זייערע נעז זיינען גע־ווען שטאַרקע, אָדלערישע, זשעדנע ווי די שנאָבלען פון רויב־פויגל. זייע־רע ליפּן, פליישיק און פאַרמלאָז, געקרומט ווי אין אייביקן כוויזעק. אויס־געלאַסנקייט האָט אָנגעהויבן אָפּצעווישן די מער אײדעלע ליניעס פון זייערע בערדלעך. זייערע הויכע שטערנס האָבן אָנגעוויזן מערקווירדיקע אינטעליגענץ.

„צעזאַר און לוקרעציע באָרדזשיאַ זיינען געווען קינדער פון זייער טאַטן.

„זיין הייליקייט האָט אַביסל געעפנט דאָס מויל, און האָט טיף געאָטעמט. דער טויער האָט זיך ווידער געעפנט און צוויי שקאָפּעס זיינען אַריין אַזעלכע שטאַרקע און שטאָלצע ווי די לאָשעקעס.

„די שקאָפּעס זיינען אַוועק אין אַ ווינקל ווי זיי וואָלטן זוכן שוץ. די לאָשעקעס האָבן זיך דערנענטערט צו זיי. די שקאָפּעס זיינען אָפּגעלאָפן אַ ביסל און נאָכדעם געבליבן שטיין, די לאָשעקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון צו זיי. איין לאָשעק האָט אָנגעריירט אַ שקאָפּע מיטן שפּיץ פון זיין מאָרדע. די אַנדערע זיינען אים באַפאַלן און האָבן אים צוביסן. ער האָט זיך אַף זיי געוואָרפן, געבריקעט און געביסן.

„אַ שרעקלעכע שלאַכט איז פאָרגעקומען. בלוט און שוים האָבן זיך געגאָסן. די קאָפּעטעס וואָס האָבן געשלאָגן די ערד האָבן געשפּריצט פונקן. די שקאָפּעס האָבן צוגעקוקט רויק און האָבן געשפּיצט דאָס גראָז וואָס האָט געוואַקסן צווישן די שטיינער-שפּאַלטן.

„אַ ווייסער לאָשעק איז געפאַלן, זיינע פּיס האָבן זיך געצאַפּלט אין דער לופטן. זיין גרויסער בויך איז געווען אויפגעריסן. די אַנדערע דריי האָבן פאָרגעזעצט די שלאַכט, האָבן געהירזשעט, געשריגן און געטופּעט מיט די פיס.

„איין שקאָפּע איז אַנטלאָפן, דער לאָשעק איז נאָכגעלאָפן — —" א. א. וו. ביז אַ געווויסער ענדע.

„דער פּויפּסט אַלעקסאַנדער און זיינע קינדער האָבן באַאָבאַכטעט מיט גלאַנציקע אויגן די דורכפירונג פון דער דאָזיקער עלטסטער פון די קאָסמישע, רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַלעקסאַנדר איז געבליבן, פאַר אַ ווײַלע, באַם פענסטער, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט מיט אַ הייזעריקער און ציטערנדיקער שטימע: „ווי פּראַכטפול! וואָס פאַר אַ שאָדע די געטער האָבן ניט געשאַפן דעם מענטשן ער זאָל געניסן!"

„דעם פּויבסטס סעקרעטאַר, אַ הויכער און אַ שטרייגגער מאַן, איז אַריינגעקומען. ,אייער הייליקייט, ס'איז צייט צו דאַווענען'.

„זאָג דעם קאַרדינאַל אַז ער זאָל היינט דאַווענען. איך פיל זיך ניט גוט".

„דאָס הויז פון הייליקן פּעטרוס איז פול מיט גאָט-בעטער.

„איך האָב גערעדט. גיי!"

דער סעקרעטאַר איז אַוועק. אַלעקסאַנדר האָט געשמייכלט סאַרדאָניש, מער דער גאָט פאַן איידער פּויבסט.

„וואָס פאַר אַ קראַפט! האָט ער פאָרגעזעצט, גלייך קיינער האָט אים ניט איבערגעריסן. „וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע באַוועגונגען! און דאָס צווייבערנדע קאָקעטירן פון די שקאָפּעס! וויפל ווייבער זיינען פעיק אַרויסצורופן אַזאַ ליידנשאַפט?..."

גאַנץ נאַטירלעך וואָס אַזעלכע צאַדיקים האָבן פאַרשטאַרקט דעם אידנס האַס צום קריסטנטום. אַזעלכע זיינען געווען יעזוסעס פאַרטרעטער, און וועגן אים אַליין דערציילט דאָך דער הייליקער טאָמאַס אַז, קומענ־דיק אַמאָל אַהיים, איז יעזוסן געלאָפן אַ קינד אַנטקעגן און פאַר סימכע אים אומגעוואָרפן. האָט דער דאָזיקער גאָט אויסגערופן: ווייל האָסט מיך אומגעוואָרפן, זאָלסטו פאַלן און זיך מער ניט אויפהויבן! דאָס קינד איז געפאַלן און האָט אויסגעהויבט די נעשאָמע. נאָך אַסאַך אַזעלכע ניסים דערציילט דער הייליקער פון יעזוסן, אָבער בלויז דער איינער איז שוין גענוג כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאָט פון ליבע און ראַכמים...

און פון דער צווייטער זייט, דערציילט קאַרטאַפילוס וועגן זיין באַ־זוך וואָס ער האָט געמאַכט באַ שפינאָזען און צו וואָס פאַר אַ גאָט דער דאָזיקער אומשטערבלעכער אידייענשלייפער האָט גערופן.

קאַרטאַפילוס מאַכט אַ שפּאַציר באַם ברעג יאַם מיטן שווינדזיכטיקן שפינאָזאַ, אַף וועמענס באַקן ס׳ברענט דאָס פייער וואָס פאַרצערט זיינע לונגען, און שפינאָזאַ רעדט:

„דאָס וועזנטלעכע (סובסטאַנציעלע) איז אייביק און האָט גאָרנישט צו טון מיט דער צייט. אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אַפילע מיט אַ מיליאָן יאָר צוריק, איז אייביק אַנוועזנד. ס׳איז ניטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער”.

„גאָט מוז האָבן אומענדלעכע אויפאַנים ווי זיך אויסצודריקן — יע־דער פון זיי איז פּערפעקט, זעלבסט באַשטימט. מיר קענען בלויז צוויי פאָרמען — מאַטעריע און גייסט, גלייך ווירקלעכע, גלייך עמעסע — זיי שאַפן אַף וויפל מיר קענען אורטיילן, די גאַנצע סובסטאַנץ. פון דער שוואַכסטער ליניע ביז אונדזערע אייגענע קערפּערס, איז יעדע אַ זיכט־באַרע און מאַמאַשעסדיקע זאַך, אַן אויסדרוק פונעם אויסגעשפּרייטן און קערפּערלעכן אויסזען פון גאָט. אַף דעם זעלבן אויפן זיינען אונדזערע גייסטער בלויז דער אויסגעשפּרייטער אָדער מענטאַלער אַספּעקט פון גייסט. גייסט — מאַטעריע — זיינען צוויי פּאַראַלעלע ליניעס אוןביידע זיינען דער אויסדרוק פון געטלעכקייט. גאָט איז, דעריבער, ביידע זאַכן: די לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע נאַטור — אַלץ וואָס ס׳איז, וואָס איז געווען אָדער וואָס ס׳קען ווען זיין”.

„יעזוס”, האָט שפינאָזאַ ווייטער גערעדט, „האָט געפּרעטענדירט צו זיין גאָטס זון, און ער איז עס געווען פּונקט ווי מאַכמעד און מוישע און ס׳איז יעדער איינער, יעדער מענטש, יעדע באַשעפעניש. גאָט איז אומע־טום און שטענדיק. מיר זיינען ניט בלויז זיינע זין, מיר זיינען ער. אונ־דזער ענדלעכקייט ווערט פאַרלוירן אין זיין אומענדלעכקייט” א. א. וו. אַן אַ סאַך.

איז קיין כידעש ניט וואָס דער דאָזיקער געטלעכער מענטש האָט פּאַרטונקלט אַלע נעבעכדיקע געקרייצטע און געפּענטעטע מענטשלעכע געטער און האָט געווירקט אַף אַזעלכע ריזן ווי געטע, צב״ש.

אונדזערע מעכאַברים האַלטן, אַז ווען קאַרטאַפילוס, דער איד הייסט

עס, זאָל ניט געווען מיטהעלפן קאָלומבוסן אין זיין אונטערנעמונג וואָלט אַמעריקע ניט געווען אַנטדעקט געוואָרן.

דער איד וואַנדערט פון אָרט צו אָרט, שעפּט אומעטום דערפאַרונג. צוזאַמען מיט באַליידיקונגען ווערט ער רייכער אויך אין לעבנס-כאָכמע און לייגט צו אַ האַנט צו אַלץ וואָס קען העלפן פאַרבעסערן און פאַרשע־נערן דאָס לעבן פון דער מענטשהייט. אין די צייטן פון אַלטערטום, פעאָ־דאַליזם און קאַפּיטאַליזם ביז דער לעצטער צייט. ווען ס'פּלאַמט אויף די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און זיין געשיכטע רופט אים צו העלפן בויען אַ ניי לעבן, אַ מוסטער פאַר דער מענטשהייט און באַפרייאונג פון אָרימ־קייט, שקלאַפעריי און אַנדערע סאָציאַלע פּלאָגעס.

ווען איצכאָק לאַקעדעם איז פאַרשוואונדן געוואָרן פונעם קלויסטער, נאָכדעם ווי ר'האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, האָט מען געפונען אַ טעלעגראַמע צו אים פון לענינען: „קום, אַ רויטער פרימאָרגן צינדט זיך אָן. — ניקאָלאַי לענין".

* * *

דער צייט-גייסט האָט גערופן דעם אידן נעמען אַן אַנטייל אינעם אי־בערבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אַזוי וואַנדערט, וואַנדערט דער מענטשלעכער גייסט און זוכט נייע אידעאַלן: אַ ניי לעבן אַ בעסערס, און שענערס ווי דאָס איצטיקע — און ווען דער לעצטער און שענסטער עטאַפּ, די האָפנונג, איז די רוסישע רע־וואָלוציע — ווערט אויך דורכגעדרונגען צוזאַמען מיט דעם ברוויזנדן שאַפנדן אַלמענטשלעכן גייסט — דאָס בעסטע אין אַלוועלטלעכן אידנטום — דער אייביקער איד, דער רעוואָלוציאָנערער אידייען-שלייפער און קעמ־פער פאַר אַ בעסערע וועלט.

אַזוי האָבן אויסגעטייטשט די פינסטערע לעגענדע פונעם אייביקן אידן, אין אונדזער צייט, צוויי אַמעריקאַנער שרייבער. קען מען מאַכן פון אַ לעגענדע וואָס מ'וויל: אַ סאַך האָבן אין אידן געזען אַלדאָס בייז; זיי־נען געקומען די און האָבן געזען אין אים דאָס שענסטע, העכסטע און ווירדיקסטע.



# דושאָן דאָס פּאַסאָס

## 1.

### וועגן זיין בוך „די 42־טע פּאַראַלעל".

„הערלעך, פּרעכטיק, גרויס, וואונדערלעך!", זאָגט דער אומבאַהאַל־פענער, דער שטאַמלער ווען ער נאַכעסט זיך פון אַ עכטן קונסט ווערק.

אָבער ניט בלויז דער פאָלקס־מענטש געפינט ניט קיין ווערטער פאַר זיינע געפילן און דאַנקבאַרקייט אין אַנבליק פון מאָנומענטאַלע שאַפונגען. אויך דער אינטעליגענט און קונסט־קריטיקער בלייבט פאַרגאַפט און אָן לאָשן. טכילעס איז ער אינגאַנצן אויג און אויער; דאָס האַרץ צאַפּלט אים און זיין אויפנאַם־אַפּאַראַט וויברירט און זאַפּט איין אַלע ניואַנסן פונעם קינסטלערס שאַפונג. ערשט עס שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרדייט אַלץ וואָס דער קינסטלער האָט אים געגעבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוויטערט און זעט שוין דאָס ווערק אַלס גאַנצעס, אין פּערספּעקטיוו, קריסטאַליזירט זיך בא אים אוים אַ קלאָרער קאָנצעפּט, זיינע געדאַנקען קליידן זיך אָן אין ווערטער, עס בינדט זיך אים אויף די צונג און ער הויבט אָן ריידן.

אָבער אַזוי באַגייסטערט ווערן מענטשן זייער זעלטן, ווייל זעלטן דערשיינען עפּאָכע־מאַכנדע ווערק ווי זעלטן עס זיינען די מאָמענטן פון גליק אין לעבן פון אַ מענטשן. און פונקט ווי געוויסע דערהויבענע מאָמענטן בלייבן אָף אייביק איינגעקריצט אינעם זיקאָרן, בלייבט אויך די פריידיקע דערינערונג פון אַזאַ ווערק איינגעקריצט אָף אייביק. און ווען דאָס ווערק איז אַ בוך מיט סאָציאַלן אינהאַלט, וואָס שפּרודלט מיט עכטע קינסטלערישע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען, פאַרברייטערט עס אייערע האָריזאָנטן, דערהויבט עס אייך הויך און העכער און גיט אייך די מעגלעכקייט צו זען וועלט און מענטש „אונטער דער שיין פון אייבי־קייט" (סוב ספּעציע עטערניטאַטים — שפּינאָזאַס אויסדרוק), און דער רוישעם בלייבט פאַר אייך אומפאַרגעסלעך.

אָט אין אַזאַ עקסטאַטישן צושטאַנד האָט מיך אַריינגעבראַכט דער נאָרד אַמעריקאַנער היינטצייטיקער קינסטלער פון וואָרט, דזשאָן דאָס **פּאַסאָס**.

* * *

דזשאָן דאָס פּאַסאָס איז דורך און דורך אָריגינעל. שוין בלויז דער צוגאַנג צו זאַכן און געשעענישן; זיין אויפן פון באַנעמען דעם אָרום איז אַ הונדערט פּראָצענטיק באַזונדערער — אַן אַנדערער און נייערער ווי די וואָס זיינען ביז אים אונדז באַקאַנט געווען.

* * *

אונדזער טאָג, דער טאָג פֿונעם הײנטיקן מענטשן, הױבט זיך אָן מיט דער צײַטונג. דער פּאָסט-טרעגער ברענגט אונדז אַ „קנױל פֿון נײַס"; אין כינע האָט אױסגעבראָכן אַ רעװאָלוציע, אין װאָלסטריט זײַנען געפֿאַלן װערט-פּאַפּירן, היטלער איז געװאָרן קאַנצלער, גאַנדי פֿאַסט, אַ מאַן מיט זײַן געליבטער איז איבערגעפֿאָרן דאָס געזעצליכע װײַב װאָס האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט, פֿאַלאַ נעגרי האָט זיך נאָכאַמאָל געגעט און גרעטאַ גאַרבאָ איז פֿאַרשלאָפֿט געװאָרן אַף אַפּענדיסיטיס... און אַזױ װײַטער, אָן אַ סאָף; דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט ליפֿערט בילדלעך צו באַפּוצן די אַלע נײַסן, און פֿון צײַט צו צײַט, קומט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אַ גרױסן מענטשן; מ'מוז דאָך דעם לײענער באַקענען מיט די פּירנדיקע גײַסטער פֿון דער ציװיליזירטער מענטשהײַט; פֿאַרװאָס זאָל די װעלט ניט װיסן װער אירע „גרױסע לײַט" זײַנען...

דרײען זיך איבער אַלע עקן װעלט אומאױפֿהערער ריזיקע ראָטאַציאָנס מאַשינען און פֿאַרשמירן טאָג טעגלעך אַזױפֿיל װײַסע בױגנס פּאַפּיר, אַז מ'װאָלט מיט זײ געקענט אַרומגאַרטלען עטלעכע פּלאַנעטן װי אונדזער ערד. און אַלץ קען מען אין די פּאַפּיר בױגנס געפֿינען: אָפּקלאַנגען פֿון װיכטיקע װעלט געשעענישן און װאולגאַרע לעכערלעכע אַבסורדן; דיפּלאָ-מאַטישע אױפֿטוען פֿון פּאָליטיקער און העלדנטאַטן פֿון דער פּאָליציי; און זײ פֿאַרטומלען, פֿאַרטשאַדן דעם לײענער מיט דעם געמיש פֿון זײערע נײַסן, מיטן זינלאָזן הוא-האַ פֿון אונדזער פּאַסקודנער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

און עס שװימען אַף דער איבערפֿלאַך צײַטונגס-נײַסן און אונטער זײ שטראָמט און ברױזט דער מוטנער יאַם פֿון לעבן. מיליאָנען טראַגעדיעס שפּילן זיך אָפּ אין זײַנע טיפֿענישן; מענטשלעכע װעזנס װערן צוריבן און אָפּגעװישט, אַנדערע װערן איבערגעגאָסן און איבערגעשאַפֿן אין זײַנע טעהאָמען. ער שלאָגט כװאַליעס דער יאַם פֿון לעבן, צושטערט װעלטן און בױט אַנדערע, און שטענדיק האַלט אַ נײַע װעלט אין פּראָצעס פֿון װערן. עס פֿאָדערט זיך בלױז דאָס פֿײַנע געהער און דער דורכדרינגלעכער בליק פֿונעם געניאַלן קינסטלער ער זאָל דעם פּראָצעס װי געהעריק פֿאַרנעמען און אױך אים קענען װײַזן.

אַזאַ קינסטלער איז דזשאָן דאָס פּאַסאָס.

* * *

זײַן בוך „די צװײאונפּערציקסטע פּאַראַלעל" טײלט זיך ניט אײַן אין קאַפּיטלען. אין אָנהױב קומט אַ „נײַס פֿלאַנטער", אַ זײַט צײַטונגס-טע-לעגראַמעס, נאָכדעם װערן דערלאַנגט דעם לײענער, פֿון װערטער געשאַ-פֿענע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדלעך, און עס הױבט זיך אָן די געשיכטע פֿון אַ „העלד".

דער ערשטער העלד איז מאַק-קרירי פֿון דער אָרטשאַרד גאַס. דאָס אינגעלע פֿונעם אָרימען נאָכטװעכטער, װאָס האָט זיך קײנמאָל ניט גע-

קענט שפּילן, ווייל דער טאַטע האָט געמוזט שלאָפן באַטאָג און שפּילן זיך מיינט ראַשן, אויפוועקן דעם טאַטן...

די מאַמע וואַשט באַליעס וועש, דער טאַטע וואַכט דורך די נעכט דעם טייוולס האָב און גוטס ביז די מאַמע ווערט קראַנק און שטאַרבט, און דעם טאַטן זאָגט מען אָפּ אין צייט פון שטרייק. דאַן קומט צופאַרן אַ פעטער אַ דרוקער פון טשיקאַגאָ און נעמט מיט צו זיך דעם קליינעם פּייני מאַק-קרירי. דער פעטער האָט אַ שייכעס צו רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. ער ווייסט שוין אַז „אָרימקייט איז דער רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער סיסטעם”; אַז „עס איז די שולד פון דער סיסטעם וואָס זי גיט ניט אַ מענטשן די פּרוכטן פון זיין אַרבעט”; אַז „דער איינציקער וואָס באַקומט עפּעס פונעם קאַפּיטאַליזם איז אַ זשוליק, אַבער אַן אָרנטלעכער אַרבעטער קאָן אָפּאַרבעטן הונדערט יאָר און ניט פאַרדינען אָף אייגענע מאַכריכים...”

באַם פעטער אין דרוקעריי לערנט זיך אויס דער קליינער מאַק צו זעצן. עס קומט פאַר אַ שטרייק פון די דרוקער אין טשיקאַגאָ; מאַקס פעטער באַקומט צום דרוקן פּראָקלאַמאַציעס, מאַק זעצט זיי אויס און איין פּראַזע קריצט זיך אים איין אין זיקאָרן:

**„עס איז צייט פאַר אַלע אָרנטלעכע מענטשן זיך צו פאַרייניקן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער צושטערונג פונעם זשעדנעם קאַפּיטאַליזם”.**

פּייני מאַק-קרירי וואַקסט, ווערט באַוואוסטזיניק, לייענט, דענקט, קעמפט, ליידט און... אונדזער מייסטער האָט איבער זיין לעבנס-געשיכטע, ברייננגט אייך ווידער אַרויף אָף דער אויבערפלאַך, דערלאַנגט אייך אַ פרישע ציימונג מיט נייע פאָטאָגראַפיעס און אַ ביאָגראַפיע פון אַ גרויסן מענטשן.

ניט אַלע פּייניס וואַקסן אויס רעוואָלוציאָנערן, טרייע זין פון זייער קלאַס — דער הו-האַ, די באַאַטישע ווירקלעכקייט פאַרשלינגט זיי, אַבער געציילטע הויבן זיך אַרויס און שטויסן אַרויף די מענטשן אָף אַ ריכטיקערן וועג. און דזשאָן דאָס פאַסאָס דערציילט אייך — אין אַ בריליאַנטענעם מיניאַטור-עסיי א. נ. „אַ פריינט פון דער מענטשהייט” — ווער יודזשין וויקטאָר דעבס איז געווען.

און נאָכדעם ווי איר דערוואוסט זיך פון אים, ווי אַזוי יודזשין דעבס האָט געזאָגט:

**„איך בין ניט קיין אַרבעטער פירער. איך וויל ניט איר זאָלט מיר אָדער עמיצן אַנדערש נאָכפאָלגן. אויב איר קוקט אַרויס אָף אַ מוישען ער זאָל אייך אַרויספירן פונעם קאַפּיטאַליסטישן מידבער וועט איר בלייבן דאָרט וואו איר געפינט זיך. איך וואָלט אייך ניט אַריינגעפירט אינעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד ווען איך זאָל אַפילו קענען, ווייל ווען איך זאָל אייך קענען אַריינפירן וואָלט אייך עמיץ אַנדערש געקענט אויך אַרויספירן”,** דערזעט איר די דאָזיקע ליכטיקע פיגור אין איר גאַנצער גרויס

און איר הויבט אָן גלויבן אין מענטשן און האָפן אַף דער צייט ווען צו לעבן וועט זיין קעדיי.

ווידעראַמאָל ווערן מיר געבראַכט אין פייני מאַק-קרירים סוויווע. עס ווערן פאַר אונדז פאַנאַנדערגעוויקלט בלעטער פון אַ יונג לעבן וואָס קריגט קלעפּ, ווערט אויסגעלאַכט, באַשפּיגן; אַלע גילגולים און אַנטוישונגען ווערן געוויזן בוילעט אין קרעפּטיקע, פּילפּאַרביקע בילדער. דעם פּעטערס דרוקעריי שרייבט מען איבער, ער ווערט אַרבעטסלאָז און, זוכנדיק אַר־בעט, פאַלט ער אַריין אין די הענט פון אַ פאַרשוין וואָס איז באַטאָג אַ טוער בא דער „קריסטלעכער געזעלשאַפט פון יונגע לייט”, און באַנאַכט אַ פאַרשפּרייטער פון פאָרנאָגראַפישער ליטעראַטור, און אין אַלגעמיין איז ער דעגענערירט ביזן מאַרך פון די ביינער.

אָבער אין דער צייט וואָס עס וואַקסן און אַנטוויקלען זיך די מאַק-קרי־רים קומען אויך אויף ערגעץ וואו, צופעליק און זינלאָז, געלערנטע וואָס וואַלטן אין אַ גערעכטערער געזעלשאַפט געווען אַנדערש, געווען מער אין צאָל און זייער אַרבעט וואָלט געווען צוועקמעסיקער און נוצלעכער, און עס ווערט געמאַכט אַ סאַכאַקל (ווידער אין אַ פּראַכטפולן עסיי א. נ. „דער כאָכעם פון די פּלאַנצונגען”) פון לוטער בורבאַנקס נאַטוראַליסטישע אויפטוען.

און די ראַטאַציאָנס מאַשינען האַלטן אין איין אַרויסדרייען נייסן:

## „אַ באַן איז צושמעטערט געוואָרן אַף שטיקער. דערהאַר־געטע פרויען און קינדער; אַ סאַך פאַרוואונדעטע” — „עמעס ווענן פריי־שטאַט אין קאָנגאָ”. — „אַרבעט דראָעט דער פּאָ־ליטיק” — א. א. וו.

מאַקן הויבט אָן פייניקן געשלעכט, עס קומט אַ סעדרע ליבע אַוואַנ־טורעס; ער וואַנדערט איבער דער וועלט, קומט קיין מעקסיקע, שטייט צו צו די רעוואָלוציאָנערן וואָס קעמפן קעגן וואַשינגטאָנער אימפּעריאַ־ליזם, ער פאַרליבט זיך אין אַ שיינער מעקסיקאַנער פאָלקס מיידל און עס טרעפן זיך מיט אים פאַרשידענע טרעפענישן.

נאָר אָט הויבט זיך אָן אַ געשיכטע פון אַ העלדן, דזשייני וויליאַמס סימוואָליזירט די לעבנס געשיכטע פון די מיליאָנען קליינבירגערלעכע פרויען מיט זייער ספּעציפישער פּסיכאָלאָגיע.

אין אָנהויב איז זי אַ קינד ווי אַלע קינדער, נאָר אָט האָט איר מאַמע באַמערקט אַז זי שפּילט זיך מיט אַ קליינע נעגערטע און זי רופט איר אַריין און זאָגט צו איר: „דזשייני, די שוואַרצע זיינען ליטישע מענטשן אַף זייער פּלאַץ... אָבער דו זאָלסט דאָס שוואַרץ מיידעלע מיר מער נישט ברענגען אין שטוב אַריין. דו טאָרסט ניט פאַרגעסן אַז דיין מאַמעס מיש־פּאָכע איז פון גרויסן איכעס...„נו, געוויס איז איר מאַמע גערעכט. דזשיי־ני וויליאַמס, די קליינבירגערן, איז דורך דער געשיכטע באַשטימט צו זיין די מיטלויפערן, די באַאַמטע און באַדינערן פון דזשאָן מורהאַוז אָדער

דזשאָן ראָקפעלער, פונקט ווי איר ברודער דזשאָי וויליאַמס דאַרף דינען אין פלאָט, און זי פאַרליבט זיך אין דער פריער יוגנט אין ברודערס כאַ־ווער אַלעק, ער ווערט דערהאַרגעט אין אַן אַקצידענט. שפּעטער ווערט זי באַאַמטע, געפעלט דעם פאַרוואַלטער, ער נוצט איר אויס און לאָזט איר איבער — אַן אַלט־נייע געשיכטע. זי גייט איבער, אַלס באַאַמטע, פון איין געשעפט אין אַנדערן ביז זי קומט אָן פאַר סעקרעטאַרשע צו דזשאָן וואָרד מורהאַוז אַליין...

דזשאָן מורהאַוז סימוואָליזירט דעם אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַ־ליסט. טאַלאַנטפול ווערט אין בוך געשילדערט די לעבנס־געשיכטע פון דזשאָני ראָקפעלער (זאָל זיין מורהאַוז, אַלציינס.), פונעם געבוירן ביזן אויפשטייג. מיר זעען ווי דער קאַפּיטאַליסט וואַקסט אויס, ווי ער ווערט אויסגעבילדעט, ווי עס ווערט אויסגעפורעמט זיין פּסיכאָלאָגיע. אַפילע געבוירן ווערן וויל דאָס פּאַסאָס זאָל ער אויך אינעם פּאַטריאָטישן יאָנ־טעוו (ער ווערט געבוירן דעם 4־טן יולי, דער נ. אַמעריקאַנער 25־טער מאַי) די שוועסטער פון שפּיטאָל זאָגט נעוויעס אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאַטריאָט און וועט ווערן פּרעזידענט ווייל ר'איז געבוירן גע־וואָרן אינ'ם גלאָרייכן 4־טן יולי... דזשאָני וואַקסט געזונט און שטאַרק, גייט אין שולע און לערנט זיך גוט. און ווען ער ענדיקט, באַקומט ער אַ פּרעמיע פאַר זיין עסיי א.ג. „רוזוועלט, דער מאַן פון דער צייט״. ער לערנט ווייטער, איז באַלעבאַטיש און סטאַטעטשנע, טרוימט פון אַ רייכער מיידל, נעמט לעקציעס פון מוזיק. האָט אַ קאָל־נעגינע און באַקומט אַ פיי־נע שטעלע. דאָס געשעפט וואו ער אַרבעט, שיקט אים ערגעץ אין אַ שטאָט. אַף דער באַן באַגעגנט ער זיך מיט אַ פיינער פריילן, וואָס האָט אַ פיינעם פראַנצויז, אָבער ער ווייסט ניט דערפון און זי דערציילט אים ניט; זיי ווערן כאַווער. דער פראַנצויז לאָזט איר איבער און איר טאַטע גיט איר אַ היפּשן נאַדן. ער האָט כאַסענע און צו די עטלעכע וואָכן ווערט ער טאַטע... ווידער אַן אַלט נייע געשיכטע. דזשאָני פּריצעוועט זיך אויס, ער הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז סאָפּקאָלסאָף איז דאָס ניט דעריקער... גיט זיך אָפּ מיט געשעפט, מאַכט אַ סענט און בייט איבער דאָס ווייב באַ דער ערשטער געלעגנהייט...

דזשאָן מורהאַוז האָט אַ שיין הענטל, אַ שאַרף צינגל, ער ווערט אַ צייטונגסמאַן; שפּעטער טרעט ער אַריין אַלס אַקציאָנער אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטישן טראָסט און האַלט אַפילע אַ דראָשע וועגן קאַפּיטאַל און אַר־בעט... אויסערגעוויינלעך איינדרוקספול איז דער געשפּרעך צווישן מור־האַוז מיטן עסדעק מיסטער באַראָ, אַ „געשמאַקער״ פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. מען זעט בוילעט ווי די צוויי לייט פאַרשטייען זיך איינס ס'אַנדערע... האָבן דאָך די סאָציאַליסטן גע־שטיצט דעם קאַפּיטאַל אין צייט פון מילכאָמע.

עס איז ערעוו דער וועלט־מילכאָמע און דער גרויס־קאַפּיטאַליסט דאַרשנט אַף אַ באַנקעט:

„עס קומט אַמעריקעס גרויסע געלעגנהייט... איך קום אָן מיינע הערן, ערשט פון אייראָפּע און איך קען אייך פאַרזיכערן אַז ווער עס זאָל ניט אַרויס דער זיגער, וועט אייראָפּע בלייבן נאָך דער מילכאָמע עקאָנאָמיש רואינירט די דאָזיקע מילכאָמע איז אַמעריקעס גרויסע געלעגנהייט...”

דזשאָן מורהאַוז־ראָקפעלער־פאָרד־וואַנדערבילט־בלייכרייזער (זיי קו־קומען באַ מיר אוים ווי אַ הידרע מיט טויזנט קעפּ...) האָט קיין טאָעס אין כעשבן ניט געמאַכט...

דער מעכאַבער קערט זיך אָפּ אַ ווײַלע פון מורהאַוזעס לבענסגעשיכטע, אָפּצושילדערן אַ קאַצעווס אַ טאָכטער, וואָס הויבט אָן אַלס פאַרקויפערן אין אַ קלייט און אַרבעט זיך אַרויף ביז אַ אונטערנעמערן צו דעקאָרירן די קאַנטאָרן פון דזשאָן מורהאַוז; ער הויבט אָן די געשיכטע פון עוועלין האַטשינס, אַ גאַלעכס אַ טאָכטער וואָס פאַרשטייט קונסט, באַזוכט קונסט אויסשטעלונגען און... ווערט די אינטימע כאַווערטע פון דער דעקאָראַטאָרן.

אַזוי דרייט זיך ס׳רעדל, נאָר אָט דערטראָגן זיך יעדיעס:

## „דער צאַר פאַרלירט ס׳געדולד צו עסטרייך”. — „די וועלט־מילכאָמע דערנענטערט זיך”. — „אַ רעצייעך האָט דערמאָרדעט דעם דעפּוטאַט זשאָרעס”.

עס ברעכט אויס דער וועלט־פלאַקער; דזשאָן מורהאַוז שטעלט זיך צו דינסט זיין רעגירונג; די פּאַטריאָטישע מיידלעך לאָזן זיך קיין פראַנקרייך אַלס קראַנקן־שוועסטער. אַמעריקע ווערט דורך ווילסאָנען אויך אַריינגעשלעפּט אין דער מילכאָמע. די קאַפּיטאַליסטן נאַרן אַריין נאַיווע יונגעלייטלעך אין דער אַרמיי און שיקן זיי קיין פראַנקרייך. דאָס שלום־בילד אין מענטשלעך און זייער רירנד. טשאַרלי אַנדערסאָן, נאָך אַ העלד פון בוך, איינער אַזאַ נאַיווער באָכער וועמען מ׳האָט פאַרנאַרט, געפינט זיך אָף אַ קריג־שיף וואָס פירט אים קיין פראַנקרייך.

„מיין היים”, זאָגט ער, „איז אין פאַרגאָ, נאָרד־דאַקאָטאַ”. דער וועכטער הייסט אים שווייגן; טשאַרלי רעדט ווייטער: „פראַנקרייך איז זייער ווייט, ערגעץ אין מיזרעך זייט... אונטערוואַסער־שיפן... מילכאָמע”. דער וועכטער מאַכט אים ווידער אַ צייכן ער זאָל שווייגן און ער בלייבט שטיל...

די דאָזיקע וואונדערלעכע עפּאָפּייע פונעם אַמעריקאַנער לעבן האַקט אָפּ באַם אָנהויב פון דער גרויסער וועלט־מילכאָמע, אָבער עס הערט זיך שוין אין דעם אַן אָנזאָג אָפן קומען פון אַנדערע וואָס וועלן ערשט ריידן.

דזשאָן דאָס פּאַסאָס דערציילט אונדז אויך פון דעם ניו־יאָרקער אידישן זייגערמאַכערס זון בעני קאָמפּטשינסקי, וואָס הייסט אין אַמעריקע בען קאָמפּטאָן, וואָס ווייסט וועגן יודזשין דעבס און אַז אַליין שטודירט ער אָף אַדוואָקאַט, ווייל ער וויל זיין אַ גוט־אָנגעשאַרפטער אינסטרומענט און אַז „מיר מוזן קעמפן קעגן די קאַפּיטאַלסיטן מיט זייער אייגענע וואָפן...”

דאָס בוך האָט דער מעכאַבער אָנגערופן **„די 42־טע פּאַראַלעל"**, ווייל דער מאַנהעטן אינדזל, אױף װעלכן ס'שטייט ניו־יאָרק, געפינט זיך אױף דער דאָזיקער פּאַראַלעל, וואָס באַרירט דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, און ער האָט זיך פאַרמאָסטן אונדז צו ווייזן די טיפסטע טיפּעבישן פונעם אַמעריקאַנער לעבנס־אָקעאַן וואָס שטראָמט צונויף פון טשיקאַגאָ, וואַשינגטאָן, פילאַ־דעלפיע, פיטסבורג אין אַלע אַנדערע שטעט אױף דער 42־טער פּאַראַלעל, אין ניו־יאָרק.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן און עס איז אים געאָויניש געלונגען; זיינע שילדערונגען האָט ער, אָבער, ווי איך האָב געזאָגט, אָפגעהאַקט, ניט פאַר־ענדיקט, ווייל דאָס לעבן האָט זיך ניט אָפגעשטעלט, ס'איז ניט פאַרגלי־וערט געוואָרן.

די מילכאָמע מיט אירע גרוילן איז פאַריבער און ס'האָט אויסגע־בראָכן דער „שאָלעם" מיט זיינע צאָרעס. עס איז געקומען דאָס יאָר 1919 און אונדזער קינסטלער האָט אויפגענומען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די וועלט־געשעענישן, האָט אינטואיטיוו מיטגעמאַכט די ווייטערדיקע לעבנס עטאַפּן פון זיינע העלדן, איז אינספּירירט געוואָרן, און האָט אָנגע־שריבן דאָס צווייטע מייסטערווערק **„1919"**.

דערווייל ווילן מיר בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אױף זיין סטיל. ווי די געדאַנקען זיינען באַ אים שאַרף און בליציק, ווי דינאַמיטיש זיי רייסן אויף אין לייענערס מויעך אַזוי איז דאָס לאָשן זיינס — אַ וואָרט און אַ קאָמע, אַ באַזונדערע שורע פון צוויי ווערטער אינגאַנצן אָן פונקטן, און אַריבער אױף אַ נייער שורע. ווער עס קען אים ניט, קומט אים עפּעס אויס מאָדנע פון ערשטן בליק, אַ מין געקינצלקייט, אָבער אין דער עמעסן זיינען דאָס שפּליטערן וואָס לייגן זיך אויס אין אַ פעלז־פעסטן האַרמאָנישן ביניען, און דזשאָן דאָס פּאַסאָס גיט איבער מיט דער דאָזיקער אָריגינעלער „געבראָ־כענער" שפּראַך זיינער די דינסטע ניואַנסן פון אַלע זיינע געדאַנקען און געפילן, בעסער איידער אַנדערע קינסטלער מיט דער גאַנצער פונקטואַציע זייערער.

**2.**

אום עס זאָל קלאָר ווערן, פאַרוואָס איך באַטיטל דזשאָן דאָס פּאַסאָס אַלס איינעם פון די אָריגינעלסטע סאָציאַלע קינסטלער, וועל איך פּרייער מיך אָפּשטעלן אױף זיין אויפן פון קאָנסטרואירן ליטעראַרישע ווערק.

נעמט דזשאָן גאַלסוואָרטי, דעם ראַפינירטן מייסטער פון בילדערי־שער לאַנדשאַפט, פון סאָציאַלע קאָנטראַסטן און שאַרפער איראָניע, נעמט טאָמאַס האַרדי, דעם פּעסימיסטישן קינסטלער־פּסיכאָלאָג און שילדערער פון דער ענגלישער פּראָווינץ, נעמט טעאָדאָר דרייזער, אַפּטאָן סינקלער— נעמט וועמען איר ווילט, וועט איר זען, אַז קיינער אין דער וועלט, באַ זייער גאַנצער גרויס און פאַרשידנאַרטיקייט, האָט ניט אַנטפּלעקט אַזאַ פולשטענדיק נייעם און אייגנאַרטיקן סטיל.

און די נייקייט באַשטייט אין דעם:

די ערשטע זייט פונעם בוך „1919", ווי פון בוך „די 42־טע פּאַראַ־לעל", איז אַ פּאַדערזייט פון אַ צייטונג, פול מיט טעלעגראַמעס און פּאָלי־ציי־נייעס, ווייטער קומען פאָטאָגראַפיעס, נאָכדעם אַ „לייט אַרטיקל" און שפּעטער אַ ליטעראַריש בילדל — דאָס אַלץ קען הייסן איין קאַפּיטל. דאָס צווייטע קאַפּיטל הויבט זיך ווידער אָן מיט צייטונגס־טעלעגראַמעס, מיט אַ פריש לייט־אַרטיקל, אַ צווייט בילד אָדער די פאָרזעצונג פונעם ערשטן אין פאַל ס'איז לאַנג, ווי צ. ב., אַ ראָמאַן, וואָס ווערט געדרוקט אין פאָר־זעצונגען אין אַ צייטונג.

און נאָכדעם, ווי איר זענט פאַרטיק געוואָרן מיטן איבערלייענען דעם קאָמפּלעט פון די דאָזיקע אָריגינעלע „צייטונגען", הויבט איר ערשט אָן דערפילן, אַז דאָס איז אַ שפּיצל אַזאַ פון אַ געבענטשטן קינסטלער, וועל־כער האָט פאַר אייך אָנגעהויפנט דאָס שטורמישע הייגטצייטיקע לעבן מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען, מיטן גאַנצן הו־האַ, דעם מוירעדיקן כאָאָס און האָט אונדז, פאַריינוועגס, אויך געוויזן אַ דערעך, דעם איינציקן ברייטן שליאַך צו אַ ניי לעבן און אַ נייער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט.

זיינע „לייט אַרטיקלען" זיינען די פּאָרטרעטן פון די רוזוועלטס; מיס־טער ווילסאָן, דער פּרעזידענט וואָס האָט גערעדט אַסאַך און גאָרניט גע־זאָגט, וואָס האָט עפּשער געטויגט פאַר פּראָפעסאָר אין אַ בירגערלעכן אוניווערזיטעט, אָבער האָט גאָרניט געזען און געהערט אין לעבן; מאָר־גאַן — די גרויסע געלט־שפּין, וואָס נאָגט די גאַנצע וועלט; פּאָרטרעטן פון די בורזשואַזע דערפינדער און געלערנטע, די עדיסאָנס און שטיינ־מעצס, וואָס פאַרנעמען זיך בלויז מיט דעם, וואָס מ'קען פריער אויס־פּרואוון... זיינען טויב צו דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, האָבן ניט צו טון מיט קיין געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווייל זיי זיינען „העכער" פון פּאָליטיק — זיי דינען בלויז דעם קאַפּיטאַליסטישן אַפּאַראַט, ביז זיי נוצן זיך אָפּ און שטאַרבן.

אַלס קאָנטראַסטן צו די דאָזיקע „לייטנדע פּערזענלעכקייטן" קומען פּאָרטרעטן פון אַזעלכע, ווי יודזשין דעבס, די ליכטיקע פּערזענלעכקייט, „דער מענטשנפריינט", ווי דאָס פּאַסאָס רופט אים אָן, וואָס איז פאַרפּיי־ניקט געוואָרן אין דער אַטלאַנטער טורמע פונעם געלט־גאָטס געטרייען דינער, זיין עקסעלענץ, וואודראו ווילסאָן; אַ פּאָרטרעט פונעם „ספּאָרט יונג" דזשעק ריד, דעם נאָרד אַמעריקאַנער מאַרשאַלס זונדל, וואָס „איז געווען אַ וואוילער יונגערמאַן, איז ניט געווען קיין איד אָדער סאָציאַליסט", האָט געהאַט אַ פיינע אויסשפּראַך, האָט זיך אויסגעאיידלט אין האַר־ווארד, ווי עס פּאַסט פאַרן טאַטן דעם מאַרשאַל... ער איז אָבער געוואָרן קריגס־קאָרעספּאָנדענט, האָט צופיל געזען מענטשלעכן עלנט און אומ־גליק, ער זאָל קענען בלייבן גלייכגילטיק, און ער האָט זיך איבערגע־קערט... דער מעכאַבער דערציילט אייך, אַז: —

„דזשאָן ריד איז געווען דער בעסטער אַמעריקאַנער שרייבער פון

זיין צייט, אויב עמיץ האָט געוואָלט וויסן וועגן דער מילכאָמע, האָט ער עס געקענט לייענען אין די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן

„וועגן דעם דייטשן פראָנט,
„דער סערבישער מאַפּאָלע,
„סאַלאָניקי,
„פון יענער זייט פראָנט אין דער וואַקלענדיקער אימפּעריע פונעם צאַר"

און

„אין 1917
„איז ער געווען מיט די סאָלדאַטן און פויערים אין פּעטראָגראַד אין צייט פון אָקטאָבער
„סמאָלני.
„צען טעג וואָס האָבן דערשיטערט די וועלט".

ער האָט זיך געזעגנט מיט דער מאָלערישער מעקסיקע, עס איז געוואָרן אוים מיטן האַרוואַרדער ספּאָרט-קלוב, מיט שרייבן גראַמען, מיט שיינע קאָרעספּאָנדענצן פון אַ מילכאָמע-קאָרעספּאָנדענט. עס איז קיין צייט ניט געווען דערפאַר. ווילסאָן האָט אָנגעשטאָפּט די טפיסעס. אין האַרוואַרד האָבן אַלע געדינט אין דער געהיים פּאָליציי צו פאַרזיכערן די וועלט פאַר דער מאָרגאַן-בייקער-שטילמאַן-באַנק קאָמבינאַציע.

די וועלט איז ניט מער פאַר וויצן
קאַנאָנען, דונערן און בליצן.
עס הערשט כורבן, סרייפעס, וואַנצן, לייז, כאָליערע, טיפוס.
און די פענצטער פונעם סמאָלני ברענען ווי צעגליט שטאָל. אין סמאָלני שלאָפט מען ניט.

„דער ריז סמאָלני אַרבעט 24 שאָ אין מעסלעס און וואַרפט אַרויס מענטשן, האָפענונגען, אימפּולסן,

„רויען מאַטעריאַל
„פאַר די יעסוידעס
„פון אַ נייער געזעלשאַפט.
„דזשאָן ריד האָט אַריינגעוואָרפן אַלץ, וואָס ר'האָט פאַרמאָגט און זיך אַליין אינעם סמאָלני,
„דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט;
„ר. ס. פ. ס. ר.
„די ערשטע אַרבעטער רעפּובליק
„איז געגרינדעט געוואָרן און האַלט זיך.
ריד האָט געשריבן, גענומען אַף זיך מיסיעס, שפּיאָנען האָבן געלויערט אַף יעדן טריט, ער האָט געאַרבעט ביז ער איז געפאַלן,
„ער האָט געכאַפּט אַ טיפוס און איז געשטאָרבן אין מאָסקווע."

* * *

און בא דער זייט פון דער וואונדערלעכער פּובליציסטיק, קומען רעאַ־ליסטישע שילדערונגען און בילדער: ס'ווערן אויפגעוויקלט פאַרבנרייכע לייוונטן; עס לעבן פאַר אייערע אויגן און וויברירן לעבעדיקע מענטשן פון אַלע קלאַסן און שטאַנדן.

אַט זעט איר אַ נאַיוון באָכער (דזשאָי וויליאַמס), וועמענס דערציונג איז באַשטאַנען אין כאַפּן קליינוויין ברוטאַלע שמיץ פונעם פאָטער. זיין גאַנצע עקזיסטענץ דרייט זיך אַרום: אָדער זוכן אַ פּאָסטן אַף אַ שיף אַלס מאַטראָס, אָדער אין אויסבראַנגען אַף ווייבער, איז פאַרטרינקען זיינע עטלעכע דאָלאַר נאָכדעם, ווי ער האָט אַזאַ פּאָסטן באַקומען. ער גייט אי־בער פון איין שיף אַף דער אַנדערער, מאַכט דורך פאַרשידענע אַוואַנטו־רעס, ביז ער כאַפּט מיט אַ פלאַש אין קאָפּ אַף אַ נאַכט-הוליאַנקע און אוים דזשאָי וויליאַמס...

אַ סאָף פון אַ ציללאָזער און זינלאָזער עקזיסטענץ — איינער פון אַ סאַך.

זיין שוועסטער דזשייני פּאָרט מיט קיין פּאַריז מיט דזשאָן מורהאַוז דעם פּאַטריאָטישן קאַפּיטאַליסט, וואָס אָפּפערט זיך פאַרן פאָטערלאַנד פאַר איין דאָלאַר אַ יאָר, אַלס סעקרעטאַרשע... עוועלין האַטשינס און עלעאָנאָר סטאַדאָרד, דעם גאַלעכס טאָכטער און דעם קאַצעווס טאָכטער (די „גוט דערצויגענע", ווי די אַרויפגעאַרבעטע פאָלקס מיידל), וואָס זיי־נען געקומען קיין פּאַריז אַלס קראַנקן שוועסטער, באַגעגענען זיך מיטן קאַרפּן-קאָפּ מורהאַוז און דינען אים בעשאַס מילכאָמע, ווי זיי האָבן אים געדינט אין ניו יאָרק בעשאַס שאָלעם... אַלע הוליען און הולטאַיעווען, בזיעפן און שיקערן „פאַרן פלאַג און דעמאָקראַטיע". זיי זיינען זיך מאַק־ריוו, זיי באַקומען בלויז איין דאָלאַר אַ יאָר יעדער איינער!..

* * *

אַ גרויסער מאַידים איז דאָס פּאַסאָס אין שילדערן די זינלאָזיקייט, די פּוסטע עקזיסטענץ פון זיינע בורזשואַזע טיפּן. דזשאָי וויליאַמס, וועמ־ענס גאַנץ לעבן רעדוצירט זיך צו סעקס און מאָגן, דער קאַפּיטאַליסט מורהאַוז, דזשייני וויליאַמס, די סעקרעטאַרשע, עלעאָנאָר סטאַדאָרד, מור־האַוזעס פּילעגעש, דער עס-דעק באַראָ, דער אַריסטאָקראַטישער קאַפּיטאַן סאָוואַדזש, אַן-עליזאַבעט טרענט, אָדער „טאָכטער", ווי דער מעכאַבער רופט איר, ווי לעבעדיק זיינען די אַלע געשילדערט, ווי היימיש זיי ווערן אייך, גלייך איר זאָלט זיי האָבן געקענט אין פאַרלויף פון יאָרן; און ווי בייסנד דאָס פּאַסאָס איראָניזירט איבער זיי און שטעלט אַרויס זייער ליי־דיקייט און לעבערלעכקייט.

אַ גרויסער מיטלייד כאַפּט אייך אָן מיט דער דאָזיקער גאַנצער כאַ־ליאַסטרע אַמעריקאַנער פּוסטע זוילעל-וועסוויועניקעס אין פּאַריז, וואָס זיינען זיך צעניופגעקומען „ראַטעווען" די וועלט און האָבן פאַרלאָרן זייער מענטשלעכן פּאַרצעף, די נאָבעלע דינער פון דעם געלט-מאַגנאַט און וואָפן־פאַבריקאַנט!

* * *

דער קינסטלער הויבט אָן פון זייער קינדהייט, זייערע עלטערן און סוויווע, זייער דערציונג אָדער פעלן פון דערציונג — דער מענטש וואַקסט פאַר אייערע אויגן פון זיינע ערשטע טעג. און מענטש מיט מענטש באַגעגנט זיך, גוירל מיט גוירל שטויסט זיך צוזאַמען. ווי טאַלאַנטפול איבערצייגט ער אייך אינעם קאַפּיטל „טאָכטער", אַז אַן־עליזאַבעט טרענט, דעם אַמעריקאַנער סויכערס טאָכטער, איז די קאָפּיע פון מיליאָנען אַזעלכע סאָכרישע טעכטער — אַ סימוואָל... דאָס מיידעלע וואַקסט אין עסיק און האָניק, זי איז קאַפּריזנע, זי נעמט זיך איבער, די טאָכטער, און ווען זי וואַקסט אויס אַ ליידי, כאָלעמט זי פון שיינע ריטער און אַוואַנטורעס און צוליב דעם אַליין ווערט זי אַ סאָציאַל דעמאָקראַטקע, זי לאָזט זיך אין צייט פון מילכאָמע (ווי אַלע סאָציאַליסטן) „ראַטעווען" דאָס פאָטערלאַנד, קומט זיך צונויף איז פאַריז מיט דער קנופּיע אַמעריקאַנער פאַטריאָטן; זי ווערט טראָגנדיק פונעם ריטערלעכן קאַפּיטאַן סאַוואַדזש, כאָלעמט פון אַ פאַמיליען לעבן, פון קינדערלעך, דער קאַפּיטאַן זאָגט אָבער, אַז ער קען ניט כאַסענע האָבן איצט, ווייל ער דאַרף פריער זיך אַרויפאַרבעטן, מאַכן אַ קאַריערע, זאָל זי דערווייל דאָס קינד טויטן און נאָכן אונטערצייכענען דעם שאָלעם וועט ער זען...

דער מעכאַבער שילדערט באַ דער געלעגנהייט, ווי אין אָונט פון דעם זעלבן טאָג, ליגט זיך אַזוי קאַפּיטאַן סאַוואַדזש צווישן זיינע ליילעכער באַ זיך אין שלאָפצימער, ער קען נעבעך ניט שלאָפן. פאַר זיינע אויגן זעט ער בילדער פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און אונדזער גרויסער מייסטער איראָניזירט און גיסט אַף די קעפּ פון זיינע העלדן אַזאַ סאַרקאַזם:

„אָט ליגט ער אַליין אין בעט. אין פאַריז איינער אַליין אין בעט... אָרימע אַן־עליזאַבעט, אָרימער סאַוואַדזש. ער ליגט און ציטערט. דער אָרימער דיק וועט דאַרפן אַרבעטן ווען ס'וועט קומען דער שאָלעם. עס איז אים נעבעך קאַלט. אָרים אינגעלע... ער ציט צונויף די פיסעלעך. די אָרימע פיסעלעך. נאָכדעם, ווי מען וועט אונטערצייכענען דעם שאָלעם... שאַט, די פיס הויבן שוין אָן זיך צו דערוואַרימען, ער ווערט אַנטשלאָפן.

אַן־עליזאַבעט האָט זיך, אַ פאַרצווייפלטע, אָנגעשיקערט, אַן אַוואַנטוריסטקע פון דער נאַטור, האָט זי, אַ שיקערע, געבעטן דעם מיליטערישן אַוויאַטאָר מיט וועמען זי האָט געטרונקען, ער זאָל איר נעמען דורכפליען אַף זיין אַעראָפּלאַן און זיי ווערן ביידע דערהאַרגעט.

ווי זינלאָז עס איז געווען דאָס לעבן, אַזוי איז געווען דער טויט.

און דער עס־דעק באַרא, דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, דער געטרייער דינער פון מאָרגאַנען און ווילסאָנען אין מילכאָמע־צייט, ווי לעבעדיק קומט ער אַרויס און ווי כאַראַקטעריסטיש איז פאַר די מענשעוויקעס פון דער גאַנצער וועלט פאָלגענדע לידל:

„מאַגידים מיט לאַנגע האָר
„דערציילן אייך אַ גאַנץ יאָר

„וואָס איז רעכט
„און וואָס שלעכט.
„אָבער ווען איר בעט באַ זיי ברויט
„ענטפערן זיי: ברויט — נאָכן טויט...
„אַף יענער וועלט
„ווערט איר האָבן געלט,
„אויבן אין הימל איז אַ ליכטיקע וועלט,
„דאָרט וואַלגערט זיך געלט
„און גאַנצע שטיקער טאָרט
„כאַפּט איר דאָרט
„אויב נאָר אַהין איר פאָרט..."

* * *

דזשאָן דאָס פּאַסאָס ווייסט אויך דעם סאָד האַצימצעם, אין זעקס שו־רעס מאָלט ער אייך אָפּ אַ פּאַריזער זון־פאַרגאַנג, אַ לופט־אַטאַקע און ווען ער זאָגט, אַז צוויי רייען בוימער האָבן אויסגעזען ווי צוויי רייען אויסרוף־צייכנס, אָדער, רײדנדיק פון אַ העלד, — זיין שטימע האָט זיך געלאָזט הערן ווי אַ קאַליע אויטאָ־מאָטאָר — באַקומט איר די בילדערישע פאָר־שטעלונג פון דער אידעע, וואָס ער וויל אויסדריקן.

עס קומט דער מאָמענט פון אונטערצייכענען דעם שאָלעם, די אַמע־ריקאַנער ציוויליזאַציע־רעטער, אַנגעזשוליעוועט זיך און אַנגעהולטאַיע־וועט, פאָרן זיי, די „העלדן" צוריק אַהיים. אָבער ניט אַלע העלדן זיינען אַזעלכע. די עמעסע העלדן, די פאַרפירטע, אומשולדיקע סאָלדאַטן, די ג. אַמעריקאַנער אַרבעטער און פּויערים, זיינען צוליב די בלוטזויגער און אויסוואורפן, געפאַלן אין די טויזנטער אַף די פראַנצויזישע שלאַכט־פּעל־דער.

אומפאַרגעסלעך איז דער רוישעם פון דעם קאַפּיטל „אַ קערפּער פון אַן אַמעריקאַנער", אין וועלכן עס ווערט געשילדערט אַן אַנדער העלד און אַזאַ איז דער אינהאַלט: דזשאָן דאָי, דער פאַלקסמענטש, ווענען מ'האָט באַנדיטיש פאַרנאַרט אַף דער מילכאָמע, האָט די גאַנצע צייט געוואָלט אַהיים; ער האָט שרעקלעך געבענקט און איז געווען דערשלאָגן. ער ווייס ניט פאַרוואָס און צו וואָס האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אינעם מילכאָמע געהענעם. און אָט גייט ער אַף אַן אַטאַקע, איינער צווישן טויזנטער. ער גייט איבער אַ ברייט פעלד, וואו וועלדער שמעקן פון ווייז, פון עפּל, שפּרינגערס און זינגערס טאַנצן אַרום אין גראָז צווישן די פיס און אַנט־לויפן דערשראָקענע. און אָט פאַלט ער, ער פילט, ווי דאָס בלוט רינט פון אים. די ערד האָט דאָס בלוט איינגעזאַפּט, די געהירן, וואָס זיינען אַרויס פונעם צעשמעטערטן שאַרבן, האָבן די שטשורעס פון דער טראַנשייע אויסגעלעקט. שפּעטער האָט מען אים געפונען, מ'האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ טרונע, אַרומגעוויקלט מיטן פּאַטריאָטישן פלאַג, אַוועקגעשיקט מיט אַ שיף אַהיים און דאָרט האָט מען געהאַלטן ערנוואַך...

„און מיסטער האַרדינג האָט געבעטן גאָט און די דיפּלאָמאַטן און די גענעראַלן און די פּאָליטיקער און די שיין געקליידעטע דאַמען און מ'האָט אויסגעשאָסן דריי זאַלפּן..."

און דאָרט וואו זיין האַרץ האָט געזאָלט זיין, האָט מען צוגעשפּיליעט מעדאַלן מיט מעדאַלן, דעם בעלגישן קריגס-ציילעם, דעם מיליטערישן מע־דאַל, דעם איטאַליענישן גאָלד-מעדאַל, דער קייזערן מאַריע פון רומעניעס מעדאַל, דעם טשעכאָסלאָוואַקישן מילכאָמע-ציילעם און — ווער האָט עס קויעך אַלע אויסצורעכענען.

נו, פרעג איך אייך, קען מען צו זיי עפּעס האָבן, זיי באַלוינען פיין די קאָרבאָנעס זייערע...

אָבער ניט אַלע סאָלדאַטן זיינען געבראַכט געוואָרן אַהיים אין טרו־נעס. צום גרויסן אומגליק פון די האַרדינגס און מאָרגאַנס, האָבן זיך אויך לעבעדיקע אומגעקערט, לעבעדיקע קריגער, וואָס די מילכאָמע האָט גע־עפנט זייערע אויגן און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט קעמפן פאַר אַן אַנ־דער זאַך... אויך זיי האָבן די קאַפּיטאַליסטן באַלוינט און צו הערן ווי אַזוי, מוז איך איבערגעבן דעם אינהאַלט פון קאַפּיטל „פּאָל בוניאַן".

* * *

ווען וועסלי עווערעסט איז צוריקגעקומען פון איירּאָפּע און איז גע־וואָרן אויס סאָלדאַט, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיין אַרבעט אַלס האָלץ אַרבעטער. וועסלי עווערעסט איז געווען אַ גוטער שיסער. ער האָט באַקומען אַ מעדאַל פאַר זיין גוט שיסן. אויך פּאָל בוניאַן איז געווען אַ האָלץ אַרבעטער, אָבער וועסלי עווערעסט האָט זיך דערוואוסט אַז 1802 אַקציאָנערן פאַרמאָגן טויזנט צוויי הונדערט אַכט ביליאָן מיט אַכטהונ־דערט מיליאָן קוואַדראַט פוס געהילץ, דאָס הייסט אַזוי פיל, אַז ס'וואָלט גענוג געווען צו מאַכן אַ שווימענדיקע בריק פון מער ווי צוויי פוס די גרעב, און פינף מייל די ברייט פון ניו־יאָרק קיין ליווערפּול."

ער האָט אויך געוואוסט אַז דאָס האָלץ גייט אַף שיפן, הייזער, קאַ־טאַלאָגן און אַף נאָך אומצאָליקע זאַכן; די שטרייק אָרגאַניזירער האָט ער געהערט זאָגן, אַז די וועלדער דאַרפן געהערן צום גאַנצן פאָלק, אַז דער אַרבעטער דאַרף האָבן אַ ריינע דירע, געזונט עסן און אַן אַכט שאָעדיקן אַרבעטסטאָג. די אַרבעטער פון דער קריגס אינדוסטריע האָבן, דאַקעגן, בוניאָנען אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ די אידייע פון אינדוסטריעלער דעמאָ־קראַטיע...

די האָלץ אייגנטימער זיינען געווען פּאַטריאָטן. זיי האָבן געוואונען די מילכאָמע (איר טאָרט ניט פאַרגעסן, אַז פאַר דער צייט פון דער מיל־כאָמע האָט די פּרייז פון האָלץ געשטיגן פון 16 דאָלאַר טויזנט פוס, צו 116 דאָלאַר).

דאָס אַלץ האָט וועסלי עווערעסט געוואוסט, אָבער פּאָל בוניאָן איז געבליבן דער זעלבער פינצטערער קנעכט.

און ווען ס׳איז געקומען אַ שטרייק און די פינסטערע בוניאַנס, די מעשאָרסים פון דער קריגס אינדוסטריע, האָבן זיך געוואָרפן אָף די ליבּ־טיקע קעמפער, די עוועריסטס, האָבן זיי פאַרביטערט געקעמפט — ניט אומזיסט זיינען זיי אין דער מילכאָמע געוואָרן גוטע שיסער...

דערשיטערנד איז דאָס בילד, וואָס ווייזט אונדז, ווי עוועריסט קעמפט מיט דער ביקס אין האַנט, איינער קעגן אַ גאַנצן צעווילדעוועטן האַמוין וואָס וויל אים לינטשן (אָן ענלעך בילד, וואָס קען זיך פאַרגלייכן מיט דער שאַרפקייט פון די פאַרבן, נאַטירלעכקייט און טאַלאַנטירקייט, האָב איך געלייענט בּאַ אונדזער אַפּאַטאָשו, מיטן איינציקן אונטערשיד, וואָס בּאַ אַפּאַטאָשו לאָזט זיך דער נעגער לינטשן און זאָגט טילים בעשאַס מייסע, בעאיים אין „1919״ קעמפט אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער קעגן אַ עקלהאַפטן, פינצטערן האַמוין מענטשן־כייעס). ער דערהאַרגעט עטלעכע, ווען עס גייען אוים די קוילן, וואַרפט ער זיך איבערשווימען אַ טייך, אָבער ער איז דאָך איינער, כאַפּט מען אים ענדלעך, מ׳זעצט אים אוים די ציין מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס, מען ברענגט אַ שטריק און מ׳הויבט אים אָן הענגען, נאָר אַ פרוי שטעלט זיך איין און נעמט אים אַראָפּ די שטריק פון האַלדז, דאַן פירן זיי אים קלוימערשט אַוועק אין טפיסע און אָפן וועג, בעאיים ועסלי עוועריסט ליגט אַ פאַרפייניקטער און צעקלאַפּטער אין וואָגן, נעמט אַרוים איינער פון די נאָכיאָגער, אַ סוי־בער פון סענטראַליע, אַ ברייטווע און מאַכט אים אוים מאַנסביל... עס דער־הערט זיך אַ שווידערלעכער קרעכץ און אין אַ ווײַלע אַרום בעט זיך עווע־רעסט: דערשיסט מיך, מענטשן, לאָמיך אַזוי ניט ליידן...

דעם צעקאַליטשעטן, פאַרפייניקטן קערפּער האָט מען אַריינגע־קוועטשט אין אַ סכוירע־קאַסטן און באַגראָבן און, דער קינסטלער גיט צו מיטן נוסעך פונעם כומעש: —

און קיינער ווייסט ניט, וואו מען האָט אים באַגראָבן...

אָבער פאַרוואָס ער איז געפאַלן געדענקט מען און זיין נאָמען לעבט און ווירקט.

אַזוי האָט מען באַצאָלט די לעבן־געבליבענע, די, וואָס געלייטערטע אין גרויסן געהענעם, האָט זיך זיי געעפנט די אויגן און זיי האָבן אָנגע־הויבן פאָדערן אַ מער מענטשלעך לעבן!

די נאָרד־אַמעריקאַנער פאָליציי איז באַנדיטישער אַפילע פון דער צאַ־רישער, די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע אין דאָרט שטאַרקער, ווי אין דעם אָפּגעשטאַנענסטן לאַנד, אָבער דער פּראָלעטאַריאַט ווערט פונדעסטוועגן שטאַרקער און אַ באַוועגונג גייט אָן.

אָף וויפל דער אידישער ביטראָג איז וויכטיג און גרוים פאַר דער אַרבעטער־זאַך אין נאָרד־אַמעריקע, קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס דער מעכאַבער האָט אַריינגעשריבן אין בוך אַ גאַנץ קאַפּיטל, וואָס סימ־וואָליזירט דאָס אויפקומען פון אידישע רעוואָלוציאָנערן.

* * *

בען קאַמפּטאָן, אָדער בעני קאַמפּטשינסקי, איז געבוירן געוואָרן אין ברוקלין, בא אַ טאַטן אַ זייגערמאַכער; ער איז געגאַנגען אין שולע. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ שוואַך קינד. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט מען אים אָנגעטון ברילן. מיט דער צייט וואַקסט ער אויס, הויבט אָן צו זוכן אַרבעט, צו קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ, ער באַקענט זיך מיט אַן איטאַליענער. דער איטאַליענער דערציילט אים, אַז זיין טאַטע איז געווען אַן אַנאַרכיסט, זיינע ברידער אויך און ער אויך. ער דערציילט בענין פון באַקונין און מאַלאַטעסטאַ און זאָגט אים, אַז ער מעג זיך שעמען דער־פאַר, וואָס ער וויל ווערן אַ רייכער געשעפטסמאַן; אַוודע דאַרף ער לער־נען, עפשער וועט ער ווערן אַן אַדוואָקאַט, אָבער ער דאַרף אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע און פאַרן אַרבעטער קלאַס. צו ווערן אַ סויכער, מיינט צו ווערן אַ היי־פיש און אַ רויבער. בעני ווערט אַזוי פאַמעלעך אַ רעוואָלו־ציאָנער, דער פאַטער, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ זון אַן אַדוואָקאַט, טרייבט אים אַרויס פון שטוב. ער שטודירט יוסטיץ, אָבער אָרגאַניזירט פאַריינוועגס שטרייקן. עס קומט זומער **1917** און בען קאָמפּטאָן איז קעגן מילכאָמע און עס קומט זומער **1919** און ער איז אַ רויטער, און זיין אַ רוי־טער, זאָגט דער מעכאַבער, אין זומער **1919**, איז געווען געפערלעכער איידער — אַ פּאַציפיסט אין זומער **1917**...

ווען ס'איז געקומען דער רוסישער אָקטאָבער האָבן זיך אַלע בליקן געווענדעט קיין מאָסקווע. מוט און האָפענונג האָבן אָנגעפילט די הערצער פון די פּראָלעטאַרישע קעמפער אין אַמעריקע און בען קאָמפּטאָן איז אין די רייען; ער איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. אין אַ רעדע זאָגט ער:

„די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען גראָבן אויס זייערע אייגענע קוואַ־רים, שיקנדיק די פעלקער צו דער שכיטע אין אַ מעשוגענער, גוצלאָזער מילכאָמע, פון וועלכער קיינער קען ניט פּראָפיטירן, אויסער די באַנקירן און וואָפן־פאַבריקאַנטן... דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס, ווי דער אַר־בעטער פון דער גאַנצער וועלט, וועט לערנען אַ לעקציע. די קריג־פּראָפי־טירער לערנען אונדז צו נוצן ביקסן; עס קומט דער טאָג, ווען מיר וועלן זיי נוצן".

ער, מיט אַן אַנדער רעוואָלוציאָנער קומען אין דער הויפט־קוואַרטיר פון די מילכאָמע אינדוסטריע אַרבעטער, אין צייט פון די שטרייקערס אַ מיטינג. די פּאָליציי כאַפּט אים איניינעם מיט אַנדערע און מ'פירט אים דורך קאַסטרוי; עס רעגנט אָף אים מיט קלעפּ פון שטעקנס און קאָלבעס ביז ער פאַלט, פאַרלירט קימאַט דעם באַוואוסטזיין און פילט נאָר, ווי אַ שווערער שטיוול שלאָגט אים אַן אויפהער אין זייט אַריין. נאָכדעם וואַרפט מען אים אַריין אין טפיסע. אַ דאַנק דעם, וואָס ס'פאַרליבט זיך אין אים אַ פאַרמעגלעכן אַדוואָקאַטס טאָכטער, נעמט מען אים אַרויס אָף אַרעוועס (מ'צאָלט איין **25.000** דאָלאַר) און מ'פאַרמישפּעט אים „בלויז" אָף **10** יאָר. אַלפידין איז אים געקומען **20** יאָר...

* * *

אַזאַ איז דער אינהאַלט פון דעם מייסטערווערק „1919".

ווי ס'איז קלאָר געוואָרן פונעם אויבנגעזאָגטן, דערהויבט דער קינסט־לער פּובליציסטיק צו דער מאַדרייגע פון עכטער קונסט און די קונסט פון שילדערן און דערציילן, וואָס ער פאַרמאָגט ניט אין קיין קלענערער מאָס פון אַלע אַנדערע גרויסע שרייבער, האָט ער געמאַכט אַקטועל און נוצלעך.

ווי גרויס זיין טאַלאַנט איז, ווי עכט זיין קונסט איז, אַזוי פאַראַנט־וואָרטלעך, מענטשלעך און אויפריכטיק אין זיין צוגאַנג צו מענטש און געשעענישן. ס'איז ניטאָ קיין אינטערעס צו זיין וועלט פאַר טעמפּע, באַ־גרענעצטע נעפּאַשעס... פאַר פּשאָרע־מאַכער, וואָס קוקן אין הימל און ווייסן ניט אַף וואָס פאַר אַ וועלט זיי גייען אַרום.

# אינהאַלט

זייט


ווי אזוי דאָס בוך איז געוואָרן — — — — — — — — — — — 5
אנשטאט א פארווארט
סעמיועל פּיפּס — — — — — — — — — — — — — — — 7
לאָרד מאַקאָליי דער עסייאיסט — — — — — — — — — 13
שעלי — דער דיכטער פון אומרו און רעוואָלט — — — 23
וואלט וויטמאַן, — — — — — — — — — — — — — — 33
אַמעריקעס גרויסער נאווי פון אַ באַנייטער מענשהייט
דזשאַן גאָלסוואָרטי דער דראַמאַטורג — — — — — — — 39
דזשאַן גאָלסוואָרטי דער נאָוועליסט — — — — — — — 73
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי — — — — — — — — — — — 89
מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי — — — — — — — — — 99
רעמבראַנדט וואַן ריין — — — — — — — — — — — 109
בערנאַרד שאָו — — — — — — — — — — — — — — 117
1. — „דער מישפּעט איבער בלאַנקאָ פּאָזנעט"
2. — „דער וואָגן עפּל"
פראַנק העררים לעצט בוך וועגן בערנאַרד שאָו — — — 135
די טראַגעדיע פון אַן אַמביציע
רענע פיליפּ מילער — — — — — — — — — — — — — 145
1. — „לענין און גאַנדי"
2. — „דער פּאַרצעף און גייסט פון באָלשעוויזם"
ווער איז דזשיאָוואַני פּאַפּיני און וואָס איז זיין בוך „גאָג" — — — — — — — — — — — — — — 171
די אויטאָביאָגראַפיע פונעם וואַנדערנדן אידן — — 179
דזשאַן דאָס פּאַסאָס — — — — — — — — — — — — 189
1. — „1919"
2. — „די 42-טע פּאַראַלעל".